STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07067

HUMORISTISHE MONOLOGN UN KURTSE ERTSEYLUNGEN

Bessie Hallowitz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעסי
האלאוויץ

הומאריסטישע
מאנאלאגן
און
קורצע
ערציילונגען

ברוק

Humorous Monologues
and
Short Stories

Copyright 1959

By BESSIE HALLOWITZ
3435 Olinville Avenue, Bronx 67, N. Y.

Printed in the U.S.A.

All rights reserved. No part of this book
may be reproduced without written
permission of the copyright owner.

Published by the author, with the cooperation of the
Parkside Benevolent Society and the Bronx Cultural Club,
New York City, N. Y., 1959

Printed in the United States of America by Futuro Press, Inc.
476 Broadway, New York 13, N. Y.

200

ג ע ו ו י ד מ ע ט —

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מ י י ן שוואָגער
מ ע ק ס ט ו ו י ן

א י נ ה אַ ל ט :

זייט

אַריינפיר, פון ר. יוקלסאָן — 7

ערשטער טייל — מאָנאָלאָגן

דער צעדרייטער — 11
די מתנה — 16
צווישן שכנים — 20
גיטעלע — 23
קינדער, צי שדים ? — 27
אַבי דאָס קינד זאָל עסן — 30
מיין מאַנ׳ס געבורטסטאָג — 34
הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען — 38
די טאָכטער מיטן איידעם, נעבעך — 41
די שטילע טויב — 45
דאָס רעדל דרייט זיך — 48
אַמאָל איז ניט היינט — 51
ס׳אַרט מיך ניט — 55
געראָטענע קינדער — 60
אַ טעפּל — 63
איבער אַ קאַרטאָפל — 66
איינינקע אַליין . . . — 70
אַ לעבן אויפן טאַפּ־פּלאָר — 74
צעבראָכענע שאַרבנס — 78
מיין מזל — 81
אַ גאַנץ יאָר וואַרט זי אויף „מוטער׳ס טאָג“ — 85
מיינע חתנים — 88
אַן איידעם אויף קעסט . . . — 92
נחת פון ערשטן איניקל — 97
צוויי־און־זעכציק — 101
גליקן פון אַ קאַסטאָמער־פּעדלער — 105
אַ פּאַרקילונג — 108

זייט

צווייטער טייל — דערציילונגען

פאַרשיידענע מאַמעס — — — — — — — — — — — — 113
אַן אַלטע מאַמע — — — — — — — — — — — — — — 115
צוויי מאַמעס — — — — — — — — — — — — — — 118
אַ מאַמע פאַרשטייט — — — — — — — — — — — — 122
ביילע און זלאַטע — — — — — — — — — — — — — 127
אין אַ הייסן טאָג — — — — — — — — — — — — — 131
זיך אַרויפגעאַרבעט... — — — — — — — — — — — 135
נחת פון דער שוויגער — — — — — — — — — — — 141
ער האָט ליב אַ קערטל — — — — — — — — — — — — 143
דאָס איז נאָך גאָרניט... — — — — — — — — — — — 147
ראָזע — — — — — — — — — — — — — — — — — 151
שרה און אירע לידער — — — — — — — — — — — — 156
די טייערסטע מתנות — — — — — — — — — — — — 161
ניין ביכער — — — — — — — — — — — — — — — 165
ביילע׳ס יום־טוב — — — — — — — — — — — — — 170
אין אַן אָפּרו־היים — — — — — — — — — — — — 173
דער סוד — — — — — — — — — — — — — — — — 177
„אַ דאַנק פאַרן רופן" — — — — — — — — — — — 181
די משפחה — — — — — — — — — — — — — — — — 185
די מתנה — — — — — — — — — — — — — — — — 189
די פלייצע — — — — — — — — — — — — — — — 194
די פאַרזעסענע — — — — — — — — — — — — — — 199
אַ חלום — — — — — — — — — — — — — — — — 202
מיין פריינדינע דאָלאַרעס — — — — — — — — — — 207
„אַ באַשיידענער מענטש"... — — — — — — — — — 210
מאַלע, וואָס אַ דאָקטאָר קאָן זאָגן! — — — — — — — — 213
אַ בילד — — — — — — — — — — — — — — — — 214
אַראָפּ פון זינען? — — — — — — — — — — — — — 215
פאַרשפּעטיקטע חרטה — — — — — — — — — — — — 217
אין אַ גרויסן שפּיטאָל — — — — — — — — — — — 220
שוין איינמאָל אַ דערציאונג! — — — — — — — — — 223

הילע געצייכנט פון ברוך זאַלצמאַן

אַרײַנפֿיר

דער בוך איז דאָס ערשטע גײַסטיקע קינד פֿון בעסי האַלאָוויץ. כאָטש זי דרוקט זיך שוין אַן ערך צוויי צענדליק יאָר, איז דאָס דער ערשטער בוך, וואָס זי גיט אַרויס. דאָס איז אַ זאַמלונג פֿון הומאָריסטישע מאָנאָלאָגן און קורצע דערציילונגען, דורך וועלכע די פֿאַרפֿאַסערין שילדערט, אויף איר אייגנאַרטיקן אופֿן, אינטערעסאַנטע ווינקלען פֿון דעם טאָג־טעגלעכן היימישן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון דעם אידישן אימיגראַנטישן דור אויף דעם אַמעריקאַנעם באָדן.

די שרײַבערין באַקענט אונז אויך מיט דעם צווייטן דור — דעם הי־געבוירענעם — די קינדער און אייניקלעך פֿון יענע אימיגראַנטן — און די אַנדערשדיקייט אין די תנועות, מאַניערן און אידייאישע באַגריפֿן, מיט וועלכע זיי אונטערשיידן זיך פֿון די טאַטע־מאַמעס און זיידע־באָבעס, וואָס פֿירן אָפֿט צו קאָנפֿליקטן צווישן די צוויי דורות.

בעסי האַלאָוויץ פֿאַרמאָגט אַ שאַרף אויג, וואָס קאָן אַרײַנבליקן טיף און אַ פֿליסיגע פֿאָלקס־שפּראַך — די הויפּט־אינסטרומענטן, מיט וועלכע זי שילדערט, לײַכט און שפּילעוודיג, מענטשן, סביבה און סיטואַציעס, דורך וועלכע דער לייענער ווערט אינטים באַקענט מיט דער פּילפֿאַרביגער גאַלעריע טיפּן און זייערע טואונגען און די אַטמאָספֿערע און אומגעבונג, אין וועלכער זיי לעבן.

אָבער כאָטש דער שרײַבערינס זשאַנר איז הומאָר און סאַטירע, איז אָבער איר צוגאַנג צו די פּערסאָנאַזשן, זייערע פּראָבלעמען און איבער־לעבונגען, אַן ערנסטע, אַן אויפֿריכטיגע. איר פֿילט, אַז דאָס אַלץ וואָס זי האָט געזען און פֿאַרצייכנט איז איר פּערזענלעך נוגע. זי לעבט־מיט די פֿריידן ווי די ליידן פֿון די אַלע מענטשן, וואָס זי פֿירט־אַרויס פֿאַר דעם לייענער.

* * *

אין אַ געוויסן זינען איז דער בוך טיילווייז אויך אַן אויטאָביאָגראַ־

פּישע פֿאַרצייכענונג פֿון דער פֿאַרפֿאַסערין. איר וועט זי דערקענען אין אַ צאָל טיפּן, וואָס זי שילדערט — ווי די אַפּיקורס׳טע אין דער דערציילונג „גיטעלע״; סאָניע — אין „מיין שוואָגער מאָטל״; רחל — אין „די טייערסטע מתנות״; ביילע — אין „ניין ביכער״ און אין „ביילע׳ס יום־טוב״, צי די יתומה — אין „אַ חלום״.

די נאָענט צו זעקס צענדליג מאָנאָלאָגן און דערציילונגען שטעלן מיט זיך פֿאַר פּאַסיקן מאַטעריאַל צו לייענען פֿאַר זיך אַליין און הנאה האָבן, אויך פֿאַרצולייענען פֿאַר געסט ביי זיך אין הויז, ווי פֿאַר אַ גרעסערן עולם אויף מיטינגען און ביי פֿאַרשיידענע אַנדערע געלעגנהייטן, וואָס וועט פֿאַרשאַפֿן גייסטיגן פֿאַרגעניגן פֿאַר די צוהערער.

אגב, איז בעסי האַלאָוויץ ניט נאָר אַ פֿליסיגע שרייבערין, נאָר אויך אַן אינטערעסאַנטע דערציילערין און אַ שפּרודלדיגע פֿאַרלייענערין.

ראובן יוקלסאָן

ערשטער טייל

מאָנאָלאָגן

בעסי האַלאָוויץ

דער צעדרייטער

פאַראַן אַ ווערטל: אַז די וועלט זאָגט משוגע, זאָלסטו גלויבן! דאָס האָט טאַקע נאָר אַ משוגענער געקענט אויסטראַכטן. אַט קוקט אויף מיר: איר זעט עפּעס? אַ מענטש, געזונט אויף אַלע חושים און דאָך האָב איך קיין אַנדער נאָמען ניט, ווי דער „צעדרייטער". פאַרוואָס? נאָר דערפאַר, וואָס איך שעם זיך מיט'ן נאָמען איד. איז וואָס איז דאָ דער חטא? איך האָב פאַרט פיינט ס'אידישע לשון, אידישע מנהגים, אידישע יום־טובים און גלאַט אידן געפעלן מיר ניט!

פאַרוואָס אידן געפעלן מיט ניט? זיי געפעלן מיר ניט, ווייל זיי געפעלן מיר ניט!

נאָך אַלס קינד האָבן מיר געוואוינט צווישן גוים, האָב איך מער ליב געהאַט זיך צו חבר'ן מיט שקצים'לעך, איידער מיט די אינגלעך פון חדר. און אין אַמעריקע, פריער אין סקול, און נאָכדעם אין קאַלעדזש, האָב איך זיך תמיד אויסגעזוכט נאָר קריסטלעכע פריינט.

געענדיקט קאַלעדזש, האָב איך געביטן מיין נאָמען פון מאָטל קאַוועמאַכער, אויף מאַיק בענעסטער. זיך באַזעצט אין אַ קריסטלעכן געגענט און איינגאַנצן געוואָלט פאַרגעסן, אַז איך בין אַ איד. אָבער גרינג צו זאָגן פאַרגעסן. ס'איז דען דאָ זיך וואו אויסצובאַהאַלטן, אַז אימיצער זאָל דיך ניט אויסגעפינען און דיר דערמאָנען אַז דו ביסט אַ איד? למשל: צו מיין באַשעפטיקונג קאָן איך פאָרן מיטן באַס, איז דאָרט אָבער געפּאַקט מיט אידן. מען רעדט, מען לאַכט — אַ לעבעדיקע וועלט! פאָר איך מיט דער באַן, כאָטש ס'קאָסט אַ סך טייערער און ס'נעמט לענגער. אָבער דערפאַר פאָרן אין באַן בלויז אַמעריקאַנער. ס'איז שטיל. יעדער איז פאַרטיפט אין אַ צייטונג, אָדער אין אַ בוך, און איך צווישן זיי. גיי נעט אָנגעטאָן. דער אַנצוג, דער שניפּס, די זאָקן און דאָס טאַשן־טיכל — אַלץ פון איין קאָליר. ס'פּנים גלאַט ראַזירט. לייען איך מיר אַן ענגלישע צייטונג און קיינעם וועט גאָר ניט איינפאַלן, אַז איך בין אַ איד. מיטאַמאָל דערפיל איך אַ שטורך אין זייט מיט אַן „העלאָ, וואָס מאַכסטו, מאָטל?!..."

איך הויב אויף דעם קאָפּ פון דער צייטונג. ערשט עס איז מיין קאָזין, דאָקטאָר שמוליעוויטש. איך פיל ווי מיין פנים ברענט פון שאַנדע פאַר די קריסטן אין באַן. בויג איך זיך צו און רוף מיך אָן צו אים אויף ענגליש: „דאָקטאָר, וואָס רעדט איר צו מיר אויף אידיש? און זעט ווי די אידישע צייטונג שטעקט ביי אייך אַרויס פון קעשענע... צו וואָס זיך אַליין אַרויסגעבן? וואָס־זשע, ס׳איז טאַקע אַ יחוס צו זיין אַ איד?״

— „פּונקט אַזאַ יחוס״ — לאַכט דער דאָקטאָר — „ווי צו זיין אַ טערק, אָדער אַ מאַכמעדאַנער״.

— „און איר הייסט נאָך אַלץ דאָקטאָר שמולעוויטש און וואוינט אין אַ אידישן געגענט?״

— „נו, וואו דען זאָל אַ אידישער דאָקטאָר וואוינען, אויב ניט צווישן אידן? און ווי נאָך קאָן אַזוי אַ איד זאָגן וואָס ס׳טוט אים וויי, ווי אויף אידיש? למשל: ס׳האַקט מיר אין די קריזשעס; ס׳שפּאַרט מיר אונטערן האַרצן; ס׳האָט זיך מיר צעשפּילט אַן אויער. איין פּאַציענט זאָגט מיר: „דאָקטאָר, אַזוי בין איך אַלרייט, נאָר ס׳גייען מיר אויס די כוחות; עס ציען מיר די אָדערן פון די פיס; ס׳ברעכן מיר די ביינער; ס׳שווינדלט מיר פאַר די אויגן און ס׳ווילט זיך מיר אַלע ווילע חלש׳ן״.

— „הייסט עס, — זאָגט איך — אַז צוליב אָט־די אייגנאַראַמוסעס, וואָס קאָנען ניט קיין ענגליש, דאַרפט איר זיך האַלטן ביי אייער אידישן נאָמען, לייענען אַ אידישע צייטונג, אויפרייסן די אויגן ביי קריסטן און וואוינען אין אַ אידישער גאַס?״

שמייכלט דער דאָקטאָר מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל, נעמט מיך דורך מיט זיינע קלוגע אויגן און רופט זיך אָן: „אויב אַזוי, מאַטל, ביסטו דאָך טאַקע אַ ווארילער שלאָס, נאָר אַן איבערגעדרייטער״.

און אָט האָט איר נאָך אַ פאַל: ווען מיין מוטער איז געשטאָרבן, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע לאַנדסלייט. איך האָב מיר געמאַכט אַ קליינעם צימעס פון זיי... אָפּגעזאָגט קדיש אויפן בית־עולם, אויף ענגליש, בין איך מיר אַוועק צו זיך אַהיים, האָבן מיך די לאַנדסלייט געקרוינט מיט נאָמען „צעדרייטער״, און ס׳איז אַוועק אַ גאַנג...

גאָר אַנדערש באַציען זיך צו מיר קריסטן. איך בין אַ מענעדזשער אין אַ גרויסער פאַבריק פון עטלעכע הונדערט אַמעריקאַנער אַרבעטער. האָט איר געדאַרפט זען, וואָס פאַר אַ כבוד מען גיט מיר אָפּ. מען קומט צו מיר נאָך עצות, מען רעכנט זיך מיט מיין מיינונג, און פאַרוואָס מיינט איר? נאָר דערפאַר, וואָס איך האַלט זיך אַליין הויך ווי אַן עכט־אַמעריקאַנער. כ׳האַלט־אָן פיינע מאַניערן, רייד ווייניק און שטיל, וויל יענעם ניט איבערשפּאַרן, מעג ער אַפילו זאָגן, אַז תמוז קאָן אויספאַלן אַ שניי,

זאָג איך: „יו סעד איט״[1]. אָדער „יו מעי סעי איט עגעין״[2], „יו סעד עי מאָוטפול״[3], „איי האָפ טו טעל יו״[4]. איז טאַקע ווי דער מענטש פאַרדינט זיך, אַזאַ נאָמען האָט ער. בין איך אין פאַבריק, פאַררעכנט פאַר אַ „סוועל גאַי״ און ווען אימיצער וואָלט זאָגן אַז איך בין אַ איד, וואָלטן מיינע קריסטלעכע פריינט יענעם אויסגעריסן די אויגן...

טאָ הערטש־זשע וויטער: איינמאָל קומט אַריין אין פאַבריק אַן עלטערער איד, מיט אַ געל פּנים ווי פאַרמעט, אַן אויסגעבויגענעם קאָפּ ווי אַן איבערגעוואָקסענע ציבעלע און פרעגט ביי מיר אויף אידיש, צי איך האָב פאַר אים אַרבעט. „איך פאַרשטיי ניט קיין אידיש, איך בין ניט קיין איד!״ זאָג איך אים. טוט ער אַן איראָניש שמייכעלע, קוקט מיר גלייך אין די אויגן און מאַכט צו מיר: איר ווילט טאַקע פאַרלייקענען, אַז איר זענט אַ איד, אָבער אייער אידישע נאָז האָט אייך פאַרראָטן...

אויף מאָרגן איז שוין ביים אַריינגאַנג איבער דער טיר פון פאַבריק געהאָנגען אַ שילד, וואָס האָט זיך געליינט: „דאָ ווערן נאָר באַשעפטיקט קריסטלעכע אַרבעטער״.

מיינט איר דאָך אַז שוין! האָב איך מיט מיין ווייב צו זינגען און צו זאָגן. איך הייס ביי איר אויך נאָר „דער צעדרייטער״. איז, ווי זאָגט זיך דאָרט ס׳ווערטל: אַזוי ווי דער האָר האָלט ס׳הינטל, אַזוי האָלט דאָס גאַנצע געזינדל. איבערהויפּט קאָן איך ניט הויזן מיט דער מאַמע אירער. ס׳מעג זיין אַ פולע שטוב מיט מענטשן, איז כאָטש טעסע איר קלעצער אין קאָפּ אַריין, וויל זי מיך ניט רופן מאַיק, נאָר מאָטינקע; פאַרצויגן. און מיין ווייב רופט זי ניט נינע, נאָר פייגע־לאה. וועט איר דאָך פרעגן: ווי קום איך טאָן אַ אידישען שידוך? וועל איך אייך דער־ציילן. אָבער הערט־אויף קוקן אויפן זייגער, ווי ס׳וואָלט געווען אַ רענדל אַ מינוט!

איך האָב איינמאָל אַדווערטייזט נאָך אַ בוכהאַלטערין, האָבן זיך אָפּגערופן עטלעכע מיידלעך. איינע האָט זיך אויסגעטיילט פון די אַנדערע מיט אירע שוואַרצע, לאַכנדיקע אויגן, מיט איר נאַאיוון, ערלעכן פּנים און מיט אַ גילדן צלמ׳ל אויפן ווייסן האַלדז... האָב איך זי אָנגעשטעלט. מיט יעדן טאָג איז זי מיר אַלץ מער און מער געפעלן געוואָרן. און ווען איך האָב איר שפּעטער פאַרגעשלאָגן אַז זי זאָל מיט מיר חתונה האָבן,

---

1) יו סעד איט — האָסט ריכטיק געזאָגט.
2) סעי איט עגעין — מעגסט עס זאָגן נאָכאַמאָל.
3) יו סעד עי מאָוטפול — האָסט אַ היבש ביסל געזאָגט.
4) „אַי האָופּ טו טעל יו״ — אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי געררעכט דו ביסט.

האָט זי אַראָפּגעלאָזט אירע שיינע אויגן, אַ ווילע געשוויגן, נאָכדעם מיר שטיל פאַרטרויעט, אַז אירע עלטערן זיינען אידן...

אַוודאי איז דאָס פאַר מיר געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. איך האָב אָבער געטראַכט, אַז איך קאָן אַרויסנעמען ס׳פערד און פאַרברענען די שטאַל. ערשט, נאָך דער חתונה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זיינען צוויי אַנדערע וועלטן. וואָס איך האָב ליב בענטשן, האָט זי גאָר ליב צו שעלטן. וואָרים, ווער וואָלט זיך ריכטן, אַז אַן אַמעריקאַנער מיידל זאָל נאָר ליב האָבן רעדן אידיש, לייענען אידישע צייטונגען, גיבן קינדער אַ אידישע דערציאונג, גיין אין אידישן טעאַטער, זינגען אין אַ אידישן כאָר און זיך חבר׳ן נאָר מיט אידן? און אַז איך פּראָטעסטיר, למאַי זי פאַראומרייניקט מיר מיין שטוב מיט איר אידיש און אַז זי פירט־איבער די קינדער, לאַכט זי זיך אויס און טוט זיך איר׳ס. אַמאָל פלעגט זי גראָד מיט מיר איינ׳טענה׳ן, אַז אין די אידישע אינסטיטוציעס געפינט זי אַ קוואַל פון גייסטיקער דערהויבונג, און האָט פּשוט גע׳חלש׳ט, אַז איך זאָל מיט איר מיטגיין. אָבער איצט קוקט זי מער ניט אין מיין ווינקל. און ווי באַלד אַז די מאַמע — איז שוין אויך די קינדער... בלויז פון מיין עלטסטן זון האָב איך נחת. ער האָט אויסגעשטודירט אויף אַדוואָקאַט, האָט געעפנט אַן אָפיס ווייט פון אידן און חתונה געהאַט מיט אַ שיקסל — נאָר אַ ברכה צו מאַכן אויף איר...

איר קאָנט אפשר מיינען, אַז איך בין אַ שונא פון אידן? האָט איר אַ גרויסן טעות. פאַרקערט, עס טוט מיך גראָד וויי, וואָס מען האָט אומגעבראַכט זעקס מיליאָן אידן. און פאַר די וואָס זיינען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, גיב איך הילף מיט דער פולער האַנט און איך לייען אַפילו אַ אידישע צייטונג אויך — ווען קיינער זעט ניט. און ווי יעדער מיידל האָט ערגעץ אַ חתן, אַזוי האָט זיך יעדער שרייבער ערגעץ זיינעם אַ חסיד. פאַראַן אַ שרייבער אין מיין אידישער צייטונג, וואָס שרייבט נאָר וועגן לינקע ליבעס. איך שלינג די מעשיות און בין אַ גרויסער פאַרהערער פון אָט־דעם שרייבער. מיר איז שוין אַמאָל אויס־געקומען זיך צו טרעפן מיט אים, אָבער איך האָב ניט געהאַט דעם מוט אים צו זאָגן, אַז איך בין זיינער אַ לייענער, זיינער אַ פאַרערער.

נו, האָט פּאַסירט, אַז ניט לאַנג צוריק איז מיר אויסגעקומען פאַרבייצוגיין אַ זאַל, האָב איך איבערגעלייענט אַן אויפשריפט, אַז דאָ גיט היינט אַ לעקציע מיין שרייבער. ס׳איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט און זייער קאַלט. איך האָב אָבער באַשלאָסן צו וואַרטן אויף מיין שרייבער, ביז ער וועט ענדיקן די לעקציע. ענדלעך איז ער אַרויסגעקומען: אַן עלטערער מענטש, האָט ער זיך געלאָזט גיין מיט שמאָלע טריט אין אַ

זייטיק געסל, וואָס האָט געפירט צו דער סאָבוועי. ער גייט, און איך גיי אים נאָך. דערפילט מיינע טריט, האָט מיין שרייבער זיך אומגעקוקט. אויף דער גאַס האָט מען ניט געזען קיין לעבעדיקן נפש, האָט ער גענומען שטעלן טריט. איך, נאָך אים. ער האָט זיך ווידער אומגעקוקט און גענומען כמעט לויפן. איך האָב אים דעריאָגט. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, ניט קאָנענדיק אויסריידן אַ וואָרט, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן זיין רעכטע האַנט, אים אָנגעטאָן מיין גילדן האַנט־זייגערל און בין אַוועק.

* * *

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָב איך אים געשריבן אַ בריוול און דערקלערט, אַז איך לייען זיינע מעשיות וועגן לינקע ליבעס שוין זייט יאָרן, און פאַרן פאַרגעניגן, וואָס זיינע מעשיות פאַרשאַפן מיר, האָב איך דאָס אים געשענקט מיין גילדן זייגערל...

אויף מאָרגן האָב איך באַקומען אַן ענטפער. ער באַקלאָגט זיך, אַז איך האָב אים איבערגעשראָקן אויף טויט. — „איך ווייס" — שרייבט ער — „אַז מען קאָן מאַכן אויף איינעם אַ האַלד־אַפּ און ביי אים צונעמען דעם גילדענעם זייגער, אָבער מאַכן אַ האַלד־אַפּ אויף איינעם און אים אָנטאָן אַ גילדענעם זייגער — דאָס קאָן, דאַכט זיך, נאָר אַ צעדרייטער".

די מתנה

עס איז פאַראַן אַ פאָלקס־ליד, וואָס זינגט זיך אַזוי:

מיין האַרץ וויינט אין מיר, ביינאַכט און בייטאָג,
פיל שמערצן טראָג איך, ס׳איז צו מיר אַ גרויסע קלאָג.
מיינע לויטערע שמערצן קאָן איך פאַר קיין מענטשן ניט דערציילן
צרות פון מיין האַרצן קאָן קיין דאָקטאָר מיר ניט היילן.

אָט־דאָס ליד קומט מיר אויפן זינען, ווען ס׳כאַפּט מיך אָן אַ בענקשאַפט נאָך מיין אַמאָליקער היים, וואו מען האָט גערעדט אידיש לשון, מען האָט געוואוסט פון שבתים און יום־טובים. איצט בין איך אָפּגעריסן פון טאַטע־מאַמע, פון שוועסטער און ברידער, הער ניט קיין אידיש וואָרט, און ווייס ניט פון קיין שבת און קיין יום־טוב. ס׳איז דאָ תמיד אינדערוואָכן...

נאָר צוריק געשמועסט, האָט מען ביי אונז אין שטוב ניט גערעדט אויף אידיש פון הויכע ענינים. טאַטע־מאַמע, פאַרביטערטע פון אַ שווער לעבן, זייערע נערוון אָנגעצויגענע ווי סטרונעס — האָט מען זיך אַריינגערעדט אין דער גאַל אַריין. זייער קולטור איז באַשטאַנען פון צייטונג־ראָמאַנען, „בינטל בריוו״ און אַ „גאַלעריי פון פאַרשוואונדענע מענער״.

מיר זיינען געווען אַכט קינדער, פון וועלכע איך בין געווען די מיזינקע. מיין טאַטע איז נאָך געווען גאָר אַ יונגער מענטש, אָבער זיינע אויגן זיינען געווען עלטער פון אים אפשר מיט דרייסיק יאָר... אָן איינגעשפּאַנטער אין שווערן יאָך, האָט ער כסדר גע׳חלומ׳ט בייזע חלומות: פון „סעק״ און „סלעק״ און „עוויקשאָן״. אַז אָט וועט מען אים אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, אָדער ער וועט סתם בלייבן אָן אַרבעט אָדער מ׳וועט אונז אַרויסוואַרפן פון אונזער וואוינונג. די מאַמע האָט גע׳טענה׳ט, אַז ביי לייטן, מענער, אַקערן מיט דער נאָז די ערד, אַז ווייב און קינדער זאָל גאָרניט פעלן. האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז ס׳שטייט אין ערגעץ ניט געשריבן, אַז אַ מאַן דאַרף אַליין פאַרלייגן מיטן קאָפּ, און ס׳ווייב זאָל זיך באָדן אין ראָסקאָש...

און אַפילו אין גוטן מוט האָט מען אויך ניט אויסגערעדט קיין גלייך וואָרט איינס צו ס׳אַנדערע. למשל: — וואוהין גייסטו? — טאַנצן. — האָסט היינט געאַרבעט? — „נייך, איך האָב געשריבן ספרים״! — האָסט עפּעס קליינגעלט? — אָט וועל איך גיין אויס׳גנב׳ענען אַ קלויסטער פון דיינעטוועגן. — פון וואָס ביסטו מיד? — פון שפּילן זיך אַ גאַנצן טאָג... —

די מאַמע איז געווען זייער אַ שטאָלצע, האָט זי קיינמאָל ניט געבעטן קיין געלט ביים טאַטן אויף אַ קלייד אָדער שיך. איז וויבאַלד זי האָט ניט געבעטן, האָט ער ניט געוואוסט אַז זי דאַרף... איז די מאַמע אַרומ־געגאַנגען מיט אַ שטילן וויטאָק אין האַרצן. דערפאַר האָט זי שוין ניט געשוויגן, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן די קינדער:

— זע, — פלעגט זי קלאָגן, — ווי די קינדער גייען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. און דיך אַרט עס ניט! דו ביסט דאָך אַ טאַטע!

— נו, אַז איך בין אַ טאַטע — זאָל איך מאַכן פון זיך? צי אפשר גיין גנב׳ענען?! — פלעגט ער שרייען מיט באַנומענע קולות, און מיט אַ ווילדער קראַפט אַ כאַפּ טאָן אַ בענקל און אַ וואָרף טאָן אין דער ערד. נאָך דעם פלעגט ער מיט ביידע הענט רייסן די האָר פון קאָפּ...

דעם טאַטנס אויסברוכן האָבן מיך ניט געאַרט. ס׳האָט מיר נאָר ווי־געטאָן פאַר דער מאַמען. ווייל נאָך אַזאַ סצענע פלעגט זי וויינען שטילערהייט מיט אַ ניגון, ווי מען באַוויינט אַ טויטן...

און פון די שבתים איז שוין אָפּגערעדט. אַ שבת, וואָס איז ניט געווען קיין פאַרשטערטער, איז געווען אַ זעלטנהייט. ס׳איז געווען גענוג, אַז אַ ברודערל זאָל פאַרגעסן דעם קידוש, צי די פיש זאָלן זיין צוגעפעפערט, און דעם טאַטנ׳ס צאָרן האָט אויפגעפלאַצט ווי אַ באָמבע. עס האָבן גענומען פליען זידל־ווערטער און קללות אָן אַ שיעור. נאָכן שטורעם איז דער מאַמע׳ס שיין, ליכטיק פנים געווען שוואַרץ ווי די ערד.

דער טאַטע איז אויך געווען אַ ווילד־פרומער: פוצן שבת די שיך — „מען טאָר ניט". וואַשן די האָר — „מען טאָר ניט". פאַרזוכן אַ שטיקל מצה פאַרן סדר — „מען טאָר ניט!" אַפילו ווען איך האָב זיך אַמאָל צעזונגען הויך אויפ׳ן קול, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז אַ אידישע טאָכטער טאָר ניט זינגען אין דער הויך. — פאַרוואָס טאָר זי ניט? — האָב איך געפרעגט. — „זי טאָר ניט, ווייל זי טאָר ניט!" — האָב איך געקראָגן אַן ענטפער...

ווען מיר, קינדער, האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס און אָנגעהויבן ברענגען אַהיים „פעידע", האָט די מאַמע אונז געצערטלט, ניט געזשאַ־לעוועט קיין מי, געשטאַנען אין קיך ווי אין אַ רעסטאָראַן, און ווער ס׳איז געקומען פריער אַהיים, דעם האָט זי געגעבן עסן, אַז ס׳זאָל, חלילה, אַ קינד ניט איבער׳חלש׳ן ס׳האַרץ. האָט דער טאַטע איר געברענט די טריט, הלמאי מען וואַרט ניט אויף אים מיט׳ן עסן... דערפאַר האָט ער זיך שוין מיט אונז אָפּגערעכנט פסח צום ערשטן סדר.

אַ גאַנצן טאָג איז די מאַמע געווען אויף די פיס אויף אַריינצופירן דעם יום טוב, און ווי מיד זי איז ניט געווען פון ראַמען, קאָכן, פרעגלען

די פּסחדיגע מאכלים, איז זי געווען צום סדר אָנגעטאָן אין אַ ווייס געפּרעסט קלייד, די שיינע שוואַרצע האָר פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּ, און פאַרלייגט איבערן קאָפּ, ווי אַ קרוין. אַן אמת׳ע מלכּה.

און דער טיש — יום טוב׳דיק געגרייט. אַלע קינדער אויסגעפּוצט, איז מען געזעסן הונגעריקע און געוואַרט, אַז דער טאַטע זאָל קומען פון שול אָפּריכטן דעם סדר. אָבער דער טאַטע האָט זיך גראָד גענומען צייט... און ביז מען האָט אים דערלעבט צו זען, האָט צען מאָל איבערגעג׳חלש׳ט ס׳האַרץ. און אַז ער האָט זיך שוין באַוויזן, איז ער געגאַנגען צום טיש מיט דריבנינקע טריטעלעך... פּאַוואָלינקע, ניט געכאַפּט, האָט ער זיך אָנגעטאָן דעם ווייסן קיטל, און זיך אַריינגעזעצט אין דעם היסב־בעט פון צוויי גרויסע, ווייסע קישנס. און אַז ער האָט זיך געדאַרפט וואַשן די הענט, האָט ער זיך געשאַפּט מיט דער מלכּה... זי האָט אים געדאַרפט צוטראָגן צום טיש וואַסער, אַ שיסל און אַ האַנטוך. דאָס האָט זיך איבערגעחזר׳ט אַ פּאָר מאָל ביים אָפּריכטן דעם סדר. און אָט האָט שוין די מאַמע צוגעטראָגן צום טיש די געפילטע פיש, וואָס האָבן פאַרשמעקט ס׳הויז און גערייצט דעם אַפּעטיט... אָבער — ניט געכאַפּט. פריער, באַשטייט דער טאַטע, דאַרפן מיר אויפעסן אַלע ביטערע קרייטעכצער, ווי ס׳אויבערשטע פון כריין, און טאַקע אַראָפּ־שלינגען... ביים אָנהויב פון דעם סדר, אַז ס׳איז געקומען צו די פיר קשיות, האָט יעדערער פון די פינף זין געמוזט פרעגן, און דער טאַטע האָט יעדן באַזונדער געענטפערט, אַזוי אַז מען האָט געקאָנט אויסגיין אונטער זיינע הענט.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דער טאַטע געהאַט „צו זינגען און צו זאָגן״. מיר זיינען שוין אַלע געווען אָן כּוחות, די אויגן האָבן זיך געקלעפּט, אָבער קיינער האָט זיך ניט געטאָרט אויפהויבן פון אָרט, ביז דער טאַטע האָט געענדיקט ס׳לעצטע בלעטל פון דער הגדה.

נו, און כאָטש קיין סך נחת פון די שבתים און יום־טובים האָב איך ניט געהאַט, איז נאָך אַלץ געווען בעסער ווי איצט, ווען ס׳איז תּמיד אינדערוואָכן...

עס וואונדערט מיך נאָר אויף מיין מאַן. ער האָט יאָ נאָך וואָס צו בענקען. וואָרים זיינע טאַטע־מאַמע זיינען געווען הויך־געבילדעטע מענטשן, זייער הויז איז געווען אַ ליטעראַרישער צענטער, וואו ס׳פלעגן קומען אידישע שרייבער און דיכטער, און די קינדער האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט תּורה און חכמה. די עלטערן האָבן אויך אויסגעפּלאַסטערט ברייטע וועגן פאַר זייערע קינדער צו די לויטערע קוואַלן פון וויסן. אָבער אין לויף פון די יאָרן, זינט מיר וואוינען אין דער פרעמדער שטאָט

און אין אַ ניט־אידישער געגנט, איז דער בליאַסק פון יענער אידישער קולטור־סביבה אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן פון מיין מאַנ׳ס זכרון... ער זאָל דאָס אַמאָל רעדן צו אונזערע קינדער פון זיין אָפּשטאַם, פון די באַרימטע אידישע קינסטלער. ער איז גאָר, צוליב זיין פּראָפעסיע, אויס־געבונדן מיט די קריסטלעכע שכנים, פייערט זייערע יום־טובים, און אויף דעם וועג פירט ער אויך זיינע קינדער...

היינטיקן ערב־קריסטמעס קומט אונזער מיידעלע מיט אַ גדולה, אַז אין סקול האָט מען זי אַריינגענומען אין אַ קינדער־כאָר, און קריסטמעס־נאַכט וועט זי זינגען אין קירך מיט׳ן כאָר. אַ פּאַרציטערטע בין איך געוואָרן, אָבער מיין מאַן איז, ווי ניט אים מיינט מען. אויף מאָרגן האָבן שוין די קינדער געפּאָדערט אַ קריסטמעס־בוים, האָט מיין מאַן ניט לאַנג געטראַכט, אַוועק און געבראַכט אַ גרויסן בוים, אויסגעפּוצט מיט קאָ־לירטע עלעקטרישע לעמפּלעך, אָנגעצונדן און אַוועקגעשטעלט לעבן פענצטער, מיט לייטן גלייך... דעמזעלבן טאָג איז געקומען פון מיין שווער אַ מתנה פאַר אונזער דרייצן־יאָריקן זון. דאָס אינגל האָט גענומען דאָס פּעקל און אַוועקגעלייגט מיט אַנדערע מתנות אונטערן קריסטמעס־בוים. אָט אַזוי פירט זיך ביי די קריסטן. די מתנות עפנט מען ערשט קריסטמעס אינדערפרי. שפּעט אין אָוונט בין איך געווען נייגעריק צו זען, וואָס מיין שווער האָט געשיקט פאַר זיין אייניקל. האָב איך געעפנט דאָס פּעקל און געפונען אַ בוך וועגן די נביאים, געשריבן פון אַ באַ־רימטן אידישן פּאָעט. ביי־געלייגט איז געווען אַ בריוועלע, וואָס האָט זיך געלייענט:

„מיין טייער אייניקל! דו ווערסט די טעג בר־מצוה, שיק איך דיר אַ מתנה, אַ טייערן ספר. אַז דו וועסט זיך מיט׳ן ווערק באַקענען, וועסטו זיין שטאָלץ, וואָס דו ביסט אַ איד“...

אויף מאָרגן האָב איך געוויזן מיין מאַן די מתנה מיט׳ן בריוועלע. ער איז געווען טיף גערירט, אָבער ער האָט ניט געענטפערט. אין זיינע קלוגע, צאַרטע אויגן האָב איך געלייענט אַ געפיל פון חרטה, וואָס ער האָט ביז איצט באַליידיקט דאָס טייערסטע, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן איינגעפלאַנצט אין זיין נשמה...

— אָט אַזוי ווייטער טאָר עס ניט גיין! — האָב איך זיך געווענדט צו מיין מאַן — מיר דאַרפן באַקענען אונזערע קינדער מיט די קולטור־אוצרות, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפן פאַר דורות, אַז זיי זאָלן קאָנען זיין שטאָלץ אַלס אידן.

מיין מאַן האָט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד און צוגעשאָקלט מיט׳ן קאָפּ, אַז ער איז מסכים...

צווישן שכנים

אַזוי ווי אין אַ טייך זיינען דאָ אַלערליי פיש, אַזוי זיינען אין אַ הויז דאָ פאַרשיידענע שכנים: גוטע שכנים, שלעכטע שכנים, נערוועזע שכנים און פאַסקודנע שכנים!

איך זאָג עס אַנטקעגן מיין „נעקסדאָריקע" — מיין דערבייאיקע שכנה. אוי, איז דאָס אַ מרשעת! ווען איר זאָלט זיך פאַר איר אויסציען, וועט זי פאַר אייך ניט טאָן פונדאַנען אַהין. איך דאַרף מיך פאַר אייך ניט רימען, נאָר וואָס איך האָב, מאָלט אייך, געטאָן פאַר אירטוועגן, זאָל דאָס מיר אַנטקעגנקומען, און ביי איר איז עס אָנגעלייגט ווי ביי אַ הונט. אַז דאָס קוקט גאָר ניט אויף קיין מענטשן, נידאָגעדאַכט! און ווי גוט זי איז, אַזוי איז זי שיין: קורץ און בייכיק ווי אַ סאַמאָוואַרל, און כסדר זידט דאָס אויף דער גאַנצער וועלט, ווי מען וואָלט ביי איר צו־גענומען איר באָבע׳ס ירושה.

איז וואָס אַרט אייך? — אַזוי ווי זי האָט זיך פאַרדינט, אַזאַ נאָמען האָט זי. מען רופט זי לאַפּידעס, אָבער ביי אונז האָט זי ניט קיין אַנדער נאָמען ווי „דער מכשפה".

האָבן מיר אָבער איין שכנה, איז זי דער מכשפה׳ס מליץ־יושר. ווי נאָר זי דערהערט, אַז מיר דערמאָנען דער מכשפה׳ס נאָמען, פאַלט זי אונז אַריין אין די רייד און נעמט זיך אָן איר קריוודע:

— שוין ווידער די מכשפה? ווי ווערט אייך ניט נמאס ומאוס? אַ מער — זאָגט זי — לאָמיר בעסער רעדן פון דעם, וואָס מען שינדט פון אונז די הויט פון אַלע זייטן! און זי רעכנט אויס, וואָס אין דער קאָרט: סופּערמאַרקעטס, די געז־קאָמפּאַני, די טעלעפאָן־קאָמפּאַני, דעם מילך־טראָסט און וועמען ניט? און טאָמער, — זאָגט זי, — איז געווען ווייניק פּיאַווקעס, איז צוגעקומען נאָך אַ פּיאַווקע. וואו מען גיט זיך נאָר אַ ריר, ציט דאָס אויך אָפּ אַביסל בלוט: „סעילס טעקס" רופט מען די פּיאַווקע.

— טאָ וואָס קער זיך עס אָן מיט דער מכשפה? — פרעג איך זי. איינס מיטן דריטן, — זאָג איך, — איז ניט קיין מחותן! נעמט זי זיך מיט מיר אויס׳טענה׳ן, אַז עס איז שוין גאָר אַ מחותן!

— איר שפּילט זיך מיט איר? דאָס איז אַ ווייבל מיט אַן אוירינגל. איר דאַרפט זי קאָנען. זי רעדט אויף אַלע גאַסן־ראָגן און דאָס האָט אַפילו פאַר דעם טייוול קיין מורא ניט.

אַנומעלטן האָט אַ פּאָליסמאַן זי געוואָלט אַרעסטירן, האָט זי אים דערלאַנגט צוויי פּייערדיקע פּעטש, זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און איז אַנטלאָפן. פאַרוואָס עפּעס אַרעסטן, פרעגט איר? פאַר אַ נעכטיקן טאָג. מען האָט געסטרייקט אין אַ בעקערײ, האָט זי ניט געלאָזט די פרויען אַריינגיין קויפן אַ שטיקל ברויט. אַן איינפאַל פון אַ פרוי... זיך מישן אין יענעמס געשעפטן . . .

איינמאָל זיצן מיר, אַלע שכנים, פאַרן הויז און רעדן פון דעם, פון יענעם, פון דער מכשפה. קומט זי אָן, דער מליץ־יושר, מיט אַ גדולה:

— איך האָב פאַר אייך אַ נייעס, — זאָגט זי, — די מיסעס לאַפּידעס מאַכט חתונה היינטיקן שבת איר עלטסטן זון, און טאַקע אין אונזער הויז וועט זיין די חתונה.

— איר זאָלט נאָך, — זאָג איך, — דערלעבן אַנזאָגן גרעסערע בשורות! וואָס איז מיט אייך אַזוינס די שמחה? — פרעג איך זי, — און אַז די מכשפה וואָלט ניט חתונה געמאַכט איר גרינעם אַגרעס, וואָלט איר בדלות געוואָרן?

— הערט בעסער, — זאָגט זי, — וואָס מיר איז איינגעפאַלן: מיר, אַלע שכנים, זאָלן זיך צענויפלייגן צו עטלעכע סענט און קויפן דער מיסעס לאַפּידעס אַ בוקעט בלומען. און ווען אַלע געסט וועלן זיך שבת צוזאַמענקומען, וועלן מיר איר דערלאַנגען דעם בוקעט. אַי וועט דאָס זיין שיין! — זאָגט זי, און גיט אַ פּאַטש מיט די הענט.

האָט זי פאַר דער עצה געקראָגן פון מיר איר ערלעך אויסקומעניש:

— פאַר וואָס קומט דער מכשפה בלומען? פאַר אירע מעשים טובים?

— האָב איך זי געפרעגט, — צי אפשר דערפאַר וואָס איר זון, דער פלאָקן־שיסער, האָט זיך פאַרליבט אין אַן אומשולדיק מיידל, ווי אַ קאַץ אין די נײַן טעג, און זי וועט ביי אים פאַרשוואַרצט ווערן, ווי גאָט האָט געבאָטן? אַז בסך־הכל איז ער אַ רויטער, מיט אַ טרוקן פּנים און אַ שטרויענעם קאָפּ און האָט נאָך אַ מעלה: ער רעדט פון שלאָף...

— דאָס איז ניט אונזערע דאגות — זאָגט זי, — אין אַ הויז דאַרפן די שכנים פילן איינער דעם אַנדערנ׳ס צרות און זיך פרייען מיט יענעמ׳ס שמחות . . . נו, האָט איר עפּעס צו איר?

וואָס זאָל איך אייך אַ סך ברייען, זי האָט זיך אַנגעזעצט, אַז גראָד איך, וואָס האָב ליב די מכשפה ווי אויגן־ווייטיק, מוז טאַקע מיטגיין איינקויפן די בלומען און זיי איר אויך אַריינטראָגן.

הקיצור, ווען מיר זיינען אַריינגעקומען מיט די בלומען, האָט די מכשפה אונז געעפנט די טיר און, וואָס אמת איז אמת — זי האָט אונז פאַרבעטן אַריינצוגיין אין הויז. דאַן האָט זי ביי אונז צוגענומען די בלומען און איז מיט זיי אַריין אין זאַל, וואו די געסט זיינען געזעסן.

— זעט, מחותנים, וואָס מיינע שכנים דענקען וועגן מיר! — האָט זי אויסגעשריען.

— הלוואַי ווייסטו וואָס זיי דענקען וועגן דיר — האָב איך ביי זיך געטראַכט . . .

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ווען דער עולם האָט דערזען די צעיאַכ־מערטע מחותנת׳טע מיט די שיינע בלומען אין די הענט, האָט אויסגעבראָכן אַ פּאַטשעריי מיט אויסגעשרייען: „בראַוואָ פאַר אונזער מחותנת׳טע! בראַוואָ פאַר אַזעלכע שכנים!״ איך האָב מורא געהאַט, אַז זיי וועלן צעטראָגן די שטוב.

דער סוף איז געווען, אַז פון יענעם טאָג אָן גייט די הויז ווי אויף רעדלעך. די מכשפה האָט אָנגעהויבן זאָגן אַלעמען: העלאָו! גוט מאָרגן! און איז געוואָרן אַ מענטש מיט לייטן גלייך.

נעכטן האָב איך אַליין געהערט, ווי אַ שכנה, ביי וועמען עס ליגט נעבעך דער מאַן אַ קראַנקער און זי איז באַפאַלן מיט פיצלעך קינדער, האָט דערציילט, אַז אַלע אינדערפרי קלינגט די מכשפה אָן און פרעגט דער שכנה, צי זי דאַרף עפּעס ווען זי איר אַרויפברייננגען . . .

איך האָב מיינע אויערן ניט געגלויבט. ווער וואָלט זיך דאָס גע־קאָנט ריכטן, אַז בלומען איז אַ סגולה צו אַ מכשפה?

ס׳איז אַ היסטאָריע, אויף נאמנות. טאַקע נאָר צו באַשרייבן אין די גאַזעטן — ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקע!

גיטעלע

איך וואונדערט זיך, ווי קום איך, אַ רב׳ס אַ טאָכטער, עסן פליישׁ און פּאַרטרינקען מיט מילך. איז דער תירוץ: צו וואָס זאָל איך וואַרטן זעקס שעה, אַז איך מאַך ניט כשר דאָס פלייש? און צו וואָס זאָל איך מאַכן ס׳פליישׁ כשר, ווען איך קויף עס ביי אַ קריסטלעכן בוטשער?

— פאַרוואָס איך קויף ניט קיין פלייש ביי אַ אידישן בוטשער, פרעגט איר?

— ווייל ביי אַ אידישן בוטשער וועט איר ניט קריגן קיין „פּאָרק־טשאָפּס״.

— און וואָס מיין מאַן זאָגט דערצו — פרעגט איר?

— וואָס זאָל ער זאָגן? ער איז דען אַ איד?

איר מיינט אפשר, אַז דאָס בין איך ערשט איצט געוואָרן אַן אַפּי־קורס׳טע. עס ציט זיך שוין פון יאָרן. איך האָב דעמאָלט געמוזט אַלט זיין אפשר אַ יאָר צוועלף, ווען לעבן אונזער שטוב האָט זיך אַריינגעקליבן אַ פּאַרפאָלק מיט אַן איינאונאיינציקער טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק. גיטעלע האָט מען זי גערופן.

דאָס מיידל האָט געהאַט אַלע מעלות: שיין, קלוג און אַ פּנים, וואָס האָט צו איך גערופן: „האָב מיך ליב!״ היינט דאָס אָנטאָן זיך, ווי אַלץ האָט אויף איר געזונגען. אַפילו אַ פּראָסט ציצינע קליידל אַז זי האָט אָנגעטאָן, האָט עס געהאַט אויף איר אַלע זיבן חנ׳ען.

און ליב האָב איך געהאַט גיטעלע׳ן ווי אַן אייגענע שוועסטער. און זי איז טאַקע געווען אַזאַ, וואָס ס׳איז געווען אוממעגלעך זי ניט ליב צו האָבן. גערעדט האָט צו מיר גיטעלע, ווי איך וואָלט געווען אַ גרויסע און האָט אַפילו געפרעגט ביי מיר עצות. זי פלעגט מיך אַפילו מיט־נעמען אַלע שבת צו מאָטל דעם שוסטער אין הויז.

גיטעלע האָט געאַרבעט מיט דעם שוסטער׳ס טעכטער, ביי בערל דעם שניידער אַלס אַ מאַדיסטקע, און אַלע שבת פלעגן זיך צונויפקומען צום שוסטער אין שטוב שניידער־מיידלעך, שניידער־יונגען און שוסטער־יונגען, וואָס האָבן געקאָנט שיין זינגען און טאַנצן, האָט מען זיך געלאָזט

וואוילגיין דעם שבת׳דיקן טאָג, ביז מ׳האָט דערזען שטערן אויפן הימל. דאַן פלעגט מען זיך צוריק אומקערן צו די ווערקשטאַטן, וואו יעדן טאָג האָט מען געאַרבעט פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט און אַמאָל — אַפילו ביז טאָג . . .

אַ גאַנצע וואָך האָט אַט־די חברה ניט אָנגעקוקט די ליכטיקע שיין, האָט מען אַרויסגעקוקט אויפן שבת ווי אויף משיח׳ן.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אין שטעטל אַ נייער שוסטער־יונג, אַ קריסט. גרישע האָט מען אים גערופן. מ׳פלעגט רעדן שטיל אויפן אויער, אַז אַט־דער בחור קומט פון אַ גרויסער שטאָט און אַז ער איז איינער פון יענע לייט, וואָס פאַרלאָזן זיך לאַנגע האָר, טראָגן ס׳העמד איבער די הויזן, פאַרבונדן מיט אַ רויטן קוטעס און ווילן ניט דעם קיסר . . . און ס׳איז אַ סברא, אַז זינט אַט־דער יונג האָט זיך באַוויזן, האָבן די מאָ־דיסטקעס ביי בערל דעם שניידער זיך גענומען בונטעווען. זיי האָבן געפאָדערט, אַז בערל זאָל אויפהענגען אַ זייגער אויף דער וואַנט, אַז מ׳זאָל וויסן וואו מ׳איז אין דער וועלט . . .

ס׳איז געווען ערב־פּסח און מ׳האָט געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט בערל ניט געוואָלט זיך איינרייסן מיט די מיידלעך און האָט נאָכגעגעבן זייער ערשטע פאָדערונג. די באַלעבאָסטע האָט אַפילו געזאָגט צום מאַן: „ביזט אַ גרויסער שוטה. דו וויזט זיי נאָר אַ פינגער, וועלן זיי וועלן די גאַנצע האַנט.״

גרישע איז געווען אַ יונג, שטאַרק ווי אַ דעמב, מיט פלאַם־פייערדיקע אויגן, מיט אַ זיסן שמייכל, וואָס פאַר׳כישופ׳ט אַלע מיידלעך. איך אַליין קאָן אים ביז היינט ניט פאַרגעסן.

דער בחור איז צוגעשטאַנען צו דער חברה. ער האָט געקענט גוט רעדן אידיש, זינגען אידישע לידער און האָט זיך אַליין אַקאָמפּאַנירט אויף אַן אַקאָרדיאָן. ער איז טאַקע באַלד געוואָרן אַ גאַנצער מוזיקאַנט ביי מאָטל דעם שוסטער, ביי די שבת׳דיקע צוזאַמענקונפטן.

גרישע האָט געקענט אויסשפּילן אַלע טענץ: אַ שער, לאַנסעי, קאַדריל, פּאַלקע־מאַזורקע — און פאַרלעך האָבן געטאַנצט און זיך געדרייט ווי אין אַ זיסן חלום. און אַז מ׳איז מיד געוואָרן טאַנצן, האָט גיטעלע גענומען זינגען:

„אַ פייערדיקע ליבע, טוט אין מיין האַרצן ברענען,
ליבן, ליב איך דיך — דושענקע לעבן —
און קאָן דיך נישט נעמען . . .״

פלעגט גרישע אונטערכאַפּן:

„. . . שולדיק איז דיין טאַטע,
שולדיק איז דיין מאַמע —
שולדיק ביזטו, דושענקע לעבן
מער פון זיי אַלע . . .״

און די שוסטערקע איז אויך ניט געזעסן מיט קיין פאַרלייגטע הענט. אַ ווייבל, מיט אַ פּאַרריסן נעזל, מיט קאָסאָקע אויגן, אַזוי אַז ווי ערנסט זי איז ניט געווען, האָט זיך אויסגעוויזן אַז זי לאַכט. און צו די אַלע אייגנשאַפטן האָט זי אויך פאַרמאָגט געשעפט־פעיאיגקייטן, פלעגט זי צוגרייטן פאַר די געסט קיסלעצעס, בראָנפנדיקע וויינשל, וויניקע קוגלען, קוואַס — ערשט פון קעלער אַרויס — האָבן די קאַוואַליערן טראַקטירט די באַרישניעס און די שוסטערקע האָט דערביי אָפּגעלעקט אַ ביינדל . . .

ביי מאָטל דעם שוסטער אין שטוב האָבן זיך געשלאָסן אַ סך שידוכים. מ׳האָט געבראַכן טעלער און טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט נחת פון קינדער. ס׳האָט זיך אויך געשלאָסן אַ פייערדיקע ליבע צווישן גיטעלע׳ן און גרישע׳ן. אָבער קיינער האָט פון זייער ליבע ניט געוואוסט, ביז דער בלאָטער האָט געפּלאַצט . . . אַ שרעקלעכער שבת איז געקומען, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו די פריילעכע שבתים ביי מאָטל דעם שוסטער אין שטוב און האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט.

יענעם שבת אינדערפרי, ווי נאָר גיטעלע׳ס טאַטע־מאַמע זיינען אַוועק אין שול, האָט גיטעלע פאַרנומען אירע זאַכן, זיך אַרויפגעזעצט מיט גרישע׳ן אויף אַ פויערשער פור און זיינען אַוועקגעפאָרן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אויפן שליאַך אַ געדיכטן שטויב . . .

די בייעס איז געגאַנגען פון מויל צו מויל און איז איבערדערציילט געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך פון דער שטאָט. און ווי אַ כוואַליע האָט זיך געקייקלט אַ קלאַנג, וואָס עמיצער האָט אַרויסגעלאָזט, אַז גיטעלע האָט זיך גע׳שמד׳ט. און קוים האָט מען אָט־דעם קלאַנג דערהערט, איז שוין ניט געווען קיין קראַפט, וואָס זאָל אים קאָנען אָפּשטעלן.

יונג און אַלט האָבן באַלאַגערט גיטעלע׳ס שטוב און זיך איינגעהערט צו איר מאַמע׳ס האַרץ־רייסנדיקע קולות: „גאָטעניו, פאַרוואָס האָסטו אונז אַזוי געשטראָפט? — אויסגעלאָשן דאָס איינציקע ליכט אין אונזערע אויגן . . .״

אויף מאָרגן, נאָך שבת, האָבן טאַטע־מאַמע געריסן קריעה, אויסגעטאָן די שיך און זיך געזעצט שבעה. די טיר איז געשטאַנען אָפן, ווי מען

וואלט ערשט פון דער הויז אַ געשטאָרבענעם אַרויסגעטראָגן. אידן, מיט לאַנגע בערד און פּאות זיינען געקומען טרייסטן די אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע.

„גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט צוריקגענומען״ — האָבן די אידן מיט אַ קרעכץ געטרייסט.

„איידער אַזוינע קינדער — בעסער שטיינער״, האָבן געזאָגט די ווייבער און האָבן דערביי געגלאָצט זייערע אויגן צו גאָט. און די מאַמע האָט געהערט די טרייסט־ווערטער און האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ.

— „פון היינט אָן, זאָל קיינער ניט דערמאָנען דעם נאָמען פון דער משומדת׳טע״ — האָט דער טאַטע, מאָטל דער שוסטער, געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט. „איר נאָמען ווערט אויסגעמעקט אויף אייביק! געשטאָרבן — און אויס!״

— „גיטעלע איז ניט געשטאָרבן!״ — האָב איך פּראָטעסטירט. „זי איז אַוועקגעפאָרן מיט גרישע׳ן. איך האָב אַליין געזען!״

לאַנג בין איך אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטע און ניט געקאָנט עסן און ניט שלאָפן. גאַנצע נעכט פלעג איך ליגן אין בעט, מיט אָפענע אויגן, און דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט און זיך געריסן מיט ווייטיק פאַר גיטעלע׳ן.

מיין מאַמע האָט געזען ווי איך גיי־אויס פון בענקשאַפט, האָט זי מיך געגלעט, געצערטלט און איינגע׳טענה׳ט מיט מיר, אַז איך בין שוין אַ גרויסע און דאַרף פאַרשטיין, אַז לויט אונזער אידישער רעליגיע, ווערט אַ משומדת׳טע באַטראַכט ווי אַ געשטאָרבענע, און איך דאַרף, דעריבער, גיטעלע׳ן פאַרגעסן.

אָבער איך האָב גיטעלע׳ן ניט געקאָנט פאַרגעסן אַפילו אויף איין מינוט. איך האָב נאָר אָנגעהויבן האָסן רעליגיע.

אָט אַזוי בין איך געוואַקסן און צוזאַמען מיט מיר איז געוואַקסן די שנאה צו רעליגיע.

און אָט אַזוי בין איך אויסגעוואַקסן אַן אפּיקורס׳טע.

קינדער, צי שדים?

די מיסעס לופין האָט פיר שיינע, געזונטע קינדערלעך. ביי אַן אַנדער מאַמע וואָלטן זיי געווען אַ גרויסע פרייד, אָבער ביי דער מיסעס לופין זיינען די פיר באַשעפעניש אַן אַנשיקעניש — אַ קללה פון גאָט.

— ס׳זיינען דען קינדער? — זאָגט זי. דאָס זיינען דאָך שדים! איך האָב פון זיי אָפּגעשניטענע יאָרן. אַזוי ווי דער סמבטיון רוט ניט, אַזוי רוען זיי ניט. איידער איך באַלייג זיי שלאָפן, שפּיי איך מיט בלוט. און פאַרטאָג, ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, זיינען זיי שוין אויף.

היינט דאָס עסן זייערס!

די עלטערע האָט ליב אַ האַרט איי. טאָ זעץ זיך אויף אַ פּלאַץ און עס אָפּ! דאָס ניט. דאָס וועט איר ביי מיינע קינדערלעך ניט פּועל׳ן. טראָגט זי זיך אַרום מיטן איי און אומעטום, וואו זי גייט, לאָזט זי איבער ברעקלעך.

דאָס קליינע אינגל, ווידער, האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע, אַז ער וויל נאָר עסן אויף די שטיגן. טאָ וואָס זאָל איך מיט אים טאָן? — טענה׳ט די מיסעס לופין, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן ווי איינע, וואָס פילט זיך שולדיק אין אומבאַהאָלפנקייט, און זי רעדט ווייטער: שטיי איך אַזוי און האָדעווע דאָס קינד אויף די טרעפּ. גייען אָבער פאַרביי מענטשן אין דעם האָל און זעען ווי איך האָדעווע אים, וואַרפן זיי מיר צו שמייכעלעך, וואָס שטעכן מיך ביז אין דער זיבעטער ריפּ אַריין. ס׳איז נאָך אָבער אַלץ בעסער ווי אים נאָכלויפן מיטן לעפל.

— און גיי איך מיט מיינע קינדערלעך אין מאַרקעט — איז וואָס מען דערזעט וויל מען . . . לעבן קענדי־סטאָר, שרייט איינער „קענדי!" וויל אַ צווייטער אַ „מאַלטעד", דער דריטער שרייט „אייז־קרים" און דאָס קליינע קוויטשעט „לאָלי־פּאָפּ". זאָג איך ניין, זאָגן זיי יאָ! מ׳וואַרפט זיך אויף דער ערד, ס׳ווערט אַ גוואַלד און מיר איז אַ שאַנד און אַ בושה פאַר מענטשן.

נאָכן קענדי־סטאָר איז די בעקעריי, הויבט זיך אָן אַ געשריי „קעיק״; אין פּרוכט־געשעפט, ווייל איינער באַנאַנעס. נאָר אַז איך קום מיט זיי אַריין אין גראָסערי, לאָזן זיי מיך אָפּ און איך כאַפּ אַביסל אָפּ דעם אָטעם . . . די זעקלעך אין גראָסערי שטייען אָפן, צעפּירן זיך מיינע קינדערלעך די הענט . . . מען מישט אויס די בעבלעך מיט דער קאַווע, די פאַרינאַ מיט זייף־פּודער, די רייז מיט מעל, די מאַמעליגע מיט אָטמיל און ס'איז פאַר זיי אַ לעבעדיקע וועלט. אַ גליק, וואָס דער גראָסערימאַן זעט ניט. ער וואָלט זיך ס'לעבן גענומען.

אַפּנים — זאָגט זי — אַז צו אַלץ דאַרף מען האָבן מזל. אָט נעמט מיין שכנה. זי האָט אַכט קינדער. ווען זיי וואָלטן געווען אַזוינע שלעק ווי מיינע, וואָלט דאָך שוין אַ בערגל ערד אויף איר געלעגן. ניט מען הערט זיי און ניט מען זעט זיי. און אַז זי גיט זיי עסן, זיצן זיי ביים טיש ווי צוגעקאָוועטע צו זייערע פּלעצער. מען רירט זיך ניט פון אָרט ביז זי הייסט זיי פאַרלאָזן דעם טיש. און וואָס זי גיט זיי עסן, עסט מען. ניט ווי ביי מיר, אַז וואָס איך זאָל ניט קאָכן, הערט מען נאָר: „אַי דאָנט לאַיק איט!״

איר „פּוירניטשע״ האָט זי נאָך פון דער חתונה, און אַלץ איז נאָך שפּאָגל ניי . . . און מיין „פּוירניטשע״ — ערשט געקויפט פאַראַיאָרן, איז ווען איר וואָלט געזען ווי אַלעס איז צעקאַרדאַשעט, וואָלט איר זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ!

ניט אומזיסט איז דער פּנים ביי מיין נעקסטדאָריקער בלוט און מילך, און איך בין געל און גרין.

איר מיינט דער מאַן מיינער איז בעסער? טאָמער באַקלאָג איך זיך פאַר אים אַז איך בין פאַרמאַטערט, ענטפערט ער מיר מיט רוגזה: „ווען ביזטו ניט פאַרמאַטערט?״ דער סוף איז, אַז אָדער ער קומט אינגאַנצן ניט אַהיים פון דער אַרבעט, אָדער אַז ער קומט שוין יאָ און זעט ווי איך פאַל אָוועק ווי אַ סנאָפּ, גייט ער גאָר אַוועק פון הויז — און טוט אים עפּעס.

מאָנטאָג איז דער ערגסטער טאָג פאַר דער מיסעס לופּין. אַ גאַנצן טאָג מאַכט זיך ביי איר ניט צו די טיר. דער אַריין און דער אַרויס. צוערשט קומט דער קאָלעקטאָר פון דער „פּוירניטשע״, נאָך אים — דער ראַדיאָ־קאָלעקטאָר; נאָך זיי ביידע — דער קאָלעקטאָר פאַר דעם „קאַרפּעט־סויפּער״ און דאַן הויבט זיך אָן אַ נייע סדרה: דער אינשורענס־מאַן, לאָנדרי־מאַן, גראָסערי־מאַן, סעלצער־מאַן, אייז־מאַסן, בוטשער און מילך־מאַן.

ווי איישעריקן באַפאַלן די קינדערלעך אַט־די מענטשן. ביי די קאָלעקטאָרס ווילן זיי די בלייפעדערס, ביים אינשורענס־מאַן די ביכלעך, ביים אייז־מאַן דעם פּיק און מען קוויטשעט, נאָר טויב צו ווערן. און די ראַדיאָ גייט־אָן אויף די העכסטע טענער . . .

— „מיסעס, פאַרמאַכט די קאַטערינקע!“ — בעט זיך דער קאָ־לעקטאָר. — „זיי וועלן ניט לאָזן, די טייוואָלים,“ אָנווזנדיק אויף אירע קינדער, זאָגט די מיסעס לופין אין אַ טאָן, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט.

די קאָלעקטאָרס קוקן זיך איבער איינער צום צווייטן, און כאַפּן זיך אַרויס ווי פון אַ משוגעים־הויז.

אַבי דאָס קינד זאָל עסן

אַ־יאָ, אייערע ווערט אויך היינטיקן זומער צוויי יאָר? איז טאַקע אַביסל אַ חילוק. אייערע זעט אויס צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי מיינע, און אייערע איז דאָך ווי אַ קלעצעלע, קיין בייז זאָל איר ניט זיין, און מיינע — פון וואָס זאָל מיינע אויסזען גוט, אַז זי עסט ניט? און שמועסט מיט מיין מאַן, זאָגט ער, אַז מען דאַרף זי לאָזן זיך אויסהונגערן. וואָס ווייסט אַ מאַן?!

ווען איך האָב זי געזויגן, האָט זי נאָך ווי עס איז גענומען אַ שטיקל ברוסט אין מויל. אָבער ווי איך האָב זי אַנטוויינט, איז אויס עסן. ס׳הייסט זי האָט יאָ געגעסן, אויב איך האָב איר געגעבן אין די הענטלעך וואָס זי האָט געוואָלט. כ׳האָב איר געמוזט געבן די קיך־געשיר צו שפּילן זיך. וואָס טוט ניט אַ מאַמע, אַז אַ קינד זאָל עסן?

האָט זי ביי יעדן עסן צעבראָכן אַ גלאָז, אַ טעלער. איך זאָג אייך, ניטאָ אין קיך שוין וואָס צו צעברעכן. עסט זי שוין ווידער ניט. וועל איך קוקן אויף גליקן? האָב איך זי אַריינגענומען אין דיינינג־רום, האָט זי דערזען דעם „טשאַינע קלאָזעט״, וועל איך איר זשאַלעווען? איך האָב עפּעס צען קינדער? האָט זי אָבער די זילבערנע זאַכן פונם „טשאַינע קלאָזעט״ ניט געוואָלט נעמען אין האַנט, נאָר צום גלאָזוואַרג האָט עס זי געצויגן. ווילסט גלאָז, נאַ דיר גלאָז — אַבי עס!

האָט זי ביסלעכווייז צעבראָכן אַלע ווייַן־גלעזעלעך. טאָ זאָל שוין זיין גענוג. ניין! זי וויל נאָך ס׳גלעזערנע ווייַן־פעסעלע. נאַ דיר ס׳פעסעלע, אַבי עס. האָט זי פון דעם פעסעלע אַרויסגענומען עפּעס אַ פּאַפּיר. זאָל זיין אַ פּאַפּיר, אַבי עס.

אָפּגעגעסן, גיי איך אַריין אין קיך. מיטאַמאָל — איך הער מיין קינד וואַרגט זיך! איך לויף אַריין, זי איז פאַרביי! האָב איך געמאַכט אַזאַ גוואַלד, אַז אַלע שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן און איך האָב אַוועקגעַ־חלש׳ט. האָט איין שכנה מיך געריבן מיט עסיק, אַ צווייטע האָט מיך געשטאָכן מיט אַ שפּילקע, אַ דריטע האָט געשפּריצט אויף מיר וואַסער,

אַ פּערטע האָט געקלאַפּט דעם קינד אין פּלייצקעלע, אַריינגעשטעקט איר אַ פינגער אין העלדזל און אַרויסגענומען אַ שטיקל, וואָס ס׳קינד האָט אָפּגע־ביסן פונם פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן צוזאַמענגעלייגט אין דעם ווײַן־פּעסעלע.

אַז מען האָט מיך מיטן קינד אָפּגעראַטעוועט, טוט מען אַ צענעם דעם פּאַפּיר, לאָזט זיך אויס, ס׳איז מיין כתובה.

— אַ מצווה אויף אייך! שיעור ניט דערוואָרגן די בעיבי מיט דער כתובה — מאַכט צו מיר אַ שכנה. איצט וועט איר שוין וויסן, אַז מיט אַ כתובה שפּילט מען זיך ניט.

נו, איצט וויל שוין מיין קליינע איך זאָל איר דערציילן מעשיות. דערצייל איך איר אויפן הימל איז אַ יאַריד — אַבי עס! אַז עס הויבט מיר אָן טרוקענען אין האַלדז און דריקן אונטערן האַרצן און איך וויל אָפּכאַפּן דעם אָטעם, האַלט זי די לעפל אין מויל און וויל ניט אַראָפּשלינגען, ביז איך הויב ווידער אָן צו ריידן. דערפאַר לאָזט זי מיך אָפּ ווען מיין מאַן איז אין דער היים.

זי וויל בלויז זיין האַנט־זייגערל. מאַכט ער זיך ניט הערנדיק. „גיב דעם קינד ס׳וואַטשקעלע״, בעט איך זיך ביי אים ווי ביי אַ גזלן. „זעסט דאָך, אַז זי וויל ניט עסן״. אַרט עס אים ווי די וואַנט. און טאַקע, פאַרוואָס זאָל עס אים אַרן? ער ווייסט דען וואָס עס מיינט האָדעווען אַ קינד? און קומען מיר צו זיין מאַמען אויף מיטאָג, איז דאָך די מאַמע אָן אָדער פון דעם זון, הויבט זיך פאַר מיר אָן אַ נייער גיהנום. ס׳קינד וויל עסן אויף דער פּיאַנאָ. איז וואָס איז דער אומגליק? זי וועט אָפּבייסן אַ שטיקל פּיאַנאָ?

„ניין! זאָגט די טייערע באָבע, — „מען טאָר אַ קינד ניט נאָכגעבן די שמד! זי וועט אויסוואַקסן וועט זי דיר טרעטן אויפן קאָפּ. איך האָב אויסגעהאָדעוועט פערצן קינדער און אַז איך האָב געזאָגט „ניין״, איז געווען ניין!״

בעת די שוויגער רעדט זיך אַזוי מיט אַ גרינגן לונג־און־לעבער, ליגט דערוויילע ס׳קינד אויפן דיל און ווערט צעריסן שרייענדיק. לויפט צו מיין מאַן צו איר און וויל זי שלאָגן, ברעכט צווישן אונז אויס אַ קריג. נעם איך ס׳קינד און גיי אַוועק אַהיים. זאָל זי זיך וואַרגן, די שוויגער, מיט דער פּיאַנאָ. מיין פוס וועט מער איר שוועל ניט איבערטרעטן.

און ווען מיין מאַן קומט פון דער מאַמען זיינער, קריגן מיר זיך ווידער. נאָכדעם גייען מיר אַרום ברוגז׳ע. אָט אַזוי ווי איר הערט. זינט ס׳קינד, זאָל מיר לעבן, איז געבוירן געוואָרן, איז נאָר ער זוכט זיך. צוועלף יאָר האָבן מיר אָפּגעלעבט ווי די טויבן. קיין קרום וואָרט האָט ער מיר קיינמאָל ניט געזאָגט. האָב איך געמיינט, אַז איך וועל אים האָבן אַ קינד וועט ער

מיך פּשוט טראָגן אויף די הענט. צום סוף האָלט ער מיך אין איין גריזשען, אַז איך ווייס ניט ווי אַזוי צו אויפברייננגען אַ קינד.

„גוטע יאָרן", זאָג איך, „אַז איך ווייס שוין ניט ווי צו דערציען אַ קינד. די מאַמע דיינע האָט בעסער געוואוסט? — פרעג איך אים — זי האָט אָנגעפּלאָדיעט אַ פולע שטוב קינדער, זיי געשלאָגן מיט אַ קאַטשעלקע און זיי אויסגעריסן שטיקער פליש."

„צו מיין מאַמען", זאָגט ער, „זאָלסטו זיך ניט גלייכן" — און עס שטעלן זיך אים אַזש טרערן אין די אויגן, ווען ער זאָגט „מיין מאַמע".

„מיין מאַמע", מאַכט ער, „האָט אויפגעצויגן קינדער, אַי צו גאָט אַי צו לייט. אַ חוץ אירע אייגענע קינדער — זאָגט ער — האָט מיין מאַמע גע־האַלטן באָרדערס, געוואַשן פון זיי, געקאָכט פאַר זיי. דערצו נאָך פלעגט זי אין די ווינטער־נעכט זיצן און פינישן באַנדלעך קלאָוקס, וואָס מיין טאַטע פלעגט איר ברייננגען פון סוועט־שאָפּ. און דו?" — זאָגט ער צו מיר — „ביסט נאָר פאַרנומען מיט דער בעיבי. ס'הויז איז איבערגעקערט האָרע־קאָרע און יעדן קלאַפּסטו אין קאָפּ מיט דיין בעיבי: די בעיבי וויל ניט עסן, די בעיבי לאָזט דיך ניט שלאָפן, די בעיבי האָט ניט געהאַט דעם מאָגן, די בעיבי האָט זיך געוואָרגן מיט דער כתובה, — הימל און ערד און די בעיבי!"

אָט אַזוי צאַפּט ער פון מיר מיין בלוט ריטשקעס־ווייז, און ניט בלויז ער אַזוי. נעכטן קומט זיינע אַ שוועסטער, טראָגט זי אַ האַנט־בייטל מיט צוויי קוטעסלעך. איך האָב גראַדע געהאַלטן אין געבן עסן דעם קינד. מיינע האָט דערזען דעם האַנט־בייטל מיט די צוויי קוטעסלעך, איז זי דאָך ניט מער ווי אַ קינד, האָט זי אָנגעהויבן וויינען. זי וויל דעם האַנט־בייטל. זעט די מומע ווי דאָס קינד צאַפּלט זיך און — ניט ווי זי מיינט מען.

"גיט איר דעם האַנט־בייטל, ביז זי וועט אָפּעסן", בעט איך זיך ביי דער שוועגערין.

„אַ נס", מאַכט זי, „וואָס זי הייסט זיך ניט געבן די לבנה אויף אַ טעלערל" — און זי גיט איר ניט דעם האַנט־בייטל, ווי זי וואָלט דאָרט גע־האַט אַ הויפן מיט דימענטן.

— וואָס איך גיב מיינער עסן? וואָס זאָל איך איר געבן, אַז זי וויל ניט עסן? ברעקפעסט, איז קוים מיט צרות וואָס זי עסט אויף אַן אָרענדזש, אַ פריש־געקאָכטע קאַשע מיט סוויט קרים, אַן אייעלע מיט אַ רעפטעלע טאָוסט, אַ טעפעלע קאַקאָ מיט אַ שטיקל „דעיניש פעיסטרי". מיט דעם ברעקפעסט לעבט זי שוין אָפּ ביז מיטאָג. אַז איך גיי אַראָפּ מיט איר אין סטריט, גיב איך איר אַמאָל אַ פיצל שאָקאָלאַד, אַמאָל אַ „מאָלטעד", אָדער

אייז־קרים. אָט־די זאַכן האָט זי גראָד ליב, אָבער דאָס איז אַן עסן פאַר אַ קינד? ס׳איז דאָך נאָר נאַשעריי.

קומט מיטאָגצייט וואָלט זי, דאַכט זיך, געדאַרפט זיין טויט־הונגעריק. האָט איר געדאַרפט זען, וואָס איך האָב מיט איר, איידער איך שטופּ אין איר אַריין דאָס לעמטשאַפּל, מיט דער געבאַקענער פּאָטעיטאָ, ס׳קאָפּ ספּינאַטש, מיט די עטלעכע מערעלעך און די פּאָר סטרינג בינס. און אויף צו פּאַרבייסן אַ לעק דזשעלאָ מיט „וויפּד קרים". קומט צו דער גלאָז מילך, פליען מיר שוין פונקען פון די אויגן. נאָר ווער האָט זיך אין זינען? איך לאָז זי ניט אָפּ, ביז זי טרינקט ביי מיר ניט אויס דאָס גאַנצע גלאָז מילך ביז׳ן דנאָ. נאָר אַז מער קיין מעשׂיות קאָן איך איר ניט דערציילן, וויל זי מיין דימענטן־פינגערל. ניט גענוג וואָס זי האָט מיר גע׳פּטר׳ט ס׳חתונה־רינגל, וויל זי מיר נאָך פּטר׳ן ס׳ענגעידזשמענט רינגל אויך. נאָר אַ מאַמע איז דאָך ניט קיין טאַטע: ווילסט ס׳דאַימאָנד רינגל? נאַ דיר! אַבי עס!...

מיין מאַנ׳ס געבורטסטאָג

— **מוטער** טייערע, — ווענד איך זיך איינמאָל צו מיין שוויגער, — אפשר קאָנט איר זיך פאַרט דערמאָנען, ווען מיין מאַן איז געבוירן געוואָרן? איך וויל אַזוי וויסן ווען עס איז זיין געבורטסטאָג, אַז עס עקן זיך מיר די כחות.

— וואָס גייט דיר אַזוי אין לעבן? — האָט די שוויגער זיך גע־בייזערט. — אָט האָב איך שוין באַלד אויסגעלעבט מיינע יאָרן און ווייס ניט ווען מיין געבורטסטאָג איז . . . צו וואָס דאַרף מען דאָס? אַמאָליקע יאָרן, אַז אַ קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט מען ניט פאַרשריבן אין די ביכער. און געדענקען אויפן קאָפּ — ליגט מיר טאַקע מער ניט אין זינען . . .

— שאַ! — רופט זיך אָן דער שווער — אונזער שרה־פייגע איז געבוירן געוואָרן אסתר־תענית. צום יאָר האָסטו געהאַט צביה־לאה׳ן, באַלד נאָך צביה־לאה׳ן איז געקומען זלאַטע־עטל. און ווידער פונקט צום יאָר, אַ טויט יינגל. צו די 11 חדשים — אונזער אברהם! אָט האָסטו דיר אַ חשבון, קלאָר ווי דער טאָג! . . .

— ווייס איך וואָס דו רעדסט! מיט דיין קאָפּ טאָר מען ניט גיין אויף קיין רעגן — האָט די שוויגער געזאָגט צום שווער. — סך הכל איז דאָס טויטע אינגל ביי מיר שוין געווען דאָס דריטע קינד נאָך אברהמ׳ען. און נאָך זלאַטע־עטלע׳ן, האָב איך געהאַט אַ זיבעלע; נאָכן זיבעלע — צייטל׳ען; נאָך צייטל׳ען — שלמה הערש׳ן; נאָך אים, דאָס פאַרזעעניש, פעטע לעלע׳ן, און דאַן ערשט — דעם צווילינג! און ביי דיר איז אַלץ קאַפּויר.

בקיצור, מיינע שווער־און־שוויגער האָבן מיט אַלע כחות פּרובירט צו צעקניפּן דעם קנויל פון לעבעדיקע און טויטע קינדער, וואָס זיי האָבן אויף דער וועלט געבראַכט. אָבער עס איז געווען אוממעגלעך צו דערגיין אַ טאָלק . . . זיי האָבן, וואָס ווייטער, אַלץ מער זיך פאַרפּלאָנטערט . . .

איינמאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט און אויך אויפ־געוועקט מיין מאַן.

— אברהם! — דו ווייסט, אַז מאָרגן איז אייבערעהעם לינקאָלנ׳ס גע־בורטסטאָג? דו הייסט דאָך אויך אייבערעהעם — האָב איך מיין מאַן מודיע געווען.

— טאָ וואָס קער זיך דאָס אָן מיט מיר? — האָט מיין מאַן ניט פאַרשטאַנען וואָס איך וויל פון אים.

— עס קער זיך שוין גאָר אָן! — האָב איך געזאָגט. — אויב דער 12טער פעברואַר איז גוט פאַר אייברעהעם לינקאָלנ׳ס געבורטסטאָג, זע איך ניט איין, פאַרוואָס ער קאָן אויך ניט זיין גוט פאַר דיר? . . .

פון דאַן אָן, פלעג איך אויף דעם 12טן פעברואַר איינלאַדן אַלע אונזערע גוטע פריינט און צוזאַמען מיט זיי פייערן מיין מאַנ׳ס געבורטס־טאָג.

מיין שוויגער האָט דאַן געוואוינט אין אַן אַנדער שטאָט. מיר האָבן זי אַ פּאָר יאָר ניט געזען. פּונקט דעם 12טן פעברואַר האָט זי אונז איבער־ראַשט און איז געקומען צופאָרן! . . .

אין דרויסן האָט געברענט אַ פראָסט. ווען די שוויגער איז צו אונז פּלוצלינג אַריינגעפאַלן, האָט זי אַזש ניט געקאָנט ריידן, אַזוי דערפרוירן איז זי געווען.

— וואָס איז ביי דיר היינט פאַר אַ שמחה? — האָט די שוויגער גע־פרעגט פאַרוואונדערט, ווען זי האָט דערזען די גרויסע צאָל געסט אַרום שיין־געדעקטן טיש.

— היינט איז אייער זונ׳ס געבורטסטאָג, שוויגער!

— אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ! — האָט די שוויגער אויסגעבייטלט אירע חלומות און אויסגעשפּיגן דריי מאָל.

— ווען דיין אברהם איז געבוירן געוואָרן, — האָט די שוויגער געזאָגט — איז געווען אַזאַ הייסער טאָג, אַז מען האָט געקענט צעגיין פון היץ! און ביי דיר איז ער גאָר געבוירן געוואָרן אין אַ פראָסט! . . . ווי איז מיר!

מיין שוואַגער מאָטל

אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט „איבערגעגעבנקייט".

פאַראַן משפחות, וואָס באָדן זיך אין גאָלע וואוילטאָגן און דאָך פירן זיי צווישן זיך אַ צעשטערטע לעבן, איינער מיטן אַנדערן איז קידער־ווידער. מיר זיינען גראָד אַ משפּחה פון אָרימע מענטשן, פונדעסטוועגן איז מען זיך געטריי. איינער דעם צווייטן איז גרייט אָפּצוגעבן דעם לעצטן ביסן פון מויל. נעמט, אַ שטייגער, מיין שוואָגער מאָטל. איר קענט אים דאָך. גוט איז ער, אַ מענטש אָן אַ גאַל. וואָלט ער נאָר געקאָנט מאַכן אַ לעבן, וואָלט דאָך מיין שוועסטער געלעבט פאַר אים ווי אַ גראַפיניע. ס'איז דען דאָ עפּעס, וואָס איז פאַר אים צו שווער פון אירט וועגן? אַנו, זאָל זי אים זאָגן אינמיטן נאַכט: „מאָטל, זיי מוחל און דערלאַנג מיר ס'טעלערל פון הימל" — וועט ער איר ניט זאָגן קיין קרום וואָרט. ער וועט אַרויפכאַפּן דעם שפּענצער און וועט לויפן איר ברענגען דאָס טעלערל פון הימל.

איר מיינט, אַוודאי, אַז נאָר איר איז ער אַזוי געטריי. פאַר דער גאַנ־צער משפחה איז ער גרייט צו לויפן אין פייער און אין וואַסער. אַשטייגער: זאָל ער זיך נאָר דערוויסן אַז איך בין ניט מיט אַלעמען, קומט ער תיכף צולויפן מיטן רענצעלע אונטערן אָרעם, ווי אַ דאָקטאָר, און נעמט זיך מיך ראַטעווען — מיט אַלע כחות און אין איין אָטעם.

צוערשט נעמט ער אַרויס פונם רענצעלע אַ פלעשל ריצנאייל און גיט מיר אַ פאָר לעפל. דערנאָך באַשטעלט ער מיך מיט באַנקעס, אַזוי גרויס ווי איך בין. דריטנס, לייגט ער מיר צו אַ הייסע פלאַש וואַסער צו די פיס, אייז צום קאָפּ, גיט מיר אויסטרינקען אַ פאָר גלעזער הייסע טיי מיט לימענע, דעקט מיך אײַן מיט אַ וואַטאָווער קאָלדרע, אַפילו אין אַ הייסן זומער־טאָג, און הייסט מיר שוויצן.

און אַז מאָטל הייסט שוויצן — שוויצט מען!

מאָטל אַליין זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטול לעבן מיין בעטל און קוקט אויף מיר מיט אַזוינע טרויעריקע אויגן, ווי איך וואָלט געווען אַ חולה־ומסוכן, וועמעס טעג זיינען געציילטע . . .

— וואָס וועט זיין דער תכלית פון אייער אַרומלויפן צו זיבן־און־ניינציק מיטינגען אַ וואָך? — נעמט מיך מאָטל אויפ׳ן צימבל. — איר וועט דאָך אַזוי אַוועקפאַלן און אַ האָן אַפילו וועט ניט אַ קריי טאָן. ווי אַזוי האָט עס אַ מענטש קיין רחמנות ניט אויף זיך אַליין? וואָס איז? — איר ווילט ראַטעווען די מענטשהייט! מ׳מוז קעמפן, וועט איר זאָגן. זאָלן יענע קעמפן, — זאָגט מיין שוואָגער מאָטל, — וואָס האָבן לויטערע קעפּ און ס׳קומט זיי ניט אָן מיט גרינע ווערים צו פאַרדינען ס׳שטיקל ברויט. איר פאַרגעסט, אַז איר דאַרפט זיין אַ געזונטע מאַמע צו אייערע קינדער. ווער וועט זיך אויף זיי אומקוקן אָן אייך? — און טרערן שטעלן זיך ביי מאָטל׳ען אין די אויגן, בשעת ער גיט מיר די פּאָרציע מוסר.

איך וויל אים ענטפערן, אָבער ער הייסט מיר שווייגן און איך זאָל בלויז זיך אויסשוויצן.

אויף פרייטאָג אָוונט לאַדט מיך מיין שוועסטער איין אויף סאַפּער, אוןביידע — סיי די שוועסטער, סיי דער שוואָגער — פרייען זיך ווען איך קום, אַזוי ווי איך וואָלט געווען זייער איין־און־איינציק קינד.

— ס׳וועט זיין גענוג פיש פאַר סאָניע׳ן? — פרעגט די שוועסטערביים מאַן, בשעת זי דערלאַנגט מיר דעם טעלער מיט פיש, זיצנדיק ביים טיש.

— וואָס זשאַלעוועסטו איר? — זאָגט דער שוואָגער. — גיב איר נאָך אַ שטיקל. — און ביידע נעמען קיין אויג ניט אַראָפּ פון מיר און בעטן מיך זיך ניש שעמען און „עסן ווי אַ מענטש" . . . ווען ס׳קומט צום פליישׁ, גיט מיר די שוועסטער אַ גאַנץ פערטל עוף, לייגט דער שוואָגער מיר צו פון זיין טעלער אַ פליגעלע מיט אַ שטיקל קוגל. פאַרגיטיקט אים מיין שוועסטער, פון איר טעלער, מיט אַ פּאָלקעלע און צוויי לאַטקעס.

נאָכן עסן גייען מיר אַלע דריי אין די „מואוויס". ביידע ווילן, אַז איך זאָל זיצן אינמיטן און רעדן צו זיי. ווען ס׳קומט צום געזעגענען זיך צעקוש איך זיך מיט דער שוועסטער, בעט זי מיך אַז איך זאָל אויך אַ קוש־טאָן איר מאַן. טו איך איר צוליב. אַ שיינער איז ער דאָך, מיין שוואָגער, טאָ וואָס קאָן עס מיר שאַטן? גיב איך אים איין קוש, גיט ער מיר צוריק צוויי.

— מאָרגן וועט איר זיך אָפּרוען? — פרעגט מאָטל איידער איך פאַרלאָז זיי.

— ניין, — זאָג איך. — איך בין מאָרגן אַ דעלעגאַט צו אַ קאָנפערענץ.

מאָטל גיט אַ שווערן זיפץ און וואָרפט נאָך די ווערטער:

„שוין לאַנג שטיל געווען! . . . "

הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען

איך זאָגט, אַז ווען מען לייענט גוטע ביכער, ווערט מען אַ בעסערער מענטש. ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען דער מענטש איז אַ גוטער. דאַן ווערט ער פונם לייענען נאָך בעסער. ווי איז אָבער דער דין, אַז מען האָט איינעם פאַרוויגט אין אַ וויגעלע, אַז ער איז אַ שלאַנג? ווען ער זאָל זיך שוין אַפילו שטעלן אויפן קאָפּ, און וועלן ווערן גוט, וועט מען אים ניט גלויבן.

אָט הערט אַ מעשה: אַנומעלטן איז מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט אַ בוך מיט מעשיות פון עפּעס אַ מאָדנעם שרייבער, וואָס יעדע מעשה קומט ביי אים אויס צו צוויי: „צוויי בעטלער", „צוויי פּריינט", „צוויי פאַרלעך", „צוויי פּענצטער". און דאָס זיינען ניט פון די מעשיות, וואָס מען קאָן זיי שלינגען, ווי אַ גאַנדז האָבער. פאַרקערט: איר לייענט איבער אַ מעשה און איר קלערט, וויפיל אומגליק דער ליבער גאָט האָט דאָס צוגעטראַכט פאַר די זינדיקע מענטשן".

איין מעשה, „צוויי פּענצטער", האָט גאָר געמאַכט אַן איבערקערעניש אין מיין מוח.

דער שרייבער ברענגט־אַרויס, „אַז קלוגע מענטשן, וואָס ווילן ניט בלייבן אַליין, פילן־אָן די טעג פון זייער לעבן מיט חבר'שאַפט און פריינטשאַפט, שפּרייטן אַרום זיך וואַרעמקייט און האַרציגקייט, ביז זייער לעצטן אָטעם."

אָט־די ווערטער האָבן מיר געטראָפן גלייך אין האַרצן אַריין, ווייל איך געדענק ניט, אַז איך זאָל מיר אַמאָל געווען שאַפן פריינט. פאַרקערט: איך האָב אַלעמאָל געהאַט אַ ווילדע הנאה, ווען איך האָב עמיצן אַריינגע־זאָגט, אַז ס'איז אים דערגאַנגען ביז דער זיבעטער ריפּ. האָב איך מיר נאָר געשאַפן שונאים, און מענטשן האָבן געווייכט פון מיר. די ביטערקייט איז מיר ניט געקומען פון נחת. איך בין געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה, ווען איך בין נאָך געווען כמעט אַ קינד. אַ מומע האָט מיך אָפּגעגעבן פאַר אַ „ניאַנקע". די קינדערלעך, אויף וועמען איך האָב אויפגעפּאַסט, זיינען געווען געזינטער פון מיר, און די באַלעבאָסטעס האָבן געהאַלטן דאָס ברויט אונטער שלאָס. די מיידלעך אין שטעטל האָבן זיך געשעמט צו

חבר׳ן מיט מיר דערפאַר, וואָס איך בין געווען אַ דינסט. בין איך געקומען אויף אַ חתונה, האָט קיינער ניט געוואָלט מיט מיר טאַנצן. פון דעם אַלעם האָט זיך אין מיר אָנגעזאַמלט ביטערניש און סם — אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן, ביז איך בין געוואָרן פול מיט גיפט.

שפּעטער, אין אַמעריקע, האָב איך אויך ניט געלעקט קיין האָניק. כ׳בין גוט פאַרשוואַרצט געוואָרן אין די אַמאָליקע סוועט־שעפּער, ביז — איך האָב חתונה געהאַט.

מיין מאַן איז געווען פּונקט דער היפּוך פון מיר: אַ קלוגער, אַן איידעלער, ליב געהאַט יענעם טאָן אַ טובה, אַרויסהעלפן אין אַ נויט. נו, האָבן אים מענטשן געשעצט, און אין זיין זכות מיך אויך געלאַדן צו זייערע שמחות. איז כל־זמן מיין מאַן האָט געלעבט, איז מיר געווען וואויל. ער האָט מיך ליב געהאַט, געפרעגט ביי מיר עצות, זיך גערעכנט מיט מיין מיינונג און ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל אָן מיר. אָבער זינט ער איז אַוועק פון דער וועלט, בין איך עלנט ווי אַ שטיין. מיינע קינדער האָבן זיך באַזעצט אין פרעמדע שטעט, און זעלטן ווען איך הער פון זיי. אַבי מען זאָגט, אַז וואָס די ערד דעקט־צו, ווערט פאַרגעסן. מיינע קינדער פאַרגעסן מיך, נאָך איידער די ערד האָט מיך צוגעדעקט.

און אָט וואוין איך שוין יאָרן־לאַנג אין איין הויז. פרעגט, צי האָב איך נאָך אויסגערעדט אַ וואָרט מיט אַ שכנה. די אַנדערע שכנים גייען איינע צו די אַנדערע, מען העלפט זיך אַרויס אין אַ נויט און מען פרייט זיך צוזאַמען ביי שמחות. נאָר מיין טיר איז פאַרהאַקט און קיינער טרעט ניט אַריבער די שוועל.

זומער, אין די שטיקנדיקע אָוונטן, זיצן די שכנים אויסגעזעצט פאַרן הויז אויף באַקוועמע שטולן און מען רעדט פון וועלט־זאַכן. נאָר איך איינע דריי זיך אַרום ווי אַ פרעמדע.

אין שאַפּ, וואו איך אַרבעט, פיר איך מיט אַלעמען מלחמה. ווען די פאַרלעידי ברענגט מיר עפּעס צו פאַרריכטן, שריי איך גוואַלד, אַז נאָר צו מיר טשעפּעט זי זיך. צו די פּרעסערס האָב איך טענות, אַז אַלעמענס „באַנדלעך" פּרעסן זיי אונטער פריער, און נאָר מיין „באַנדל" לאָזן זיי אויף צולעצט. און מיט מיינע שכנות, שניידערקעס, בין איך אויך מעסער־שטעך. מיר ווייזט זיך נאָר אויס, אַז זיי האָבן גרעסערע „באַנד־לעך" פון מיר. קלאָג איך זיי צו צו דער טשערלעידי, הערט זי מיך ווי המן דעם גראַגער. איינע האָט מיך שוין אַפילו געכאַפּט ביי דער האַנט, ווען איך האָב געהאַלטן אין ציילן איר באַנדל. האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן צו די אַנדערע: — „אַ דיבוק זיצט אין אָט דער אידענע. ס׳איז איר נאָר קאַרג די וועלט".

און איינמאָל האָב איך אַ זאָג געטאָן, ווי צו זיך אַליין: „ווי גוט עס איז, ווען מען קאָן חנפ׳ענען דעם באָס און דער פּאַרלעידי. דאַן קריגט מען באַנדלעך ווי די בערג״. נו, נו, האָב איך מיר געקויפט מפּטיר. ס׳האָט זיך צעפּלאַקערט אַ פייער צווישן די שניידערקעס, ווי איך וואָלט זיי באַגאָסן מיט קעראָסין און אונטערגעצונדן מיט אַ שוועבעלע. פון דאַן אָן רעדט קיינער ניט צו מיר.

מיטאָג־צייט זיצט מען אין גרופּעס. מען רעדט, מען לאַכט, מען טיילט זיך מיט נאַשעריי, און איך זיץ אַליין מיט מיינע טרוקענע „סענדוויטשעס״ און קיינער קוקט ניט אין מיין ווינקל. איז אַנטקעגן וואָס האָב איך אייך דאָס אַלץ דערציילט? אַנטקעגן דער מעשה „צוויי פּענצטער״.

איבערגעלייענט די מעשה, האָב איך שוין די גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. געלעגן און געטראַכט, אַז ווייטער אַזוי לעבן, אָפּגעפרעמדט פון מענטשן, טאָר איך ניט! וואָרים איך קאָן דאָך אַזוי אויסגיין צווישן די פיר ווענט, און קיינער זאָל אַפילו ניט וויסן וואו איך בין אַהינגעקומען. איך מוז ווערן מיט מענטשן גלייך.

אויף מאָרגן בין איך אַריינגעקומען אין שאַפּ און פריינטלעך באַגריסט די פּאַר־לעידי מיט אַ „גוד מאָרנינג, דאַרלינג!״ טראָגט זי דאָך אויף מיר ס׳גוטע האַרץ, האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, און מיט קיין איינציק וואָרט ניט געענטפערט.

בין איך צוגעגאַנגען צו די פּרעסערס און זיי אָפּגעגעבן אַ ברייטן „גוט מאָרגן״, האָבן זיי אויסגעשטעלט מויל־און־אויערן, ווי איינער רעדט: גע׳פּגר׳ט אַ בער אין וואַלד?

מיטאָג־צייט האָב איך זיך געווענדעט צו די אָפּערעיטאָרקעס: „לעידיס״, — זאָג איך צו זיי — „איך וויל, אַז איר זאָלט מיר מוחל זיין פאַר די אַלע צרות, וואָס איך האָב אייך פאַרשאַפט. איצט זאָג איך אייך צו, אַז איר וועט מעגן האָבן באַנדלעך, גרויסע ווי די בערג, וועט עס מיך אַרן ווי די וואַנט. ווייל איך האָב באַשלאָסן אַרויסצורייסן דאָס ווילד־גראָז פון זיך מיטן וואָרצל. וויפיל איך וועל פאַרדינען, וועט מיר זיין גענוג״.

אַ ווײַלע האָבן די אָפּערעיטאָרקעס געקוקט אויף מיר מיט אַן איראָניש שמייכעלע. דערנאָך האָט איינע אַרויסגעפּלאַצט:

— איר מיינט צו זאָגן, אַז איר וועט מער ניט ציילן אונזערע באַנדלעך, מער ניט צוקלאָגן צו דער טשערלעידי? נו, יאָ, אַז מיר וועלן דאָס דערלעבן, וועלן מיר משיח׳ן אויך דערלעבן״.

און אַ צווייטע האָט נאָך צוגעזונגען: „הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען״.

הכלל, איצט, אַז איך וויל שוין ווערן גוט — גלויבט מען מיר ניט.

די טאָכטער מיטן איידעם, נעבעך

פאַראַן אַ ווערטל: איין מאַמע קאָן אויסהאַלטן זעקס קינדער, אָבער זעקס קינדער קאָנען ניט אויסהאַלטן איין מאַמען.

איך קאָן זיך גראָד ניט באַקלאָגן. איך האָב, זאָלן זיי מיר זיין מיט יאָרן, פיר קינדער — דריי טעכטער און איין זון. זיי אַליין אויפגעצויגן, חתונה געמאַכט און ס׳גייט זיי גוט. בלויז די עלטסטע איז רייך. איר מאַן איז אַ מאַנופעקטשורער, און זי גייט ביי אים אין גאָלד.

איז דאַכט זיך, נאָכן שכל נאָך, וואָלט די רייכע טאָכטער געדאַרפט אויסהאַלטן אַן אַלטע, קראַנקע מאַמע. איז גאָר פאַרקערט: דער זון, וואָס איז דער אָרעמסטער, האַלט מיך אויס מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, און עסן און טרינקען וויפיל מיין האַרץ גלוסט. אָבער קיין סך קאָן איך פון אים ניט נעמען, ער איז אַליין אַן אָרימער גראָסערימאַן. און ווי שווער ער זאָל ניט אַרבעטן, קאָן ער קיין מיליאָנער ניט ווערן. אפשר דערפאַר, וואָס ער איז זייער אַן ערלעכער, און ערלעך איז שווערלעך.

בין איך אין אַ ליכטיקן זומער־טאָג אַוועק צו דער רייכער טאָכטער. זי וואוינט ווייט פון שטאָט און איז תמיד פאַרנומען. האָב איך זי שוין לאַנג ניט געזען. איר האָט געדאַרפט זען איר היים — אַ פּאַלאַץ, זאָג איך אייך! זיי האָבן אַליין דאָס הויז אויסגעבויט לעבן אַ גאָרטן מיט גרויסע, שמעקעדיקע רויזן, וואָס מען זעט גאָרניט אַזוינס. אין מיין שטעטל פלעגן פּריצעס פּרעגלען איינגעמאַכטס פון אַזוינע רויזן.

אָנגעקלונגען אין טיר־גלעקל, האָט אַ דינסט אין אַ ווייס פאַרטוכל און אין אַ ווייס טשופּיקל מיר געעפנט די טיר און געפרעגט וואָס איך פאַרלאַנג. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין דער מאַדאַמ׳ס מאַמע. האָט זי צוריק פאַרמאַכט די טיר און איז אַוועק זיך אָנפרעגן, צי זי זאָל מיך אַריינלאָזן. זי איז, אמת, באַלד געקומען צוריק און מיר געהייסן אַריינגיין.

מילא, איך זאָל אייך נעמען אָפּמאָלן דאָס רייכע הויז, מיט די לאָמפּן,

מיטן מעבל און די ווייכע טעפּיכער, וואָלט געגומען אַ טאָג מיט אַ נאַכט. אַז וואו איר טוט אַ וואָרף מיט אַן אויג, איז זייד און סאַמעט און גאָלד.

דערזען מיין טאָכטער, בין איך שטיין געבליבן, ניט געגלויבט מיינע אויגן. אַ גראַפיניע! זי איז טאַקע קיין עין־הרע זייער אַ שיינע. האָב איך זיך געשפּיגלט אין איר קאָפּ מיט די בלאָנדע לאָקן, ערשט פון „ביוטי פּאַרלאָר" אַרויס, און אין איר ליכטיק פּנים מיט די לאַכנדיקע אויגן.

אָבער לאַנג שפּיגלען זיך אין איר האָט זי מיך ניט געלאָזט. זי האָט מיך אַרונגענומען מיט אירע ווייסע, ווייכע, שמעקנדיקע הענטעלעך און אַ קוש געטאָן. דערביי האָט זי זיך געבייזערט, וואָס איך האָב פריער ניט טעלעפאָנירט, צי איך קאָן קומען. ס'הייסט — צי איך מעג קומען. גוטע יאָרן זיך דערלעבט: קומען צו אַ קינד, דאַרף מען פריער קריגן דער־לויבעניש!

די טאָכטער בעט מיך זיצן, הייסט דערלאַנגען כיבוד, און איך קאָן ניט אָפּרייסן די אויגן פון איר פּנים. איר זאָלט זאָגן אַ קנייטשעלע. איך אין אירע יאָרן בין שוין געווען אַלט און גרוי, און זי בליט נאָך, ווי די רויזן אין איר גאָרטן. און וואָס איז דער וואונדער, אַז ווינטער זיצט זי אין פלאָרידע, פרילינג אין „שערידאַן ספּרינג", און זומער האָבן זיי אַ היים לעבן ים.

טאַקע פונקט ווי מיין לעבן. איך בין, ניט פאַר איר געדאַכט, געבליבן אַן אלמנה מיט פּיצלעך ווערים. ווען איך בין נאָך אויך געווען יונג און שיין, האָט מיך געוואָלט אַ דאָקטאָר, אויסגעגאַנגען נאָך מיינע טריט. און אַחוץ'ן דאָקטאָר זיינען מיר נאָכגעלאָפן אַנדערע מענער אויך, ווי זאָגט מען, ווען דאָס בוימעלע איז יונג, טשעפּען זיך צווייגעלעך.

האָב איך אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַליין דערפירן די שיף און ברענגען די קינדער צו אַ ברעג. און אַזוי ווי קיין פאַך האָב איך ניט געקענט, בין איך געוואָרן אַ וואַרטס־פרוי. איר ווייסט וואָס אַמאָל האָט געמיינט אַ וואַרטס־פרוי? מען האָט דאָך מיט איר געאַרבעט ווי פרעה מיט די אידן. זי האָט געדאַרפט באַדינען די קינפּעטאָרין, באָדן דאָס עופה'לע, וואַשן פּעלעשעקעס, קאָכן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, ראַמען, דערלאַנגען, צונעמען. פון פרי ביז שפּעט האָבן אירע הענט און פיס ניט געוואוסט פון קיין רו. און אין דער היים האָבן הונגעריקע קינדער געוואַרט אויף דער מאַמען. ס'האָבן געוואַרט בעטן צום איבערציען, דילן צום שייערן, בערג קליידעלעך צום וואַשן און פּרעסן. איז דאָך אַ מענטש ניט קיין מאַשין. איך האָב פונם לויפעניש, יאָגעניש, כאַפּעניש זיך אָפּגעשפּאַרט אַ הויכן בלוט־דרוק, אַ נערוויאיש האַרץ און פונם שטענדיקן זיין אויף די פיס זיינען ביי מיר די אָדערן געוואָרן אָנגעדראָלן, ווי אָנגעצויגענע שטריק.

— נו, מאַמע, וואָס שווייגסטו? — האָט מיך מיין טאָכטער אַ מונטער געטאָן.

— וואָס זאָל איך, שרייען? — זאָג איך. — איך בין בלויז געקומען זיך דורכריידן. דו ווייסט, אַז דיין ברודער האַלט מיך אויס בכבוד.

— נו, — זאָגט זי, — קומט אים אַ דאַנק? ווער דען, אַז ניט קיין זון?

— וואו שטייט עס געשריבן, — פרעג איך זי, — אַז טעכטער זאָלן זיך אָפּוואַשן די הענט פון אַן אַלטער, קראַנקער מאַמען און איין זון זאָל טראָגן דעם גאַנצן עול אויפן קאָפּ? ער האָט דאָך אויך אַ ווייב מיט קינדער. דאָך באַזאָרגט ער מיך מיט אַ דירה, עסן און טרינקען, אָבער איך בין דאָך אַ לעבעדיגער מענטש, דאַרף אַ קלייד, אַ שוך, ס'ווילט זיך אויך אַמאָל אַריינגיין זען אַ מואווי, האָב איך ניט קיין סענט ביי דער נשמה. וויל איך, טאָכטער, אַז דו זאָלסט מיר געבן פון צייט צו צייט, עטלעכע דאָלער. ביי דיר וועט זיך דאָס ניט אָנזען און מיר וועט ווערן אַ ליכט אין די אויגן.

— גרינג צו זאָגן גיב, — זאָגט זי, — פאַרוואָס פרעגסטו ניט צי קאָן איך דיר געבן, צי האָב איך פון וואַנען דיר צו געבן. אַז דער יקרות איז אַזוי גרויס, און אַלע רייסן פון דיר די הויט! וואָס דאַרפסטו מער, אַמאָל פלעג איך קאָנען קריגן אַ דינסט פאַר האַלב אומזיסט, און היינט הייסן זיי זיך אָפּגילטן. איז וויפיל מיין מאָריס גיט מיר אויף דער הוצאה, איז קוים, קוים וואָס איך קום אויס. און איצט איז געקומען אַ נייע צרה.

— וואָס פאַר אַ צרה? — פרעג איך.

— מען האָט געלאָזט וויסן מיין מאָריס'ן, אַז זיינע אַרבעטער קאָנען ביי אים ניט מאַכן קיין לעבן, און אויב ער וועט ניט העכערן די שכירות, וועט די יוניאָן דערקלערן אַ סטרייק. האָט ער זיך אויסגעלאַכט. האָבן גענומען די אָפּערעיטאָרס, אָפּגעשטעלט די אַרבעט אין מיטן סעזאָן איבערגעדעקט די קעפּ פון די מאַשינען מיט שוואַרצע טיכלעך, ווי אַלמנות, און מען איז אַרויס אין סטרייק. גאַנצע טעג פּיקעטן זיי דעם שאַפּ. און קיין סקעבס, ווי אַמאָל, קאָן מען איצט ניט קריגן.

— הערסטו, טאָכטער — זאָג איך — דו דאַרפסט זען, אַז דיין מאַן זאָל דורכקומען מיט די לייט. זיי זיינען דאָך אויך מענטשן. אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ, פון וויינציגער פאַרדינסט ווערט מען ניט בדלות.

— ניין, מאַמע, — זאָגט זי, — מיין מאָריס וועט די האָלעדריגעס ניט נאָכגעבן, ווען ער זאָל אפילו דאַרפן אָנזעצן. אָבער דערווייל, מאַמע, איז ניט גוט. מיין מאָריס גייט אַרום ווי אָן אַ קאָפּ. קאָן ניט עסן און ניט שלאָפן. אַ קלייניגקייט: דער שאַפּ איז פאַרשלאָסן, און רענט דאַרף מען צאָלן, אויסהאַלטן אַ הויז, אויסהאַלטן איין זון אין קאַלעדזש, אַ צווייטן אין מעדיקעל סקול. היינט קומען אָן אַלע טאָג נייע בילס צום צאָלן: דאָקטאָר־

בילס, דענטיסט, אינשורענס. היינט נאָך די שטייערן! און דו ווילסט נאָך, אַז דיר זאָל מען אויך געבן. איז וואו זאָל זיך אויף אַלץ און אַלעמען נעמען? אַ ברונים שעפּט זיך דאָך אויך אויס.

אויסגעהערט, ווי מיין איידעם ווערט פאַרשוואַרצט אין עושר און אין כבוד, האָט מיר שוין באַנג געטאָן, וואָס איך בין אינגאַנצן געקומען.

ביים געזעגענען זיך מיט דער רייכער טאָכטער האָב איך געטראַכט: אַי, ווען איך האָב איצט די יונגע כוחות, וואָלט איך ווידער געגאַנגען פאַר אַ וואַרטס־פרוי, אָדער ווי זיי רופן דאָס היינט אַ „פּרעקטיקל נוירס״, און אָנשטאָט נעמען ביי די קינדער וואָלט איך זיי נאָך געגעבן.

די שטילע טויב

איך האָב דיר שוין געזאָגט, און איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, אַז ס׳איז ניט שיין צו באַרעדן אַן אייגענעם מאַן. וואָרים, אַז דו וואַרפסט אויף אים בלאָטע, שמירסטו זיך אַליין אויס די הענט. דיין מאַן איז, ווי דיין קינד. וואָס פאַר אַ לייטישע מאַמע וועט עס באַרעדן איר אייגן קינד?

— ביזט אַוודאי גערעכט, אָבער אַ מענטש האָט דאָך אַ גאַל, און אַז די גאַל פּלאַצט, איז ביטער. קאָן מען דען אַלץ שטיקן אין זיך?

— אָבער וואָס האָסטו זיך צו באַקלאָגן אויף דיין מאַן? אַ שיינער, אַ געזונטער, שטיל ווי אַ טויב.

— יאָ! שטיל ווי אַ טויב. שטילע וואַסער גראָבט טיף. ער איז פון די מענטשן וואָס ווערן קיינמאָל ניט אַלט — ניט פון פרעמדע און ניט פון אייגענע זאָרג. ס׳קאָנען פּאַרקומען מלחמות, כאָליערעס, קריזיסן — ער לאָזט אַלץ צו נאָר ביז׳ן קנעפּל. פאַר די קינדער אַרט אים ניט...

— נו, און אַז ער וואָלט זיך יאָ גענומען צום האַרצן, און געוואָרן גרין און געל, וואָלט דיר שוין געוועזן גרינגער?

— גיי שוין, גיי, ער וועט ווערן גרין און געל?! באַלד נאָך דער חתונה בין איך באַפאַלן געוואָרן מיט קליינע קינדער, און ער — אַ קליינער פאַרדינער, האָב איך אַליין געדאַרפט טראָגן אַלע זאָרגן אויף מיין קאָפּ. געהאַלטן באַרדערס, געקאָכט פאַר זיי, געוואַשן פון זיי און ניט געהאַט קיין פרייע מינוט. אַפילו זונטיק האָב איך אויך געהאַט אַרבעט איבערן קאָפּ. און ער, זאָלסט זאָגן ער זאָל דיר אויפהויבן אַ שטרוי פון דר׳ערד. איך האָב זיך געבראָטן ביים אויוון, געמאַכט עסן, געקאָכט קעסלען וועש, און מיין מאַן פלעגט זיך אינדערפרי אויספּוצן, זיך באַשמירן די האָר ס׳זאָל גלאַנצן, זיך לאָזן באַדינען און נאָך דעם אַוועק ערגעץ „נעמען אַ האַנט”... אַז די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן און די הוצאה איז געוואָרן גרעסער, בין איך אַוועק אין אַ שאַפּ אַרבעטן. און אַזוי ביז היינטיקן טאָג. וואָרים פון מיין מאַנ׳ס פאַרדינסטן וואָלט ניט געקלעקט קיין וואַסער אויף קאַשע. ס׳זיינען פאַרגעקומען צוויי מלחמות, מענטשן האָבן געמאַכט שטיקער גאָלד און ער איז אַלץ געבליבן דער אייגענער פּעדלער. אַנדערע האָבן פון

דער מלחמה אָפּגעשפּאָרט הייזער, אויטאָמאָבילן און זייערע ווייבער פעלט ניט קיין פויגל מילך.

— נו, און אַז ער איז ניט קיין ביזנעסמאַן, וואָס קומט אים דערפאַר? ער איז אָבער פאָרט אַן ערלעכער, שטילער מענטש. גלויב מיר, ס'זיינען דאָ מענער, וואָס זיינען ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי. דאָך ווערן זיי געלויבט פון זייערע ווייבער. וועסט מער ניט הערן, נאָר „מיין מאַן האָט מיר געבראַכט, מיין מאַן האָט מיך אויסגענומען. מיין מאַן און מיין מאַן".

— איז פרעג בעסער, צי האָט מ י י ן מאַן מיך ערגעץ אויסגענומען? וואָסי, איך בין קיין מענטש ניט? אַנדערע ווייבער זיצן אין די קאַנטריס, באָדן זיך אין ים, און איך, זיץ אין די גרעסטע היצן אין שאָפּ, און באָד זיך אין שוויס. צי האָט מיין מאַן מיך אַמאָל געשיקט אין קאַנטרי, וועגן קאַנטרי וויים איך נאָר פון די „קאָנוואַלעסענט האָומס", וואוהין די „סאָשעל סוירוויס" פלעגט מיך שיקען נאָך אַן אָפּעראַציע, אָדער נאָך ביומאָניע. איך קוק אויף מיין שכנה, זי איז ניט שיין, ניט קלוג. אָבער צו וואָס דאַרף זי זיין שיין, אַז איר מזל שיינט. זי האָט אַ מאַן, וואָלט מען געדאַרפט אויף איין וואָגשאָל לייגן גאָלד, און אויף דער אַנדערער אים. ער שאַנעוועט ס'וויב. קויפט פאַר איר אַלץ, העלפט איר מיט דער הויז־אַרבעט, מען גייט צוזאַמען צו מיטינגען, לעקציעס, אָוונטן, און איך ליג איינגעלייגט אין הויז און קוק ניט אָן די ליכטיגע שיין.

— דערפאַר איז אָבער דיינער דאָך אַן אמת־כשר'ער שעפּס. ביי אים איז דאָך איין גאָט און איין ווייב.

— זעסטו, דאָ האָסטו טאַקע געטראָפן, ווי מען זאָגט, מיט'ן פינגער אין הימל. אַנומלטן קום איך פון דער אַרבעט און טרעף ניט מיין מאַן אינדערהיים. איך וואַרט אַ שעה, און צוויי, ביטאָ, ווי אין וואַסער אַריין. מיטאַמאָל קומט ער אַריין, עפּעס אַזאַ שיינענדיגער, אַ צופרידענער, מיט אַ ברייטן „גוטן אָוונט", די אויגן ביי אים גלאַנצן און ער שמייכלט צו מיר אַזוי ליב, ווי גאָר אַמאָל. „וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? — פרעג איך אים — איך האָב דאָך שוין געוואָלט אַריינשטעלן דיין פיקטשער אין די פעיפּערס". לאַכט ער ס'גרעסטע געלעכטער און זאָגט: — „איך האָב זיך היינט באַקענט מיט אַ חתן כלה". — און ווען ווערסטו זיך באַקענען מיט די איבעריגע מחותנים?" — פרעג איך. — „איך וועל מאַכן אין זיי — זאָגט ער — אַ פּאָר טולער, זיי וועלן זיין גוטע קאָסטימער" — רייבט ער זיך צופרידן די הענט.

— יענער אָוונט איז שוין געווען אַ פריילעכער. נאָכדעם איז ער אָפּט געקומען אַהיים שפּעט, און אַלע מאָל מיט אַן אַנדער תירוץ, ביז דער בלאָטער האָט געפּלאַצט. נעכטן אָוונט, ביים סאַפּער, באַמערק איך, ווי

מיין מאַן עסט עפּעס זייער שנעל און טרייבט מיך אונטער, איך זאָל דערלאַנגען דעם צווייטן געריכט. ער קוקט אויפן זייגער און אָט שטעלט ער זיך ביים שפּיגל און בינדט אויס אַ נייעם שניפּס.

— „גייסט ערגיץ?“ — פרעג איך.

— „יאָ! — מאַכט ער, — איך וויל אַריינגיין אין אַ מואווי, אָט דאָ ניט ווייט“.

— און איך?

— דו זעסט אויס פאַרמאַטערט — זאָגט ער — לייג דיך בעסער שלאָפן.

איז מיר די געשיכטע עפּעס אַריין אין דער נאָז... מיטן הוט אין אַ זייט, עפּעס אַזוי לעבעדיק, וואוילינגעריש, איז ער אַרויס פון הויז, איך נאָך אים אויף דער צווייטער זייט גאַס. מיינסט געגאַנגען? טייוואָלים האָבן מיך געטראָגן, און דאָס האַרץ האָט ביי מיר געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן דער מואווי און דערזען אַן אויסגעפּוצטע ווייבעלע, ווי זי קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן. מיין מאַן איז צוגעקומען, זיך מיט איר געוויטעט און אַנגעמענדיק זי ביי די הענט, זיינען זיי אַריין אינעווייניק.

— אָט די שטילע טויב? ס׳קאָן ניט זיין!

— זעסט דאָך, די שטילע טויב...

דאָס רעדל דרייט זיך...

— נו, וואָס זאָגט איר, מרס. סילווער? לאַפּידוס׳עס טעכטערל האָט דאָך ווידער אָפּגעלאָזט דעם שידוך! איך האָב אָבער געוואוסט, אַז פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט ניט זיין. ער איז צו־לייטיש פּאַר איר. אַזאַ שטילער, איידעלער בחור — אויף אַלע מאַמעס געזאָגט געוואָרן אַזוינע זין. מיינט איר דאָך, אַז זי האָט אים אָפּגעגעבן דאָס דימענטן רינגל, — האָט איר אַ טעות. די מאַמע זיינע קלאָגט, אַז ער האָט ס׳רינגל גענומען אויף אויסצאָלן און ס׳וועט אים נעמען אַ לאַנגע צייט, ביז ער וועט מיט דעם פּאַרטיק ווערן.

— מיסעס גאָלד, נו און די מאַמע אירע איז דען בעסער? אַט אַט זי פּאַראַיאָרן זיך אויסגעסטראַצלט אין אַ „פּוירזשען לעם קאָוט״, וואָס זי האָט גענומען ביי אַ פּעדלער אויף אויסצאָלן. איז ווען דער איד איז געקומען קאָלעקטן, האָט זי זיך געמאַכט, אַז זי איז ניטאָ אין דער היים, איז דער פּעדלער אַזוי לאַנג געקראָכן אויף די טרעפּ, ביז ער איז געבליבן אָן אַ האַרץ... און זי, די מאַדאַם, איז געבליבן ביים פוטערנעם קאַראַקול־מאַנטל.

— דאָס איז נאָך אַלץ גאָרניט. אַט נעמט מיין שוועגערין. די „לעידי״ נעמט דאָך ניט מיט די הוילע הענט, נאָר מיט ווייסע הענטשקעס, נעמט זי. ווער עס קלאַפּט אָן אין טיר און גיט זאַכן אויף אויסצאָלן, נעמט זי. זי האָט זייער אַ גוט האַרץ, און קאָן ניט אָפּזאָגן די אָרעמע פּעדלער נעבעך. וועט איר טאַקע ביי איר געפינען פון די בעסטע פאַרהאַנגען, בעד ספּרעדס, און וואָס ניט?

זי נעמט קליידער, מעבל, קאַרפּעטס, אַלץ אויף אויסצאָלן, און ווען מען קומט קאָלעקטן, שמייכלט זי מיט אַזאַ זיס שמייכעלע, אַז ביים קאָלעקטאָר פאַרכאַפּט אַזש דער אָטעם. איז ווי סמייעט מען צו מאָנען ביי אַ לעידי, וואָס באַנעמט זיך אַזוי איידל, און גייט דערצו אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, אַפילו אין אַ פּראָסטן מיטוואָך?

און דער מאַן אירער, ווי פון איין טייג געקנאָטן. ביי ועמען האָט ער שוין ניט געכאַפּט קיין גמילות־חסד? ער קאָן דאָך צאַפּן פון דער וואַנט האָניק. עפּעס האָט דער מענטש אַזאַ קראַפט, אַז ניט נאָר קאָן מען אים ניט אָפּזאָגן, נאָר מען וואָגט אַפילו ביי אים ניט צו מאָנען.

איינמאָל קומט ער צו מיין מאַן און פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אים אונטערשרייבן אַ קוויטל. ער דאַרף האָבן עטלעכע הונדערט דאָלאַר. דערהערט, אַז ער וויל מען זאָל אים אונטערשרייבן, האָב איך אים געפרעגט, צי האָט ער אונז שוין אָפּגעגעבן וואָס אונז קומט? האָט ער ניט לאַנג געטראַכט, אַרויסגענומען פון קעשעניע אַ פלעשעלע און זיך אָנגערופן צו מיין מאַן: „אויב דו שרייבסט מיר ניט אונטער, סם איך זיך אָט דאָ, פאַר דיינע אויגן". האָט מיין מאַן זיך דערשראָקן און האָט אונטערגעשריבן. ציען מיר פון זיך די קליי און צאָלן דעם „לאָון". אָט האָט איר אייך שוין אייגן בלוט־און־פלייש.

— איצט וועל איך אייך דערציילן אַ שיינס, וועט איר ערשט האָבן וואָס צו הערן.

איך האָב געהאַט אַ שכנה, אַ פרומע ביז גאָר. אָן גאָט האָט זי זיך קיין ריר ניט געטאָן. זי פלעגט אַפילו שלאָפן אין אַ שייטל, האָט „דאָס שייטעלע" געהאַט אַ פּעדלערקע, ביי וועמען זי פלעגט נעמען קליינינקייטן אויף אויסצאָלן. ווען די פרוי איז געקומען, האָט שוין אויף איר געוואַרט דער דאָלאַר, מיטן ביכעלע אויף צו פאַרשרייבן. פלעגט זיך די פּעדלערקע בעטן ביים „שייטעלע", זי זאָל נעמען אויף אויסצאָלן עפּעס אַ רעכטע זאַך, ווי אַ „סעט" זילבערוואַרג, אַ שטיקל צירונג. פלעגט „דאָס שייטעלע" אַזש פאַרציטערט ווערן: „גאָט זאָל מיך אָפּהיטן! וואָס הייסט, איך זאָל זיך דערלויבן לוקסוס־זאַכן? טאָמער פאַרלירט חלילה מיין מאַן דעם דזשאַב, און איך קאָן ניט צאָלן? און איר זענט נעבעך אַן אלמנה מיט יתומים"...

איינמאָל, ווען די פּעדלערקע איז געקומען, און „דאָס שייטעלע" מיט אַ פרום פּנים האָט איר דערלאַנגט די לעצטע צוויי דאָלאַר, האָט די פּעדלערקע זיך שיער ניט צעוויינט, וואָס זי פאַרלירט אַזאַ טייערן קאַסטימער. אָבער באַלד האָט „דאָס שייטעלע" זי אויפגעמונטערט: „איר ווייסט, עס קומט מיר אַ מזל־טוב! מיין מיזינקע איז אַ כלה געוואָרן, און גייט אינגיכן חתונה־האָבן. וויל איך, אַז איר זאָלט מיר ברענגען אַביסל זיידענע וועש פאַר דער כלה; וואַרעמע קאָלדרעס, ליילעכער, טישטוכער, האַנטוכער, און נאָך זאַכן, וואָס אַ באַלעבאָסטע דאַרף אין אַ הויז. אָבער אַלץ פון די בעסטע. אין געלט איז ביי מיר ניט קיין מניעה, ווייל ניט אַלע טאָג מאַכט מען חתונה אַ קינד.

אַ פריילעכע פון דער באַשטעלונג איז אַוועק די פּעדלערקע, און נאָך דעמזעלבן טאָג האָט זי געבראַכט צוטראָגן צוויי פּעק, אַז עס האָט זי אַזש צוגעצויגן צו דער ערד.

„דאָס שייטעלע" האָט אַלץ באַטראַכט מיט גרויס מבינות, זיך

געדונגען, ביז — זי האָט צוגעשטימט צו די פּרייזן... דאַן האָט זי געהייסן דער פרוי קומען נאָך שבת, וועט זי איר געבן האַלב פון דער סומע, און די אַנדערע האַלב אין צוויי וואָכן אַרום.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, איך שטיי־אויף אינדערפרי אַריינגעמען ס׳פלעשעל מילך, איך טו אַ קוק: מיין שכנה׳ס טיר איז אָפן, און די גאַנצע שטוב איז אויסגעליידיגט. אַפּנים זיך אַרויסגעצויגן ביינאַכט. דעם צער פון דער פּעדלערקע, ווען זי איז געקומען און ניט געטראָפן „ס׳שייטעלע״, קאָן איך אייך גאָרניט איבערגעבן. אָבער זי איז ניט געווען די איינציגע. ס׳האָבן זי געזוכט אַנדערע קאָלעקטאָרס אויך: פאַר מעבל, פאַר אַ ראַדיאָ, וואָס „אַ שייטעלע״ קאָן!...

— אַז מיר רעדן שוין, וועל איך אייך דערציילן פון דער מיסעס סקימער. איר קענט זי דאָך, ווי זי רייסט פון טויט און פון לעבעדיק „פאַר די אָרעמע נעבעך״. איך פלעג זיך ברעכן דעם קאָפּ, פאַרוואָס ביי מיר דערלעבט ניט איינס ס׳אַנדערע. האָבן שוין אַלע אין מיין געזינדל שיך, פעלט איינעם אַ מלבוש׳ל, אַ צווייטן אַ מאַנטעל. פון זיך רעד איך שוין ניט. איך האָב דען אין וואָס זיך ווייזן פאַר מענטשן? און מיין מאַן אַרבעט גראַד שטענדיק, און איר מאַן אַרבעט זעלטן. דערפאַר אַרבעט זי שוין פאַר אים אויך. באַלאַנגט אין אַ סך סאָסאַיעטיס, און אַזוי ווי זי איז אַ שטיקל געבילדעטע, פּירט זי אומעטום די ביכער. און „אַז מען זיצט ביי דער שיסל, שרייבט מען זיך אָן אַ גוט קוויטל״. פעלט איר ניט פון פויגל־מילך...

איינמאָל זיץ איך ביי איר אין הויז, און זי האַלט מיר אין אייך דערציילן, ווי ביי די קבצנים האַלטן זיך אין איין פלאָדיען קינדער. מיטאַמאָל קומט־אָן די פּרעזידענטיכע מיט נאָך צוויי גבאַי׳טעס עפּעס פון אַ סאָסאַיעטי. האָט זי באַלד פאַרשטאַנען פונוואַנען דער ווינט ווייעט, האָט זי פאַר די געסט אונטערגעטראָגן בענקלעך און געבעטן זיצן. אָבער איינע האָט אַרויסגעפּלאַצט: „וואָס מיינט איר, מיר זיינען געקומען גוט יום־טוב זאָגן? מיר זיינען געקומען אָפּנעמען חשבון פון דער טעאַטער־אונטערנעמונג!״

„אַזוי״, — האָט זיך די מיסעס סקימער אַוועקגעשטעלט פּידבאָקאָם — „ביי מיר ווילט איר חשבונות? ווער איר מיר דאַרפן אָפּגעבן אַ חשבון פון דעם באַנקעט און פון דער „קאָרד פּאַרטי״... אַניט, וועל איך אייך צושטעלן אַ בענקעלע, אַז איר וועט דאַרפן אַנטלויפן פון אַמעריקע!...״

וואָס אַרט אייך, מען דאַרף איר שוין גאָרניט פּיקן די צונג... דער סוף איז געווען, אַז די דריי גבאַי׳טעס זיינען אַוועק אָן אַ זיי־געזונט, — און דאָס רעדל דרייט זיך, ווי פריער...

אַמאָל איז ניט היינט

מענטשן זאָגן: אַ ווייב קאָן שטעלן אַ מאַן אויף די פיס און ער קאָן פון איר פאַלן פון די פיס. איך זאָג עס אַנטקעגן דעם, ווי די היינטיקע ווייבעלעך באַהאַנדלען זייערע מענער, כמעט יעדע פון זיי שאַפט זיך מיטן מאַן ווי מיט אַ שיק־איינגל. אַן אַ פּליז אַפּילו און אַן אַ זיי־זשע מוחל... איינגאַנצן ניטאָ דער אַמאָליקער רעספּעקט, וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר אונזערע ברויט־געבער. ווער האָט דאָס אַמאָל גאָר געטראַכט צו שאַפן זיך מיטן מאַן, אַז ער זאָל פּוצן די פענצטער, רייניקען די קאַרפּעטס, וואַשן דאָס געשיר, אַרונטערטראָגן די גאַרבעדזש און טאָן נאָך אַזוינע דזשאָבס. דער מאַן האָט געמעגט זיין אַ האָן, איז ער געזעסן אויבנאָן און געקעניגט... אָבער אַ היינטיק ווייבעלע מיינט דאָך, אַז זי איז די איינציקע אויף דער גאַנצער וועלט, אַז אַ חוץ איר זיינען מער גאָר קיין ווייבעלעך ניטאָ. און האָט זי נאָך אַ קינד, קאָן ער זיך שוין גאָר ניט אויסצאָלן. ער דאַרף האָדעווען די בעיבי, דאַיפּערן עס, לעגן שלאָפן. און איז די בעיבי, חלילה, ניט מיט אַלעמען, איז דער מאַן אויף מיטן קינד גאַנצע נעכט און דאָס ווייבעלע — זי רירט זיך ניט פון אָרט. עס זאָל איר גאָר אָנהויבן אַרן, וואָס אויף איר מאַן וואַרט מאָרגן אַ שווערער טאָג אַרבעט...

אַמאָל האָבן מיר אָפּגעהיט דעם מאַן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אמת, מיר זיינען געקומען פון איראָפּע געזונטע, מיט שטאַרקע הענט, וואָס האָבן געקענט איבערקערן בערג. האָבן מיר זיך געקאָנט באַגיין אָן דעם מאַנ׳ס הילף. אָבער היינטיקע ווייבלעך האָבן דאָך אַפּילו ניט קיין כוח צו לעבן... און פון וואָס זאָלן זיי האָבן כח, אַז זיי האָבן מורא פאַר אַן איבעריקן ביסן, טאָמער וועלן זיי פאַרלירן די טאַליע... איך האָב אַליין געזען, ווי אַ ווייבעלע האָט זיך געמאַכט אַ מאָלצייט פון עטלעכע ניסלעך, אַ פּאָר ראַזשינקעס, אַ פייג אונטערן נאָז, פאַרביסן מיט אַביסל רויך פון אַ סיגאַרעטל און איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער סעודה. און קומט דער מאַן פון דער אַרבעט טרעפט ער ס׳ווייב אַ צעיאַכמערטע, אַ נערוויאישע, די האָר צעשויבערט, און ביז ער דערלעבט שוין זען דעם בלעכענעם סאַפּער

אויפֿן טיש, חלש׳ט אים צען מאָל איבער ס׳האַרץ. צום סוף באַקלאָגט זי זיך נאָך, אַז איר מאַן איז ניט ראָמאַנטיש...

אַמאָל, ווען דער מאַן איז געקומען פֿון דער אַרבעט, האָט אויף אים שוין געוואַרט אַ שיין־געגרייטער טיש, מיט אַ געשמאַקער וועטשערע און דאָס ווייב, אַ ליכטיגע, אַ ציכטיגע, האָט מיט גרויס געזאַנג אין האַרצן דערלאַנגט צום טיש. און דער מאַן פֿלעגט פֿאַר זיין ווייב אָפּבלאָזן ס׳אָרט. וואָרים וואָס פֿאַר אַ גוט מאַרגן, אַזאַ גוט יאָר...

אַמאָל האָבן מאַמעס געלערנט זייערע טעכטער: „דו היט אָפּ אַ זאַך איינמאָל, וועט עס דיך אָפּהיטן צען מאָל". און היינטיקע ווייבעלעך קאָנען דאָך אַפֿילו ניט האַלטן אַ נאָדל אין האַנט. איז ווען איר וועט צוגיין צו אַ קליידער־שאַפֿע, וועט איר דאָרט געפֿינען אָן אַ שיעור ווייבערשע בלוזקעס, קליידלעך, דזשעקעטס, מאַנטלען. אָבער קומט צו עפּעס, איז ניטאָ וואָס אָנצוטאָן... ס׳פֿעלן קנעפּלעך, העקלעך, דאָ אַרבעט ניט דער זיפּער, דאָרט האָט זיך געעפֿנט אַ נאָט, אָדער ס׳איז אויסגעריסן אין אַרבל. גייט מען אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק „שאַפּינג". אָט טוט מען אָן אַ נייע קלייד און אויף מאָרגן איז עס שוין פֿול מיט פֿלעקן. איז אַ שפּע אין די קלינינג סטאָרס און ביי די ווייבלעך פֿעלט אויס חלה אויף המוציא...

שיין, הערט איר, איז צו זען, ווי די יונגע באַלעבעסלעך לויערן אַרום די וואַשינג מאַשינעס און וואַרטן אויף נעקסט. ס׳קומט אַראָפּ אין קעלער מיט אַ קאָשיק וועש אָן ערשט־געוועזענער ליוטענאַנט, ניט קיין געוואַשענער, ניט קיין ראַזירטער, מיט אַ מיליטערישער העמד אַריבער די הויזן. חברה מאַכן פֿאַר אים אַ וואַרע. מען לעגט צו די שפּיץ פֿינגער צום שטערן און מען גיט אים אָפּ „טשעסט"... אַ שמייכל באַוויזט זיך ביים ליוטענאַנט אויף די ליפּן. ער דערמאָנט זיך אוודאי וועגן זיין פֿריערדיגער גדולה, ווען די פּראָסטע סאָלדאַטן האָבן געציטערט פֿאַר זיין פּאַרע...

און ווען מען ווערט שוין פֿאַרטיק מיט די וועש און ס׳בלייבט נאָך אַביסל צייט פֿון אָוונט, זעצט מען זיך צו דער טעלעוויזיע. און קומט אַריין אַ שכן, הייסט מען אים אויף שטום־לשון זען, הערן און שווייגן... קוקט ער אויך אויף טעלעוויזיע, צי ער וויל צי ניט, ווייל אַוועקגיין פּאַסט עפּעס ניט...

אַנומעלטן אַ זונטיק אָוונט, האָב איך באַזוכט מיינע פֿריינט און האָב זיי געפֿונען מיט נאָך געסט אין אַ פֿינצטערן צימער ביי דער טעלעוויזיע. האָב איך זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט אין אַ צווייטן צימער, און דאָרט אָפּגעשלאָפֿן דעם אָוונט. מיינע פֿריינט, וואָס האָבן אינגאַנצן געהאַט

פאַרגעסן אין מיר, האָבן מיך שפּעטער געפונען אין זייער בעט, ווען זיי האָבן זיך אַליין געוואָלט לעגען שלאָפן...

אַמאָל איז געווען אַ פאַרגעניגן צו קומען צו זיי אין הויז. איר האָט דאָרט געקענט געפינען מענטשן, וואָס האָבן גערעדט פון וועלט־זאַכן. דער באַלעבאָס האָט געקענט דערציילן שיינע מעשיות, אַניט האָט ער געלייענט עפּעס פון אַ בוך, און דאָס ווייבל האָט מיט אַ שמייכל דערלאַנגט כיבוד צום טיש, פאַרצויגן אַ ניגון און אַלע האָבן מיטגעזונגען. היינט אָבער האָט דאָס פּאָרל אַ טעלעוויזיע, און שוין...

אַנומלט, הערט איר, האָט מיך אַ יונגע שכנה אַריינגערופן באַקענען זיך מיט אירע שווער־און־שוויגער. דער שווער — אַ רב, האָט געטראָגן אַ לאַנגע באָרד, און פאַרמאָגט אַ פּאָר קלוגע אויגן מיט אַ סימפּאַטיש פּנים. די שוויגער, אַ שיינע פרוי מיט אַן איידל געזיכט, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד. די שנור האָט די שיינע טאַטע־מאַמע באַזעצט אין קיך ביי אַן אָפּגעדעקטן טיש, און אַליין איז זי געווען אָנגעטאָן אין „אָווראָלס", מיט אַן אַלטער מענערשער העמד פון אויבן, לויט דער לעצטער מאָדע... די פלאַקסענע האָר זיינען ביי איר געווען פאַרבונדן אויפן שפּיץ קאָפּ מיט אַ בענדל און זיינען אַראָפּגעהאַנגען ווי אַ פערדישער עק. דערביי האָט זי געריכערט און אַרויסגעלאָזט דעם רויך פון דער נאָז, ווי פון אַ קוימען. איז אַריינגעקומען פון גאַס דאָס אייניקל. אַ אינגעלע מיט אַן אויסגעשמירט פּנימ׳ל. די באָבע האָט אים געוואָלט אַרומנעמען, צודריקן צום האַרצן, האָט זיך דאָס אינגל געריסן פון אירע הענט און געקוויטשעט מיט באַנומענע קולות. און דערביי אָנגערופן די באָבע מיט גאָר ניט קיין שיינעם נאָמען...

דערפאַר איז זייער זון — דעם ווייבעלע׳ס מאַן — געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן, געפּרעסטן פאַרטוך און געשיילט קאַרטאָפל. מיטן שפּיץ פון אַ קליין מעסערל האָט ער זייער געשיקט אַרויסגעדלובעט די שוואַרצע פינטעלעך פון די קאַרטאָפל, אַז ס׳האָט אויסגעזען, אַז אַ חוץ די צוויי קאַלעדזשעס וואָס ער האָט געענדיקט פאַר זיין פּראָפעסיע, האָט ער אויך געענדיקט נאָך אַ דריטן קאַלעדזש פון שיילן קאַרטאָפל.

זעט איר, מיין שווער איז גראָד ניט געווען קיין רב און מיין שוויגער איז ניט געווען קיין רביצין — דאָך, ווען זיי פלעגן קומען צו אונז צוגאַסט, האָב איך פאַר זיי געגרייט דעם שענסטן טיש, און איך מיט מיין מאַן און די קינדער זיינען געווען אָנגעטאָן יום־טוב׳דיק. האָבן שווער און שוויגער טאַקע געקוקט אויף אונז און זיך געבאָדן אין נחת. און ווען אונזערע קינדער האָבן געזען ווי מיר גיבן־אָפּ כבוד טאַטע־מאַמע, איז די חשיבות

פון דעם זיידן מיט דער באָבע שטאַרק אויסגעוואַקסן אין זייערע אויגן, און זיי האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט דרך ארץ.

פונדעסטוועגן קאָן איך ניט זאָגן, אַז איך האָב געהאַט גרויסן נחת פון מיין שוויגער. זי איז שטענדיק געקומען צו אונז אָן אָפּגעגעסענע, אַ זאַטע, און האָט זיך ניט געוואָלט צורירן צו די גוטע מאכלים, וואָס איך פלעג צוגרייטן. איינמאָל האָב איך זי געגומען אויפן צימבל: שוויגער, סעקרדצע! וואָס איז די מעשה, וואָס איר ווילט ביי מיר קיין זאַך ניט פאַרזוכן? איר ווייסט דאָך, אַז איך קויף כשר'ע פלייש.

נו, האָט מיין שוויגער זיך צעשמייכלט און זיך אָנגערופן צו מיר: „דו ווייסט, מיין קינד, אַז איך בין פונם אַלטן רבונו־של־עולם, און מיט וואָס דער טאָפּ שמעקט זיך אָן, מיט דעם ווערט ער צעבראָכן... דו ביזט דאָך ניט אָפּגעהיט וועגן מילכיגס און פליישיקס".

האָב איך זיך ניט פאַרלאָרן און האָבן געגעבן מיין שוויגער צו פאַרשטיין, אַז הייניקע כלים זיינען אַזוי ווי גלאָז, וואָס זאַפּט אין זיך גאָרניט איין, דעריבער דאַרף מען ניט האַלטן קיין צווייערליי געשיר.

דאַרויף האָט מיין שוויגער מיר געענטפערט: „לאָמיך האָבן אַזאַ יאָר, ווי קלוג דו ביזט. נאָר פונדעסטוועגן, קאָך אָפּ פאַר מיר אַ האַרט איי אין אַ פאַרעוון טעפּל..."

ס'אַרט מיך ניט

אָט דער הייסט ביי אייך אַ שיינער? טאָ וואָס וואָלט איר שוין געזאָגט, ווען איר זעט מיין מאַן? מיינער איז אַ הויכער, אַ ברייט־ביינערדיגער, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע געקרייזלטע האָר, ברענענדיקע אויגן. אין זיין ליכטיק פּנים איז ניט אַריינצוקוקן ווי אין דער זון. און גיט ער אַ לאַך, ווערט פריילעך אין יעדן ווינקעלע. אמת, איך געדענק שוין ניט, ווען איך האָב אים געזען לאַכן...

ער איז אויך זייער אַ קלוגער, מיין מאַן. אַ מיניסטערשע קאָפּ אויף אים. ניט אומזיסט איז ער אַ קהל'שע קליאמקע און אַ וועלט־פאַרזאָרגער. אין אַ סך אָרגאַניזאַציעס איז ער דער גאַנצער רעדל־פירער. און קומט ער צו אַ שמחה, קאָן ער אייך מאַכן פון טויט לעבעדיק. אַז אַלץ קאָן ער. זינגען — איז זינגען, שפּילן מאַנדאָלין, דערציילן וויצן מען זאָל זיך קאַטשען פון געלעכטער — אַלץ ער.

נאָר וואָס קומט אַרויס פונם גילדענעם בעכער, אַז ער איז פול מיט טרערן. אומעטום גייט ער אַליין, און מיך לאָזט ער אין הויז מיט די פיר ווענט. מיט יאָרן צוריק, באַלד נאָך דער חתונה, פלעגט ער מיך יאָ מיטנעמען. קיין אויג האָט ער פון מיר ניט אַראָפּגענומען, און גערעדט צו מיר אַזוי שטיל און איידל. „דאַרלינג", פלעגט ער זאָגן, „דער מיטוואָך איז ביי דיר לענגער פונם דאָנערשטיק".

„זע, מיין לעבן, פאַרוואָס וואַשסטו זיך ניט דעם האַלז מיט זייף?"

„ליובעניו, האָסט זיך צוגעשפּיליעט מיט אַ „דאַיפּער־פּין". ניט געקענט אָנבייען אַ קנעפּעל?"

אָט אַזוי, קושענדיג, האָט ער מיר אַרויסגענומען די לעבער. ווער שמועסט נאָך, אַז איך בין אין די מואוויס איינגעשלאָפן, איז שוין צו זיין איידלקייט קיין גרענעץ ניט געווען.

„ווייי איז מיר", פלעגט ער זאָגן, „ביזט נעבעך געשלאָפן אויפן האַרטן פּויסט. געווען געדאַרפט פאַר דיר מיטנעמען אַ קישעלע מיט אַ בלענקעט..."

דאַכט זיך, טויזנטער מענטשן שלאָפן אין די מואוויס, און די וועלט גייט ניט אונטער.

מיינע אַ פריינדינע דערציילט מיר, אַז איר מאַן נעמט זי אויס אַלע שבת אין טעאַטער. איז ווי נאָר ער קומט אַריין זעצט ער זיך אַוועק, לייגט אונטער דעם עלנבויגן אונטערן קאָפּ און שלאָפט אַזוי אָפּ אַלע פיר אַקטן. ווען זיי גייען אַהיים, זאָגט ער: „איט וואָז עי ווערי נאַיס שאָו". פונדעסט־וועגן מיינט זי, אַז קיין קליגערס פון אים איז ניטאָ. און ביי מיין מאַן איז אַלעס אַ חטא.

איר מיינט, אַז מיטן עסן האָב איך פון אים ניט געהאַט קאַלטס און וואַרעמס? איך פלעג קויפן ס'בעסטע פליש, געהאַקט, איינגעקלאַפּט, באַווירצט און באַפעפערט, זיך געפליסט מיט אַלע כחות ס'זאָל זיין געשמאַק, אָבער ווי נאָר ער האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט ער אָנגעהויבן לעקן און שמעקן און מיט זיסינקע רייד: „זע, מיין לעבן, פאַרוואָס קויפסטו פאַדלע?"

פון די אַלע זאַכן, זאָגט איר, קאָן מען בלייבן לעבן. נו, יאָ, אַ מכה איז גוט ביי יענעם אונטערן אָרעם... דער עיקר, זאָגט איר, דאַרף איך זיך אַביסל צופוצן. פאַר וועמען האָב איך זיך צו פוצן? ווער איז דען מיינער און וועמעס בין איך? עס ליגט מיר טאַקע מער ניט אין זינען!

שוין אַ צייט, אַז מיין מאַן אַרבעט ניט. איז ווער שוואַרצט זיך ס'פּנים פאַר יעדן איינעם? — איך.

אָט ערשט איז דער לענדלאָרד אַוועקגעגאַנגען פון מיר. צו זיינע פיס בין איך אים געפאַלן, אַז ער זאָל אונז ניט אַרויסוואַרפן פון דער דירה. איך האָב דעם טעם פון ליגן מיט די בעבעכעס אויף דער גאַס, שוין אויך פאַרזוכט. זאָגט איר, אַז איך דאַרף זיך פוצן...

זאָגן אייך דעם אמת? איך האָב שוין אַפילו אויפגעהערט צו קוקן אין שפּיגל. אַז איך דערזע וואָס פון מיר איז געוואָרן, כאַפּט מיך אָן אַ רחמנות אויף זיך אַליין...

איר האָט מיך באַדאַרפט קענען מיידלווייז! מ'פלעגט זיך דאָך אָפּשטעלן אין גאַס צו קוקן אויף מיר. „סאַראַ שיינהייט!" — פלעגן מענטשן באַמערקן הינטער מיינע פלייצעס — ווי ס'גייט דאָרט דאָס לידל:

שיין בין איך אַמאָל געווען,
ווי גאָלד האָט מיין פּנים געשיינט;
אַז איך דערמאָן זיך אין מיין זיס לעבן,
וואָס אַ טאָג — ווער איך ערגער קראַנק.

און וואָס איז דער חידוש? ס'איז עפּעס אַ קלייניגקייט: אַ מענטש גייט אַרום מיט אַ שווערער וואונד אין האַרצן... וואָס זאָג איך „אַ וואונד"? — ס'אַ שאַנד אין פּנים און אַ ווייטיק אין האַרצן.

מיט אַ צייט צוריק, ווען מיין מאַן האָט געאַרבעט און ס׳האָט אונז ניט געפעלט פון פויגל־מילך — קומט ער אַהיים, גיט מיר אַוועק די „פעידע״, פוצט זיך אויס און לאָזט זיך אַוועקגיין.

— וואוהין לויפסטו עס? — פרעג איך אים. און פאַרוואָס נעמסטו מיך ניט מיט?

גיט ער מיך אַ גלעט אין באַק און מאַכט צו מיר אַזוי: „וואוהין איך גיי, רחל׳ע, וועסטו זיך ניט אַריינפּאַסן״ . . .

אָט די ווערטער האָבן מיר דערלאַנגט ווי מיט אַ שאַרפן מעסער גלייך אין האַרצן אַריין. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך געבראָכן דעם קאָפּ: „וואָס הייסט איך וועל זיך ניט אַריינפּאַסן דאָרט, וואוהין ער גייט?״ — דאָס הייסט דאָך, אַז ער שעמט זיך מיט מיר...

פון דעמאָלט אָן גייען מיר אַרום ברוגז׳ע, רעדן ניט אויס קיין וואָרט צווישן זיך.

אָפטמאָל קומט ער אַהיים שוין מיטן טאָג. איך ליג דעמאָלט אין געהאַקטע וואונדן, הער זיך צו צו יעדן שאָרך. ערשט ווען איך דערקען זיינע טריט, ווער איך אַנטשלאָפן.

אינדערפרי גיי איך אויף די שפּיץ־פינגער. כ׳לאָז די קינדער קיין פּיפּס ניט טאָן. „שאַ דער טאַטע שלאָפט!״ — פאַרט אונזער ברויט־געבער! אַז ער פאַרדינט, גיט ער מיר אַוועק ביז אַ סענט. פאַרדינט ער ניט ,הונגערן מיר אַלע גלייך.

ווען מיין מאַן שטייט־אויף פון שלאָף, איז שוין נאָך האַלבן טאָג; באָדט ער זיך אויס און ראַזירט זיך אָפּ. אַלע טאָג אַזוי. האָט איר שוין אַמאָל געהערט אין אייער לעבן, אַז אַ מענטש זאָל זיך באָדן יעדן טאָג?

ווען ער קומט־ארויס פונם באָד־צימער, שיינט ער ווי דער מאָרגן־שטערן, דרייט זיך אַרום אין שטוב, ווי איינער רעדט: „קוק מיך אָן, נאָר ריר מיך ניט אָן״...

עסן מאַכט ער זיך אַליין. ער גרייט זיך צום טיש מיט אַ ווייסן טישטוך. אַ ניט, וועט ער ניט עסן. ביי לייטן עסט מען אויף „ניוספּעיפּערס״, אָבער ביי מיין מאַן מוז אַפילו אינמיטן אַ מיטוואָך ליגן אַ ווייס טישטוך אויפן טיש.

אַז ער עסט אָפּ, פאַרשליסט ער זיך אין „בעדרום״ און זעצט זיך שרייבן. טרעפט, אדרבה, וואָס ער שרייבט? — איר וועט ניט טרעפן. ער שרייבט לידער. ער קען דאָס אויך.

צי מען דרוקט זיינע לידער? ניין. ער זאָגט, אַז זיי זיינען צו גוט, אַז מען זאָל זיי קאָנען פאַרשטיין...

אַמאָל פלעגט ער פאַר מיר די לידער לייענען. האָט ער אָבער

געזען, אַז זיי קריכן מיר ניט אין דער לינקער פּיאַטע, האָט ער אויפגעהערט פאַר מיר זיי צו לייענען...

הלמאי זאָל איך לייקענען? איך האָב פיינט, אַז מען רעדט צום גראָם. איז וואָס קומט מיר דערפאַר — שיסן? אָט אַזוי ווי איר הערט, זיינען מיר זיך ביסלעכווייז געוואָרן דם־שונאים. אָבער אַלץ איז ביז אַ צייט.

איינמאָל אין אָוונט האָב איך זיך מיט אַן אויסרייד אַריינגעכאַפּט צו אַ שכנה. דאָרטן איז תמיד פריילעך. עס קומען זיך צונויף זייער געבילדעטע מענטשן און מ׳שפּילט פּויקער אויף וואָס די וועלט שטייט. האָב איך זיך אויך צוגעכאַפּט צו אָט דעם שפּיל ווי צו עפּעס רעכטס. און די ערשטע צייט איז מיר גראָד געגאַנגען . . . האָב איך געטראַכט: צו וואָס דאַרף איך איבערלאָזן די קינדער אַליין און שפּילן אין פרעמדע הייזער? איך האָב דאָך אויך אַ שטוב! ס׳האָט ניט לאַנג גענומען, האָב איך צוזאַמענגעשטעלט אַ קאַפּעליע שפּילער — איינס און איינס. די קאָרטן ברענגען ביי זיי אונטער די הענט...

וואו איך האָב גענומען געלט אויף צו שפּילן, פרעגט איר? — אַ קלוגע אידענע גיט זיך אַן עצה: איך האָב געהאַט אַ זייגערל מיט אַ קייטל, האָב איך דאָס אויסגעביטן אין אַ „פאָון־שאָפּ״ אויף קליינגעלט... דערנאָך האָב איך דאָס אייגענע געטאָן מיט מיין ווינטער־מאַנטל... אַז עס האָט מיר ווידער אויסגעפעלט, האָב איך זיך געכאַפּט: מיין מאַן האָט אַזוי פיל שיינע ביכער; זיי קאָנען דאָך מיר אויך צונוץ קומען. און איך האָב שוין אַ פּאָר סעטס צעביטן אויף מזומנים און זיך איבערראַנייעס צעפירט די הענט... וואָס מיין מאַן זאָגט דערצו? ער זאָגט שוין איצט גאָר ניט... און אָט דאָ ליגט טאַקע דער הונט באַגראָבן.

אַמאָל האָט אים געקרענקט ווען עס האָט ביי מיר געפעלט אַ קנעפּעלע. איצט, אַז עס פעלט מיר געזונט און לעבן און איך גיי אַרום ניט קיין געגעסענע, ניט קיין דערשלאָפענע, קוקט ער אַפילו ניט אין מיין ווינקל. זיין שווייגן איז טויזנט מאָל ערגער פון פּעטש!

ווען ער קומט אַהיים, נאָך האַלבער נאַכט, טרעפט ער מיך נאָך ביים קאָרטען־טישל מיט דער קאַפּעליע „תהלים־זאָגער״. איך שפּיל דאַן מיט אַזאַ פייער, אַז איך ווער שיער פאַר׳שרפ׳עט. איך כאַפּ אַ קוק אויף מיין מאַן: זיין ליכטיג פּנים איז פאַרצויגן ווי מיט אַ שוואַרצן וואָלקן. אָבער ס׳אַרט מיך ניט...

אַמאָל, אַז אַ קינד האָט ניט געגעסן צו דער צייט, האָב איך זיך ס׳לעבן גענומען. היינט קאָנען די קינדער אָפּזיצן גאַנצע טעג אָן עסן אין די מואוויס און ס׳אַרט מיך ניט. און אין שטוב איז אַן איבערקערעניש! אַלץ איז מיטן

קאָפּ אַראָפּ און ס׳אַרט מיך ניט. ס׳ליגט אַ גאַנצער באַרג צעריסענע זאַכן און די הענט הויבן זיך מיר ניט זיי צו פאַרריכטן. טראָגן מיר אַלע זאַכן מיט לעכער און ס׳אַרט מיך ניט.

וואָס דאַרפט איר מער, אַז איך באַוויז זיך לעבן הויז טייטלט מען אויף מיר מיט די פינגער: אָט איז זי, די געמבלערקע, וואָס רייסט אַוועק מענער פון זייערע היימען און מאַכט זיי אויך פאַר געמבלערס... אָבער איך הער די רייד און ס׳אַרט מיך ניט.

די איינציגע זאַך וואָס מיך אַרט יאָ — איז הלמאי מיין מאַן אַרט עס ניט...

גערא̇טענע קינדער...

א̇נומעלטן שלעפּ איך זיך פון מאַרק מיט פּעק און פּעקלעך, אַז ס׳ציט מיך אַזש צו צו דער ערד. קומט מיר אַנטקעגן מיינע אַ לאַנדס־ווייבל, אַן אויסגעשטראָדלטע, מיט אַ קורץ געפּרעסט קליידל, רויטע שיכעלעך מיט אַ בלימעלע אין די שיין פּאַרקעמטע האָר, און דאָס פּנים שיינט ביי איר ווי ביי אַ כלה צו דער חופּה.

— זע נאָר, זאָלסט מיר לעבן — זאָג איך — עפּעס נאָר ווי אַ סטודענטקע. פון וואַנען גייט מען דאָס מיט אַזוי פיל ביכער?

— פון ביבליאָטעק — זאָגט זי — איך לערן אין אַ סעמינאַר, דאַרף איך אָט־די ביכער דורכשטודירן און נאָכדעם שרייבן וועגן זיי.

— אויף וואָס שטודירסטו?

— אויף לערערין — זאָגט זי. איך ענדיק שוין דעם לעצטן קורס.

— און דיין מאַן שוויגט דיר?

— איצט שוויגט ער שוין, ווייל ער האָט זיך שוין אַליין אויך גענומען לערנען. מוזיק, איז זיין לעבן.

— און ס׳הויז און די קינדער, ווער באַדינט?

— מיינע קינדער — מאַכט זי מיט אַ שמייכל — זיינען שוין אַרויס פון די וויקעלעך און קאָנען זיך שוין אַליין באַדינען. אין אָוונט, ווען מען עסט אָפּ אָוונט־ברויט, נעמט איינע צו פון טיש, אַ צווייטע צעוואַשט ס׳געשיר, אַ דריטע ווישט, צעשטעלט אַלץ אויף אַן אָרט, און איך מיט מיין מאַן גייען אַוועק זיך לערנען. ווען מיר קומען אַהיים, בלאַנקט שוין אין יעדן ווינקעלע.

טאָ ווער קאָן זיך איינוויקלען אין איר מזל? ביי מיר וועט זיך קיינער אַליין ניט נעמען קיין גלאָז וואַסער. און קומט צו וועטשערע, זעצט זיך דער מאַן אויבנאָן, די קינדער אַרום טיש, און איך לויף פון קיך אין עס־צימער, פון עס־צימער צום אויוון, פון אויוון צום טיש, פון טיש צום סינק, פון סינק צום וואַשטאָב, פון וואַשטאָב צום פרידזשידעיר. און פעלט עפּעס ביים טיש, שאַפט מען זיך מיט מיר און איך טראָג יעדן אונטער, און זיי דענקען, אַז אַזוי דאַרף זיין.

וואָלט כאַטש איינער געזאָגט: „הונט, טייוול, שוואַרציאַר, מאַמע, פאַרוואָס זעצסטו זיך ניט צום טיש?" נאָר אַ מאַמע בין איך דען ביי זיי? אַ דינסט בין איך!

נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן? ווי דער האָר האָלט ס'הינטל, אַזוי האָלט ס'גאַנצע געזינדל. און עסט מען נאָר אָפּ סאַפּער, אַזוי כאַפּט זיך דאָס טאַטעלע אַרויס פון שטוב און איך קוק אים ניט אָן, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. און אויפן טאַטן קוקנדיג, צעלויפן זיך אויך די קינדער, און איך בלייב אַליין צווישן די פיר ווענט.

אינדערפרי גייט מען אַוועק: ווער צו דער אַרבעט, ווער אין סקול, און מען לאָזט מיר איבער אַ הויז ווי אַ הקדש. אין יעדן צימער געפין איך אָנגעוואָרפן נאַסע האַנטוכער, שמוציגע אונטערוועש, פּאַדזשאַמעס, הויזן, קליידלעך, העמדער, זאָקן, סוועטערס, שניפּסן, פולע טעצעלעך מיט אַש און אָפּגערויכערטע סיגאַרעטלעך. היינט צייטונגען, ביכלעך — אויף טיש און אויף בענק! לויף איך פון איין צימער אין צווייטן און ווייס ניט וואוהין די הענט פריער איינשטעקן. עפּעס אַ ווערטעלע אויסצורעדן — אַ גאַנצע שטוב מענטשן פאַרלייגן זיך אויף איינעם, און אַליין הויבט קיינער ניט אויף קיין שטרוי פון דער ערד!

פאַרוואָס איך שוויג? וואָס וועט מיר העלפן דאָס שרייען? אַמאָל, אַז איך פיל, אַז ס'לאָזן זיך מיר אויס די כוחות, רוף איך מיך אָן צו מיינע קינדער:

— קינדער — זאָג איך — איר אַרבעט דאָך מיט מיר ווי פרעה מיט די אידן. ווי האָט איר קיין רחמנות ניט? וואָס מיינט איר, אַ מאַמע געפינט מען אויפן מיסט?

— אַה! „שי איז נעגינג אָלרעדי"*), קומט באַלד אָן ענטפער. ס'הייסט, אַז איך נודיע זיי, ווען איך באַקלאָג זיך.

ס'האָט ביי מיר געוואוינט אַ מיידל, פלעגט זי מיר העלפן איבערוואַשן די וועש, אַמאָל אָפּוואַשן די פּאַדלאָגעס, און איינמאָל מאַכט זי צו מיר:

— איר מעגט זיך שעמען, ווי איר האָט אויסגעלערנט אייערע קינדער. זיי זיינען דאָך אמת'ע „נאַיאַמשטשיקעס".

— נאַריש מיידל — זאָג איך — גוטע קינדער דאַרף מען ניט לערנען, און שלעכטע העלפט ניט קיין לערנען.

איר האָט געדאַרפט זיין זונטיק ביי מיר אין שטוב. אַ שיף אָן אַ רודער! אַ גאַנצן טאָג קאָכט ווי אין אַ קעסל. עסט איינער פרישטיק, וויל אַ צווייטער מיט'יק. גיב איך דעם לאָקס, וויל ער הערינג; גיב איך

*) — זי הויבט שוין אָן גראַגערן!

מילכיקס, וויל מען פליישיקס; מאַך איך „לעם־טשאַפּס״, האָט זיי פּאַר־שמעקט לעבער; דערלאַנג איך זופּ, גיט איינער אַ שמעק און פאַרדרייט מיט דער נאָז, און אויף אים קוקנדיג רירט זיך שוין קיינער ניט צו. און ווילט זיך איינעם שלאָפן, ווילט זיך אַ צווייטן טאַנצן, שטעלט מען אָן די ראַדיאָ און מען דזשיגעט, מען פּאַטשט מיט די הענט אויף וואָס די וועלט שטייט. שרייט דער שלעפּערדיגער אויף אַלע כלים, למאי מען לאָזט אים ניט שלאָפן, הערט מען אים ווי המן דעם גראַגער און מען דזשיגעט ווייטער.

און צווישן די מיידלעך איז אַ טומל, אַ געשלעג, אַ גיהנום! וואָס איז? איינע האָט אָנגעטאָן דער צווייטערס עפּעס אַ שמאָכטע. רייסט מען זיך ביי די האָר און מען רופט זיך מיט אַלערליי מיאוס׳ע נעמען, כאַטש נעם און טרעט זיי אָפּ די שטוב.

און וואו איז דער טאַטע? דאָס טאַטעלע שטייט אויף אינדערפרי, לאָזט זיך באַדינען, פּוצט זיך אויס, באַשמירט זיך די האָר מיט פּאָמאדע, זיי זאָלן גלאַנצן, און גייט ערגעץ אַוועק „נעמען אַ האַנט״...

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיט וואָס בין איך ערגער פון מיין לאַנדס־ווייבל, וואָס אירע קינדער טראָגן זי אויף די הענט, און מיינע טרעטן מיך מיט די פיס? און אפשר מיינט איר, אַז איך האָב אין וואָס צו גיין צווישן מענטשן? נאָר צוריק גערעדט, וואוהין גיין, צו וועמען גיין? ווער איז דען מיינער און וועמעס בין איך?

מיין לאַנדס־ווייבל זאָגט, אַז איך דאַרף זיך נעמען אין די הענט, ניט גיין אָפּגעלאָזט — אַרויסגיין אַ פּאָר מאָל אין וואָך צו אַ מיטינג, אַ לעקציע, אַ קאָנצערט, וועל איך ניט פילן אַזוי דעם עלנט.

איז וואָס וועט שוין זיין אַז איך וועל גיין צו מיטינגען? וועלן מיינע קינדער ניט אַרויפוואַרפן די גאַנצע אַרבעט אויף מיר און מיך ניט רופן: „דאַמבעל״, „דאָופּ״ און „סטופּיד״?

נאָר מיינט ניט, אַז איך באַקלאָג זיך, חלילה, אויף מיינע קינדער. פאַרקערט, זיי זיינען וואוילע, טייערע קינדער, איינס אין איינס. האָב איך טאַקע נחת פון זיי.

אַלץ הייסט נחת!

אַ טעפּל

איך האָב אייך שוין אָנומלטן דערציילט פון מיינע צרות און פאַרוואָס איך קאָן ניט שרייבן. איר ווייסט שוין, אַז איך בין געוואָרן אַ יונגע אלמנה און בין געבליבן ווי אויפן וואַסער.

ווילט איר דאָך וויסן, וואָס איך טו איצט? אַ דאַנק פאַרן נאָכפרעגן: איך אַרבעט, אויב ס'איז דאָ ביי וואָס. אוודאי איז היינט ניט אַמאָליגע צייטן, ווען מ'האָט געקענט געפינען אַ דזשאָב דורך אַ שילדל. היינט שוועסטערקע, זיצט מען אין דער „יוניע" און מ'וואַרט, טאָמער וועט איינער אָנקלינגען אויפן טעלעפאָן און זאָגן, אַז אים פעלט אַ האַנט...

אַז מ'זיצט אין דער יוניע, באַקענט מען זיך מיט נאָך אַזוינע גליקלעכע ווי מען איז אַליין... און ס'ווערט פרייליכער אויפן האַרצן.

אָט דערציילט מיר איינע, אַז זי באַלאַנגט אין אַ קלוב וואו זיי האָבן אָפּט שרייבער־אָוונטן. לערנט מען אַ סך און מען פאַרגעסט אַביסל אין די צרות.

„וואָס מיינט אַ שרייבער־אָוונט?" פרעג איך. „איר וועט קומען, וועט איר שוין אַליין אויסגעפינען" זאָגט זי מיט אַ ליבן שמייכל.

פרייטיק אָוונט, טראַכט איך, מען דאַרף צוגיין. וואָס קאָן איך דאָ אָנווערן? אַ מענטש דאַרף אַלץ זען און הערן.

אַריינגעקומען אין קלוב, האָב איך געפונען אַ גרויסן עולם. אויף דער בינע זיינען אויך געזעסן מענטשן. אויף דער פּיאַנאָ זיינען געלעגן פעקלעך. וואָס קאָן דאָס זיין פאַר אַ פעקלעך? איז מיר געוואָרן טשיקאַווע. אָבער באַלד האָט מיין באַקאַנטע מיר איינגערוימט אין אויער, אַז די וואָס זיצן אויף דער בינע זיינען דאָס די שרייבער און אויף דער פּיאַנאָ ליגן זייערע ביכער...

מיטאַמאָל שטעלט זיך אויף דער פאַרזיצער. ס'ווערט זייער שטיל און ער דערקלערט, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פונם קלוב איז צו באַקענען די שרייבער מיט זייערע לייענער. דערביי שטעלט ער פאָר איינעם פון די שרייבער. נאָך גאָר אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פּנים, גרויסע קלוגע אויגן; די האָר גלאַט פאַרקעמט, און ער טראָגט אַ ווייס העמד, מיט אַן אַריבערגעלייגטן קאָלנער און אויסגעבונדן מיט אַ באַנטיק.

ער לייענט פון אַ בוך, ווי אַזוי עס קומט פאַר זייער אַ גרויסע פרייד אין אַ הויז, וואו די עלטערן האָבן געמיינט, אַז זייער זון איז געפאַלן אין דער מלחמה, און זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז ער לעבט און דאַרף אַט־די מינוט אָנקומען.

די הויז איז אויסגעפּוצט, דער טיש געגרייט מיט אַל־דאָס גוטס.

די משפחה יום־טוב׳דיק אָנגעטאָן. שטייט מען מיט בלומען אין די הענט, צו באַגעגענען דעם העלד!...

עס דערהערט זיך אַ קלינג. די מוטער לויפט די ערשטע און עפנט די טיר. עס קומען איר אַנטקעגן צוויי סאָלדאַטן און טראָגן אַ קעסטל. אין קעסטל זיצט איר זון, אָן פיס...

ביי די ווערטער איז אַ גרויל אַריבער איבערן לייב. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קעסטל שטייט פאַר אונזערע אויגן.

ווען דער שרייבער האָט געענדיגט, האָט דער עולם אַזוי לאַנג געפּאַטשט מיט די הענט און געטופּעט מיט די פיס ביז דער שרייבער האָט ווידער גענומען לייענען. ער האָט געלייענט איין זאַך שענער פון דער צווייטער. ערשט, אַז ער האָט זיך אָנגעלייענט ווי אַ פּויק — האָט מען אים אָפּגעלאָזט.

דער פאָרזיצער האָט דאַן אַראָפּגענומען אַ פּעקל ביכער פון דער פּיאַנאָ און זיי אויסגעלייגט אויפן טיש.

„פריינט", האָט ער געזאָגט צום עולם, „אַט די וואונדערבאַרע דערציילונג וואָס איר האָט ערשט געהערט, קאָנט איר קריגן אין אַ בוך. דער פּרייז איז בלויז 50 סענט".

דערזען די ביכער — האָבן אַ סך זיך גענומען אַרויסרוקן פון צימער. די וואָס זיינען געבליבן זיצן, האָבן זיך אויך געמאַכט ווי ניט זיי מיינט מען... דער שרייבער איז געוואָרן וויס ווי קרייד און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. טראַכט איך: ווען איך קאָן לייענען וואָלט איך געקויפט אַ בוך. מיטאַמאָל פליט מיר דורך אַ מחשבה: ווער דאַרף וויסן, אַז איך קאָן ניט לייענען? ס'שטייט דאָך מיר ניט אָנגעשריבן אויפן שטערן. זאָל זיך מיר אויסווייזן עלעהיי איך קאָן יאָ לייענען... און איך האָב אויפגעהויבן די האַנט נאָך אַ בוך. אויף מיר קוקנדיג האָבן זיך געהויבן נאָך הענט און דער שרייבער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

פון דאַן־אָן, ווען איך קום צו אַ שרייבער־אָוונט, קויף איך אַ בוך. איך האָב שוין אַ פולע קרעדענץ־שאַפע מיט ביכער. און כאָטש כ'קאָן זיי ניט לייענען, קוק איך אויף זיי ווי אויף קינדער. איך טראַכט: ווער ווייסט, אפשר איז אָנשרייבן אַ בוך אַזוי שווער ווי צו האָבן אַ קינד. פון שטערן פליט דאָס ניט אַרויס...

דאָס דערצייל איך אייך אַלץ אַנטקעגן דעם, וואָס עס זיינען דאָ פאַרשיידענע מענטשן אויף דער וועלט.

אַנומעלטן קומט אַריין צו מיר אַ נייע שכנה און דערזעט מיינע ביכער. זי איז צוגעלאָפן, איבערגעקוקט די נעמען פון די שרייבער, מאַכט זי צו מיר:

„וואָס ווייסט איר וויפיל ביכער איך האָב אַמאָל געלייענט! פון די בעסטע שרייבער. מיינע עלטערן האָבן גענוג געלט אויף מיר אויסגעגעבן, אַז איך זאָל זיך לערנען. אפילו אין גימנאַזיע בין איך געגאַנגען. אָבער זינט איך בין אין אַמעריקע, האָב איך פאַרלוירן דעם געדולד צו לייענען אַ בוך. סיידן אַמאָל אַ ראָמאַן אין „פּעיפּער". ווער וויל זיך דאָס היינט „באַדערן" מיט ביכער..."

דערצייל איך איר, ווי אַזוי מענטשן פאַרנעמען זיך גראַדע יאָ מיט ביכער און איך בעט זי, אויף טשיקאַוועס, מיט מיר מיטגיין פרייטיק צו אַ שרייבער־אָוונט.

„פרייטיק", זאָגט זי, „איז אימפּאָסיבל"! פרייטיק גיי איך אין די מואוויס. איך האָב אָנגעפאַנגען קלייבען אַ „דינער־סעט". ס'וועט מיר שוין אַזוי אויך אויספעלן אַ טעלערל". און זי דערציילט מיר ווי אַזוי זי איז איינגעשלאָפן ביי דער „פיקטשע" און ס'טעלערל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון האַנט.

ניט לאַנג צוריק האָט דער קלוב געביטן די שרייבער־אָוונטן אויף מיטוואָך און מיין שכנה איז מיט מיר מיטגעגאַנגען.

וויפיל ס'קאָסט אַריינגיין? גאָרניט. אַלץ פריי, אַבי קום נאָר.

נאָר וואָס־זשע דען? דער קלוב האָט אַן אלומינום טעפּל. ביי יעדן שרייבער־אָוונט „ראַפלט" מען דאָס טעפּל און ווער עס געווינט, גיט דאָס טעפּל צוריק אָפּ דעם קלוב. אָט דאָס טעפּל האַלט דעם קלוב אויף די פיס.

האָט מיך דער גוטער יאָר געטראָגן מיטצוברענגען די שכנה. זי האָט געוואונען ס'טעפּל און דאָס ניט אָוועקגעגעבן. איצט איז דער קלוב געבליבן אָן אַ טעפּל.

אַהיים־גייענדיק פרעג איך דער שכנה, ווי אַזוי איר איז געפעלן געווען דער שרייבער־אָוונט.

„אַן עסק האָב איך מיט'ן שרייבער־אָוונט", זאָגט זי, „וואָס האָט מען דערפון? אָבער, פאַרוואָס האָט איר פריער ניט געזאָגט, אַז זיי האָבן אַלומינום־טעפּלעך?"...

איבער אַ קאַרטאָפל

איר זעט דעם „רעגנבויגן" אונטער מיין רעכטן אויג? דאָס איז אַן אָנדענק פון אַ באַנקעט. איר לאַכט שוין? איר וועט ערשט לאַכן, ווען איר וועט הערן די גאַנצע מעשה.

אַנומעלטן האָט זיך אויף מיר אָנגעזעצט אַ בחור'ל, אַז איך זאָל ביי אים קויפן פּאַר אַ קוואָדער אַ בילעט צו אַ באַנקעט. זאָג איך: „אויב קויפן, דאַרף איך צוויי בילעטן, ניט איינעם". זאָגט ער: „פאַר וואָס ניט? איר וועט אָסור חרטה האָבן. איר וועט דאָרטן הערן זינגער, שפּילער, רעדנער און טאָקע עסן אַ גוטן מאָלצייט דערצו. דער עיקר — זאָגט ער — איר מוזט קומען אין צייט. ס'וועט זיך אָנהייבן פּונקט צוויי בייטאָג. געדענקט זשע, זאָגט ער מיטן האַרבן וואָרט: צוויי אַזייגער!

וואָס איז שייך — זאָג איך — אַז מען שמועסט צוויי אַזייגער איז צוויי אַזייגער...

זונטיק אינדערפרי, מיין אידענע נעמט זיך פּראַווען אין דער היים אַ באַנקעט פון געפּרעגלטע ציבעלעס מיט הערינג.

— חנה, — זאָג איך, — היינט וועט זיין גענוג פּאַר פרישטיק בולקעלעך מיט קאַפע, וואָרים פּונקט צוויי בייטאָג דאַרפן מיר זיין צו אַ באַנקעט.

— וואָס גייט דיר אַזוי גוט? — פרעגט מיינע.

— ס'קאָסט ניט טייער, — זאָג איך, — אינגאַנצן 50 סענט פּאַר אונזביידן און די קינדער וועט מען אַריינלאָזן פריי, וועסטו נאָך איינשפּאָרן געלט.

בקיצור, מיר האָבן זיך צוגעאיילט. נאָר אַזוי ווי עס איז געווען ווייט צו פאָרן, זיינען מיר געקומען אויפן פּלאַץ אַ האַלבע שעה נאָך צוויי. מיר קומען צו צום זאַל, ערשט די טיר איז נאָך פאַרשלאָסען. דרייען מיר זיך אַרום אַזוי לאַנג, ביז עס קומען אָן צוויי אידן און עפענען די טיר.

מיר קומען אַריין אינעווייניק — ווי נאָך אַ פּאָגראָם. פּאַפּיר, ביכלעך, שטיקלעך סיגאַרעטן, צעריסענע שמות, שמוציגע גלעזער, הימל עפן זיך! קומען אָן עטלעכע ווייבער מיט פּעק און פּעקלעך, איניגע ווייבער נעמען

אויפראַמען און גרייטן די טישן, אַנדערע גייען אַוועק אין קיך פּראַווען דעם באַנקעט.

— וואָס זיצט איר אַנגעטאָן ווי אַ פּריצטע? — פרעגט איינע ביי מיין אידענע, — אַמער מאַכט זיך היימיש און העלפט אונז מאַכן אַ שטיקל לאַד. און איר? — ווענדעט זיך די פרוי צו מיר, — איר מעגט אויך נעמען אַ בעזים אין האַנט. איר זעט דאָך, וואָס דאָ טוט זיך... אַפּגעזאָגט, גיט זי זיך ווידער אַ נעם צו דער אַרבעט.

— וואָס זאָגסטו ניט צו איר טאָטן? — מאַכט צו מיר מיין פרוי, — דיינע באַנקעטן...

איין באַנקעט, איז שוין ביי איר באַנקעטן!

— צושטעלן די קאַרטאָפל? — הערט זיך אַ קול פון קיך.

— איר האָט נאָך „פּלענטי" געגוג צייט מיט די קאַרטאָפל, — ענטפערט מען, — ס'איז ערשט אַ פערטל צו פיר. הלואי קומט מען זיך צוזאַמען אַרום זעקס אַזייגער.

— חנה, דו הערסט? — פרעג איך מיין אידענע.

— איך הער, איך בין ניט טויב, — זאָגט זי בייז. — אַ נס, וואָס דו האָסט געהאַט 50 סענט.

— אפשר וואָלטן מיר געפאָרן אַהיים? — בעט איך זיך ביי איר. ס'האַרץ פאַלט מיר שיער ניט אַרויס פון הונגער.

— אַ מצוה אויף דיר, — רייצט זיך מיט מיר מיין פרוי. — ס'וועט דיך אַנלערנען, וועסטו מער ניט קריכן מיט דיינע קבצנישע פיס אין גביר'שע פאַנטאָפּעלעך...

— דו ביזט גאָר ניט הונגעריק? — פרעג איך מיין אידענע, מיר האָט שוין דאָס האַרץ צען מאָל איבערגע'חלש'ט.

— איך וועל זיי ניט שענקען די 50 סענט, — ענטפערט זי מיר, — ס'איז נאָר אַ רחמנות אויף די קינדער. גיב זיי כאָטש אַ פּאָר סענט פאַר „לאָלי פּאָפּס", וועלן זיי אויך קאָנען וואַרטן אויפן באַנקעט.

בעת מיין אידענע רעדט, קאָכט זי און זידט ווי אַ סאַמאָוואַר, וואָס אָט־אָט און ער רייסט אויף. איך האָב אַנגענומען אַ פול מויל וואַסער און שווייג. וואָרים אויב איך זאָל איר ענטפערן, קאָן מען נאָך מיינען, אַז מיר קריגן זיך.

בקיצור, זעקס אַזייגער האָבן זיך אַנגעהויבן ווייזן מענטשן, און זיבן אַזייגער איז מען שוין געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ.

אַ בחור'ל מיט פּענסנע איז אַרויף אויף דער בינע און מיט אים אַ גאַנצער סקאַדראָן מיידלעך, בחורים, ווייבלעך און מען האָט אַ זינג־געטאָן, אַז ס'איז זיך צעגאַנגען אין יעדן אבר. נאָכ'ן געזאַנג האָט גערעדט אַ איד

מיט אַ באָרד וועגן „די ליידענדע אידן אויף יענער זייט ים” און עס זיינען געפלויגען דאָלער־בילס ווי פייגל. איך בין אַזוי צענומען געוואָרן פון דעם אידנ׳ס רייד, אַז איך האָב אַוועקגעגעבן די ליידענדע אידן דעם לעצטן קוואָדער, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך.

נאָך דעם רעדנער האָט גערעדט אַ צווייטער און אַ דריטער. נאָר ווען דער פאָרזיצער האָט פאָרגעשטעלט דעם פערטן רעדנער, האָט אַ איד, מיט אַ געל פנים ווי אַן איבערגעוואָקסענע ציבעלע, געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש, מיט אַ געשריי: „גענוג רעדעס, גיט עסן!”

ס׳איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע, אָבער דער רעדנער האָט זיך פאָוואָלינקע אָפּגעהאַלטן זיין רעדע, זיך פאַרנויגט און אַראָפּ פון דער בינע, כאָטש קיינער האָט ניט געהערט קיין וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט.

ענדלעך האָט מען דערלאַנגט צו די טישן: ברויט, הערינג און קאַרטאָפל. וואו איך בין געזעסן מיט מיין געזינדל, האָט זיך צוגערוקט אַן אויסגעטריקנטע אידענע מיט צוויי דאַרע בנים און זיי האָבן גענומען ראַטעווען ווי פון אַ שרפה.

— דערלאַנגט נאָך קאַרטאָפל! — האָבן זיך דערהערט קולות פון אַלע זייטן.

— ניטאָ מער קיין קאַרטאָפל, — האָט זיך דער פאָרזיצער געבעטן ביי די געסט, — ס׳איז געקומען אַ פיל גרעסערער עולם ווי מיר האָבן דערוואַרט. גלויבט מיר, — האָט ער געזאָגט, — איך וואָלט אַליין אויך געגעסן אַ קאַרטאָפעלע, נאָר אַז ס׳איז ניטאָ, איז ניטאָ.

די אידענע לעבן אונז מיט אירע קדישים טוען זיך דערווייל זייערס. מען שלינגט די הייסע קאַרטאָפל, אַז עס גייט אַ רויך. איך טו אַ קוק אין שיסל — אַ חורבן! אינגאַנצן געבליבן אַ פיר קאַרטאָפל, און איך עס ערשט די צווייטע.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָב איך געפרעגט די פרעסער, — איר זייט געקומען פון אַ הונגער־לאַנד? — און איך האָב פון זיי אַוועק־גענומען די שיסל.

וואָס ווייטער איז געווען ווייס איך ניט גענוי, נאָר ווען איך האָב געעפנט די אויגן האָט מיין אידענע מיר געווישט דאָס פנים פון די הייסע קאַרטאָפל און בשעת מעשה מיך געפרעגט, צי איך קען זען אויפן רעכטן אויג.

נעכטן האָב איך אָנגעטראָפן דעם חברה׳מאַן, וואָס האָט מיר פאַרקויפט די בילעטן, ווייז איך אים דאָס אויג און דערצייל אים די גאַנצע געשיכטע.

— דאָס איז אַלץ שולדיק דער אַראַנזשיר־קאָמיטעט — זאָגט ער, — אַ צווייטן מאָל וועט שוין זיין אַ בעסערער פּאַראַנדעק.

— אָבער מען האָט דאָך מיך געקאָנט מאַכן פּאַר אַ קאַליקע איבער די פיר קאַרטאָפל — טענה איך מיט אים.

— ס׳טרעפן אומגליקן, — זאָגט ער מיט אַן ערנסטן פּנים. — אַלעמאַי קומט איצט פּאַר אין כינע אַ מלחמה, אין שפּאַניע אַ בירגער־קריג, אין יאַפּאַן אַ פּאַרפלייצונג, אין פּוילן פּאָגראָמען, אין עסטרייך גזירות אויף אידן, אין אויסטראַליע אַן ערד־ ציטערניש, אין ניו יאָרק איז ערשט נעכטן געווען אַ סאָבוועי־אומגליק. און טאָמער — זאָגט ער — איז דאָס געווען ווייניק, איז אַנומלט אַ גאַנצער צוג מיט מענטשן אַריינ־ געפאַלן אין אַ טייך און אַלע זיינען דערטרונקען געוואָרן. ווער רעדט שוין — מאַכט ער — פון עפּידעמיעס, קריזיסן, סטרייקס, האָלד־אַפּס, קידנעפּינג און אַנדערע אָנשיקענישן אויף מענטשן ?

די אונטערשטע שורה ? ער האָט מיר ווידער פאַרקויפט אַ בילעט צו אַ באַנקעט.

אויפן בילעט שרייבט זיך : „קומט אין צייט ! פּונקט 8 אָוונט״. אָבער ביי זיך האָב איך באַשלאָסן, אַז פּאַר עלף אַזייגער וועט איר מיך דאָרט ניט זען.

איינינקע אַליין...

ס׳שטייט ערגעץ געשריבן, אַז אַ מענטש טאָר ניט זיין אַליין. אודאי איז ביטער צו זיין אַליין, נאָר אָט האָט איר אַ מאַן אין אייער אַפּאַרטמענט און איר זענט אויך אַליין. מילא אַ מאַן, איז ווי דער גלות. מען טראָגט אים. אָבער פאַר וועלכע זינד קום איך אָפּ? איך בין דאָך יאָ, ווי מען זאָגט, אַ כשר׳ער שעפּס — ניט געפּאָקט, ניט געמאָזלט. אומזיסטיגע גריזאָטע. איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס אַמאָל אינצווייען איז נאָך ערגער ווי אַליין. אָט הערט אַ מעשה:

ווען מיין אַלטער איז געשטאָרבן, האָבן די קינדער פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אויפגעבן מיין באַלעבאַטישקייט און זיין ביי זיי — אַ שטיקל צייט ביי דער עלטערער טאָכטער, נאָכדעם ביי דער אינגערער, אַביסל ביים זון, מען וועט זיך שוין, הייסט עס, איינטיילן מיט דער מאַמען... און קלוגע לייט האָבן אויך צוגעלייגט אַ קנייטעל, אַז ס׳איז זייער אַ גלייכע זאַך. „איין מענטש אַליין, מען זאָל אָפּגעהיטן ווערן... ס׳ווערט אַמאָל שלעכט צום חלש׳ן און ס׳איז ניטאָ ווער עס זאָל אויף דיר אַ שפּריץ־טאָן אַ טראָפּן וואַסער. מען קאָן אויסגיין ווי אַ ליכט און קיין האָן זאָל ניט קרייען...

איך האָב מיר אָבער גע׳טענה׳ט מיינס — „אַליין איז די נשמה ריין״. און איך בין געבליבן וואוינען אין די דריי צימערן, וואו איך האָב געלעבט מיט מיין מאַן.

אַלע נאַכט פלעגט קומען מיין עלטסטע אייניקל נעכטיגן. זי האָט זייער ליב די באָבע און ניט געוואָלט מיך לאָזן אַליין. האָב איך מיך באַקלערט, צו וואָס דאַרף איך, איין מענטש, דריי צימערן? און אַז ס׳איז מיר געקומען אונטערן האַנט אַן עלטערער איד, וואָס האָט אויך ניט געוואָלט זיין ביי די קינדער, האָב איך אים פאַרדונגען איין צימער.

דער אַלטער איז געווען אַ איד, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַן איבערגעשראָקן פּנים און מיט אַזוינע קאַסאָקע אויגן, וואָס ווי טרויעריק ער איז געווען, האָט זיך אייך אויסגעוויזן, אַז ער לאַכט. איך האָב מיך באמת געפרייט, וואָס גאָט האָט מיר צוגעשיקט אָט דעם אַלטן און איך וועל האָבן ווער עס זאָל פאַר מיר „מאַכן קידוש״.

עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ היינטוועלטיגער, און אַנשטאָט תורה, איז דאָס גאָר אַ איד מיט מרה־שחורה; געגעסן אָן אַ היטל און געריכערט אום שבת.

פּאַרנאַכט פלעגט ער קומען פון דער אַרבעט, אַנגעלאָדן פולע קעשעניעס מיט ענגלישע און אידישע „פּעיפּערס", אָפּעסן עפּעס אַ טרוקענע וועטשערע און זיך אַזוי פאַרטיפן אין די צייטונגען, אַז מען זאָל געוועזן שיסן מיט האַרמאַטן, וואָלט ער ניט געוועזן געהערט. און אַז ער האָט זיך אָנגעלייענט ווי אַ פּויק, האָט ער זיך געלייגט שלאָפן. אַלע נאַכט אַזוי. איר זאָלט זאָגן, אַז דער מענטש זאָל אויסריידן צו מיר אַ וואָרט, כאָטש פון יוצא וועגן. און טאָמער האָב איך אים זאַטשעפּעט מיט אַ וואָרט, האָט די הויט געברענט אויף אים, וואָס איך רייס אים אָפּ אויף אַ מינוט פון די צייטונגען.

ניט, איז ניט. אָבער נויט ברעכט אייזן. ס'איז מיר פאַרט געווען אומעטיק אויפן האַרצן. קלער איך: ער רעדט ניט, אפשר וועט ער לאַכן. און איך נעם און דערצייל אים עפּעס אַ שפּאַס. בעת איך רעד, האַלט ער די אויגן אין „פּעיפּער" און הערט זיך צו צו מיר מיט איין אויער, ווי איך וואָלט געווען אַ ראַדיאָ . . . אָפּגערעדט, טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט אין דער לופטן, ווי איינער רעדט: „ביטאָ וואָס צו הערן". פון דאַן אָן האָב איך צו אים מער ניט גערעדט.

איינמאָל רופט ער זיך אָן צו מיר, קוקנדיג אויף דער סטעליע:

— מיסעס, אויב אייך איז ניט צו שווער, קאָכט פאַר מיר סאָפּערס.

— מאַכטייסע, — זאָג איך, — מיטן גרעסטן כבוד. און אַז איך קאָן קאָכן, דאָס דאַרף איך אייך ניט דערציילן. האָט ער טאַקע פון יעדן געריכט אויסגעלעקט דעם טעלער. אָבער אָן אַ „פּליז" און אָן אַ „טענקיו". ניט ער האָט געזאָגט: „זייט אַזוי גוט" און ניט ער האָט געזאָגט „אַ דאַנק".

דאָך בין איך געווען צופרידן. וואָרים פון ז י י נ ע סאָפּערס האָב איך מיר אויסגעשלאָגן מ י י נ ע סאָפּערס און געדאַרפט אַלץ ווייניקער נעמען ביי די קינדער. וואָרים איר ווייסט דאָך: פלייש האָט אַ מעלה, וואָס עס האָט ביינער. קאָכט מען אָפּ אַ קרופּניק מען לייגט אַריין אַ קאַרטאָפעלע, עטלעכע בעבלעך, מען שיט אַרויף אַביסל גריץ און, אַז מען גיסט צו אַ גלאָז וואַסער, איז גענוג קרופּניק פאַר צווייען. דערצו לעקט מען אָפּ אַ ביינדל, מען פאַרטרינקט מיט אַ גלעזל טיי מיט לימענע און מען האָט אַ וועטשערע, ווער מיר גוטס גינט . . .

פיש האָבן אויך אַ מעלה — אַ סך האָבן רויגן, ס'פאַלט אַראָפּ ס'קעפּעל, און אַז מען לאָזט ניט צופיל אויסזידן, איז דאָ אין וואָס איינטונקען און מען קאָן שוין אַנטקעגן אַ הונגעריגן באַשטיין . . .

אויף שבת פלעגט זיך דער אַלטער הייסן אָפּקאָכן אַן עוף. אין אַן עוף איז שוין גאָר אַ מזל־ברכה: ס'בלייבט ס'העלדזל, אַ פּופּיקל, אַ לעבערל, די פיסלעך, אַ גלאָז שמאַלץ צו אַ שטיקל רעטעך, און איך האָב מיר געהאַט אַ שבת, כיד המלך.

אָבער אַלץ אינאיינעם איז ניטאָ ביי קיינעם. מחמת אַט דער אַלטער, מיט זיין שווייגן, האָט אויף מיר אַנגעוואָרפן אַ פּחד. מיין שטוב, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַ פריילעכע, איז שטום געוואָרן. אַן אומעט האָט זיך צעשפּרייט אין אַלע ווינקעלעך, ווי חלילה ס'וואָלט געלעגן אַ חולה מסוכן.

אָפּטמאָל פלעג איך זיך אַרויסכאַפּן פון הויז, ווי פון אַ שרפה, זיך אַליין אַרומדרייען אין גאַס, ווי אַן עלנטער קעמל און צוריקגיין אין הויז מיט אַ שווער אַנגעלאָדן האַרץ.

וועט איר דאָך פרעגן, פאַרוואָס האָב איך דעם אַלטן ניט געהייסן זיך אַרויסקלייבן? איז דער תירוץ — וואָס האָב איך צו אים? אַ שטילער, אַן ערלעכער, טשעפּעט ניט קיין פליג אויפן וואַנט. ווי נעמט מען און מען טרייבט אַ ז אַ מענטשן פון שטוב? אַי, ער רעדט ניט? — נו, בין איך דאָך אַ פּשוט'ע אידענע. אפשר האָט ער ניט וואָס צו רעדן מיט מיר. ער מוז דאָך זיין זייער אַ געבילדעטער. אַ קלייניגקייט — אַ מענטש לייענט אַזוי פיל ציטונגען!

נאָר, ווידער צוריק: און אַז מען איז געבילדעט, קאָן עפּעס אָפּקומען ווען מען רעדט צו אַן עלנטן מענטשען? אַט איז מיין מאַן געווען אַ רב'ס אַן אייניקל — געקאָנט גוט לערנען, פלעגט אָפט אריינקוקן אין אַ ספר, אויך געלייענט אַ צייטונג, און מיר דערציילט אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. און איז געקומען אַ מענטש, אַפילו אַ פּראָסטער, האָט מיין מאַן אים אויפגענומען, גערעדט, געלאַכט ווי מיט זיינס אַ גלייכען. ניט ווי אַט דער תנא האָץ, וואָס ווייסט ניט מער, ווי שלינגען „פּעיפּערס", ווי אַ גאַנז שלינגט האָבער.

אַנומעלטן, זונטיק איז דאָס געווען, זיצט ער, דער שוייגער אין עס־צימער און שווימט אין אַ ים מיט ציטונגען און איך זיץ אין קיך, איך זאָל אים ניט אָנקוקן פאַר די אויגן. מיט אַמאָל וואַקסט ער אויס אין דער טיר פון קיך, דאָס פּנים טרויעריק און די קאַסאָקע אויגן לאַכן דאָס גרעסטע געלעכטער.

— מיסעס — מאַכט ער צו מיר, — איך קלער, אַז ווען איר כאַפּט זיך אַריין אין אַ „ביוטי פּאַרלאָר" און מען „פיקסט" אייך דאָרט צו, וואָלט איר געווען ניט קיין מיאוסע אידענע"...

— וואָס עפּעס פון דער העלער הויט? פרעג איך אים.

— דערפֿאַר — מאַכט ער — וואָס... איר אינטערעסירט מיך...

אָפּגעזאָגט, איז ער צוריק אַריין אין עס־צימער און זיך פֿאַרטיפֿט אין אַ צייטונג, ווי ניט אים מיינט מען. איך האָב אים עפּעס געוואָלט ענטפֿערן און ניט געקענט. ס׳האָבן מיר געציטערט הענט און פֿיס. און, איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי איך בין אַריין אין באָד־צימער, אַראָפּגענומען דעם שפּיגל פֿון דער וואַנט און דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך זיך גענומען גוט אָנקוקן.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי בין איך שוין געזעסן אין „ביוטי פּאַרלאָר״ און אַ פּרוי, אָנגעטאָן אין ווייסן, ווי אַ דאָקטאָר, האָט מיר געפּליקט די ברעמען, ווי מען פּליקט אַן עוף. ביי יעדן פּליק, האָט זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן. פֿאַרטיק געוואָרן מיט די ברעמען האָט זי מיך אָפּגעשוירן און איז געשטאַנען איבער מיין קאָפּ שעה׳ן־לאַנג און געוויקלט פּאַסמעס האָר אויף אַזוינע אייזערנע קלעצעלעך.

פֿון דער שווערער מאַסע האָט מיר גענומען אַזוי רייסן דער קאָפּ, אַזש פֿונקען זיינען געפֿלויגן פֿון מיינע אויגן. דערצו האָט מיר נאָך ס׳האַרץ גע׳חלש׳ט, ווי ביי אַ כּלה פֿאַר דער חופּה. נאָך אַלע אָפּעראַציעס, ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, איז ביי מיר ס׳פּנים געוועזן געל ווי וואַקס. דערפֿאַר האָב איך געהאַט אַ קאָפּ מיט לאָקן און קוטשערן — אַן אמת׳ע אַקטריסע.

אַהיים בין איך געקומען, ווען ס׳איז געוועזן גוט פֿינצטער. און ווען דער אַלטער האָט מיך דערזען, האָט ער אויפֿגעהויבן די אויגן פֿון דער צייטונג, מיך אַ ווײַלע באַטראַכט און די אויגן צוריק אַראָפּגעלאָזט...

איך האָב געגרייט צום טיש, אים דערלאַנגט עסן און זיך גלאַט דעם גאַנצן אָוונט אַרומגעדרייט אין שטוב... אָבער דער אַלטער האָט מער ניט געקוקט אין מיין ווינקל. קענטיק, איך בין אים נאָך אַלץ ניט געפֿעלן געוואָרן.

נו, וואָס זאָגט איר דערצו?

אַ לעבן אויפֿן טאַפּ־פלאָר

אָט דאָס איז דער צימער, וואָס איר ווילט פֿאַרדינגען? ניט שלעכט, נאָר אַ ביסל פֿינצטערלעך. געמעגט אויך זיין אַ טראָפּעלע גרעסער... נאָר ווידער צוריק: צו וואָס דאַרף אַן אַלטער מאַן אַ גרעסערן צימער? — כ׳וועל זיך דאָ אַוועקשטעלן טאַנצן? פֿאַראַן אַ בעטל וואו אויסצורוען ס׳זעקל ביינער — גענוג.

קיין שאַפֿע איז ניטאָ? אויך אַ קליינער אומגליק. מיינע מלבושים, וואָס איך וועל דאַרפֿן — איבער הונדערט יאָר... קאָנען ליגן אין קעסטל פֿאַררוקט אונטערן בעט.

אינדערפֿרי וועט איר מיר לאָזן אויפֿקאָכן אַ ביסל קאַווע און גענוג.

— וואָס איך עס פֿאַר דינער און סאַפּער? א דאַגה, וואָס מ׳עסט, אַבי מ׳איז ניט הונגעריק. ס׳הייסט, ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי ניט־הונגעריק. פֿון וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, קאָן מען זיין זאַט? פֿונם שטיקל הערינג, צי פֿונם קאַפּ האָבער־קאַשע, וואָס מ׳עסט?

אַמאָל קאָך איך מיר אָפּ אַ קרופּניק, האָב איך אויף עטלעכע טעג. קיין סך וועל איך אייך ניט דאַקוטשען. און מיטן רענט זייט איר אויך זיכער.

פֿון וואָס איך לעב? איך בין אַ דאַנקען גאָט אויף רעליף. מיינע קינדער זיינען אויך אויף רעליף.

איך האָב דריי שוועסטער, פֿיר ברידער און צוויי פּעטערס, זיינען זיי שוין אויך אויף רעליף. מיין גאַנצע משפּחה איז אויף רעליף.

— איר זייט אויך אויף רעליף? נאָך ניט? גאָט וועט אייך אויך העלפֿן. מ׳טאָר ניט פֿאַרלירן דעם בטחון.

איר מיינט, אַז אונז איז אָנגעקומען גרינג? מ׳האָט זיך מיט זיי גענוג אויסגעגעסן ס׳האַרץ, ביז מ׳האָט געקראָגן ס׳גוטע קוויטל...

אָט דאָס איז אייער קיך? נעבעך; אפֿילו ניטאָ קיין שטיקל פֿענצטער. דערפֿאַר מסתמא טראָגט איר ברילן.

און דאָס, זע איך, איז דער עס־צימער — האָט איר אַריינגעשטעלט אַ בעט, און ס׳איז פֿאַר איינוועג אויך געוואָרן אַ שלאָף־צימער.

— אַ מאַן, זאָל געזונט זיין, האָט איר? אַזוי — אַ מאַן און דריי קינדער. טאָ וואו שלאָפט איר אַלע? וואָס איך הער! — איר שטעלט צו בענקלעך, און שלאָפט אין דער ברייט? אָט דאָס איז אַ שכל.

— און וויפיל וועט איר מיר רעכענען אַ חודש?

— צען דאָלאַר, אַ מציאה פאַר אַ גנב.

וואָלט עס נאָר ניט געווען אויפן טאָפּ־פלאָר, וואָלט איך געלאַכט פון דער וועלט. מיינט ניט, אַז איך גיב זיך אַזוי נאָך. די צרה מיט מיר איז, וואָס ביז איך קריך אַרויף אויף איין טאָפּ־פלאָר, קריג איך צוויי מאָל דעם קורצן אָטעם.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך געזוכט אויף אַ סטופּ. אָבער ניט יעדערער וויל אַריינלאָזן אַן אַלטן מאַן — וואוין איך דערפאַר איצט אויך אויפן טאָפּ־פלאָר.

שוין באַלד, ווי איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָט מיך אַ לאַנדסמאַן אַראָפּגענומען פון דער שיף און מיך געבראַכט צו זיך אַהיים — אויפן טאָפּ־פלאָר. עלף מענטשן זיינען מיר געווען אין דריי פינצטערע קברים׳לעך. אויפן אייוון האָט זיך געקאָכט אַ קעסל וועש פון העמדעלעך מיט געלע פלעקן... די פליגן האָבן געזשומעט אַרום ניט־געוואַשענע טעלער; פון די ווענט האָבן גערונען ריטשקעלעך וואַסער, און ענג און דושנע איז דאָרט געווען, ווי אויף דער שיף, וואָס האָט מיך געבראַכט קיין אַמעריקע.

בקיצור: ווי נאָר די לאַנדספּרוי האָט מיר איינגעגעבן ביטער־זאַלץ, און איך האָב זיך אויסגעגרינט, האָט דער לאַנדסמאַן מיך אַרויפגענומען אין אַ ליולקע־פאַבריק אויפן טאָפּ־פלאָר. און אַז דער שטויב פון די ליולקעס האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו עמיצן אינעווייניג, האָט ער שוין דאָרטן געהאַלטן שבת... איך האָב אין דער פאַבריק זיך אָפּגעשפּאָרט אַ הוסט מיט אַ כריפּ און אַ קוויטש. דערצו האָב איך נאָך געהאַלטן אין איין ניסן. און מענטשן האָבן מיר געוואונטשן: „גאָד בלעס יו״...

אַזאַ בחור׳ל ווי דו —רופט זיך איינמאָל אָן מיין לאַנדסמאַן — וואָלט שוין געמעגט אַ טראַכט־טאָן פון אַ תכלית... מ׳גייט אין אַ טאַנץ־שול. דאָרטן קאָנסטו אַמאָל קריגן אַ מיידל מיט געלט.

האָב איך זיך מיישב געווען און בין אויף מאָרגן אַוועק טאַנצן. און וואו, מיינט איר, איז דאָס געווען? איר האָט געטראָפן — אויפן טאָפּ־פלאָר.

איך האָב זיך דאָרט באַקענט מיט אַ מיידל — אפילו אַן איבערגעוואַק־סענע, אָבער מיט אַ גאַנצן קאַסטן גילדענע ציין. דאָס מיידל האָט געהאַט

אַ דזשאָב פאַר ניין דאָלאַר אַ וואָך, האָט זי אים איבערגעלאָזט, און מיר האָבן חתונה געהאַט.

אַ וואוינונג האָבן מיר גענומען — טאַקע ווידער אויפן טאָפּ־פלאָר, לעבן עלעוועיטעד, וואו בייטאַכט האָט דאָס קלאַפּן געלעכערט דעם מוח. אָבער מיר האָבן זיך אַזוי צוגעוואוינט, אַז טאָמער איז געווען שטיל, האָבן מיר שוין ניט געקאָנט שלאָפן.

וואָס טויגן אייך מעשיות? אַמאָל איז געווען אַ לעבן! אַרבעט איז געווען איבערן קאָפּ, אי פאַר זיך, אי מען האָט נאָך געקאָנט אַלע נאַכט ברייגגען דעם ווייב אויך אַ באַנדל אַרבעט.

איך האָב נאָך אַלץ געאַרבעט ביי ליולקעס און געגעסן דעם שטויב. געאַרבעט פון פרי ביז נאַכט, שבת און זונטיק, און ניט געפרעגט ווי שפעט עס איז. און מיין ווייב האָט זיך געטאָן אירס: געוואַשן, געקאָכט פאַר אונז און פאַר באָרדערס, געהאַט אַ יאָר אַ קינד, אָדער צוויי, און געמופּט פון איין טאָפּ־פלאָר אויפן אַנדערן, ביז איך האָב געקראָגן אַ „טאַטש”, און דאָס רעדל האָט זיך אָפּגעשטעלט...

איך בין שוין איצט געווען אַ טאַטע פון דריי געוויינלעכע קינדער און צוויי צווילינגס. גוטע מענטשן האָבן געגעבן אַן עצה: אַזוי ווי צו אַ „טאַטש” איז נאָר גוט פרישע לופט, זאָל איך ווערן אַ קאָלעקטאָר ביי דער „זינגער מאַשין־קאָמפּאַני”.

ערשט איצט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר די טאָפּ־פלאָרס.

איין מאָל קריך איך אַרויף אויף אַ טאָפּ פלאָר, וואו איך האָב געדאַרפט קאָלעקטן אַ קוואָדער אַ וואָך פאַר אַ זינגער־מאַשין מאַכט צו מיר די באַלעבאָסטע: — היינטיקע וואָך איז רענט. קומט נעקסטע וואָך. זאָג איך צו איר: מיסעס לעבן, איך בין אַ קראַנקער מענטש. ווען איר ווייסט, אַז איר האָט קיין געלט ניט, שיקט מיר אַ פּאָסט־קאַרטל. — האָט עס איר הפּנים געריררט, ווייל זינט דעמאָלט פלעג איך שוין יעדע וואָך קריגען פון איר אַ פּאָסט־קאַרטל.

אַן אַנדער קאָסטימער האָב איך געהאַט, אויך אויפן טאָפּ־פלאָר. קום איך איין מאָל קאָלעקטן און טרעף זי לעבן הויז מיט פּעק און פּעקלעך. מאַכט זי צו מיר: — אַנו, לאָמיך זען אַז איר זייט אַ דזשענטעלמאַן, און טראָגט מיר אַרויף אָט די פּעקלעך אויפן טאָפּ־פלאָר. — נעם איך, שוטה, און טראָג איר אַרויף די פּעקלעך אויפן טאָפּ־פלאָר.

זיצט, — זאָגט זי, — וואָס הערט מען עפּעס נייעס? פּונקט ווי איך וואָלט געקומען צו איר גוט יום־טוב בעטן.

גיט מיר אַ קוואָדער, זאָג איך, און לאָזט מיך גיין. — היינטיקע

וואָך דאַרף מיין מאַן באַצאָלן אין זיין סאָסאַיעטי, זאָגט זי. — קומט אין אַ מאָנאַט אַרום, וועל איך אייך געבן פופציק סענט.

אַנטקעגן וואָס דערצייל איך אייך דאָס אַלץ? — יאָ, אַנטקעגן אייער טאָפּ־פלאָר. אַז איך וויל זען מיינע קינדער, מוז איך אויך קריכן אויפֿן טאָפּ־פלאָר. ס׳זעט אויס, אַז מ׳האָט אָנגעצייכנט אויבן, אַז איך זאָל נאָר קריכן אויף טאָפּ־פלאָרס. אַ סימן האָט איר: ווען מיין סאָסאַיעטי, די „העלפּ יורסעלף בענעוואָלענט סאָסאַיעטי״, פלעגט מיר שיקן טעאַטער־בילעטן צו אַ בענעפיט־פאָרשטעלונג, זיינען אַפילו די זיץ־פלעצער אויך תמיד געווען אויפֿן טאָפּ פלאָר.

נאָר אַ שטיקל טרייסט, וואָס איבער הונדערט יאָר וועט מיך מיין סאָסאַיעטי ניט באַהאַלטן אויפֿן טאָפּ־פלאָר.

צעבראָכענע שאַרבנס

איך זענט כאָטש אַ מבין? דער שניי איז ביז די קני און די זון ברענט ווי אין מיטן זומער. ווען איך וועל קומען אַהיים, וועט מען מיינען, אַז איך בין געווען אין פלאָרידאַ. ס׳איז דאָך געוואָרן אַ מאָדע: זשוק און זשאַבע — אַלע פאָרן ווינטער קיין פלאָרידאַ. איז ווער שלעפּט מיך דען פאַר׳ן צונג, אַז איך זאָל זאָגן, אַז איך קום גאָר פון אַ „קאָנוואַלעסענט"? איך קאָן דאָך זאָגן, אַז איך בין געווען אין מיאַמי, צי אין „קי וועסט", און פּטור אַן עסק. ווי זאָגט מען: „אַ שיינער ליגן איז בעסער ווי אַ מיאוס׳ער אמת". זעט נאָר אויף אַ טשיקאַוועס, ווי שוואַרץ איך בין געוואָרן פון דער זון. אַז דער דאָקטאָר הייסט נאָר זיצן אויף דער זון! ער זאָגט, אַז די זון טויט־אָפּ אַלע באַצילן אין אַ קראַנקן קערפּער.

אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז דאָס שלעכטע בלייבט סיי־ווי אינם מענטשן. אַפילו אין „קאָנוואַלעסענט", וואו ס׳קומען קראַנקע, צעבראָכענע שאַרבענס, און מען וואָלט געדאַרפט מיטפילן איינער מיטן צווייטן, ווייזט מען אויך אַרויס וואָס מען קאָן...

צי נעמט, למשל, דעם מיליאָנער ב., וואָס האָט איבערגעלאָזן אָט דעם מאַיאָנטעק פאַר אַ „קאָנוואַלעסענט", וואו אָרעמע קראַנקע זאָלן קאָנען קומען אָפּרוען און קומען צו זיך. האָט ער אָבער פאַרזאָרגט, אַז קיין נעגערס זאָל מען אַהער ניט אַריינלאָזן. דאַכט זיך, וואָס וואָלט אים געאַרט? עס וואָלט אים געקאָסט טייער אין קבר, ווען ס׳וואָלטן זיך דאָ, צווישן די הונדערטער קראַנקע, אויך געפונען עטלעכע טונקל־הויטיגע?

דערזעלביגער מיליאָנער, האָט אויך פאַרזאָגט, אַז אויב אימיצער פון די קראַנקע וועט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיגן, זאָל מען אים געבען צוואַנציק מינוט, אַז ער זאָל זיך פון דאַנען אָפּטראָגן. האָט מיר ניט אויפגעהערט צו עקבערן אין מוח: „מיט וואָס קאָן זיך דאָ איינער פאַרזינדיקן, אַז סך הכל האָט מען קוים כוח צו אָטעמען. אָבער ענדלעך האָב איך זיך דער־וואוסט. איינער אַ יאַדעשליווער איד, האָט זיך אַנומעלטן אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז ווען דיק די מיליאָנען, וואָס זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן פאַרן קאָנוואַלעסענט, וואָלט מען געקאָנט גיסן די קראַנקע גאָלדענע

זייגערלעך אין האַלדז. איז אָבער די צרה, וואָס ס׳זיינען פאַראַן „גרעפּ־טערס״, כאַבאַרניקעס. מער האָט מען שוין ניט געדאַרפט. ס׳האָט זיך באַלד געפונען אַ נפש, וואָס האָט אָפּגעטראָגן אַ מסירה׳לע אויפן יאַדעשליוון אידן, און מען האָט אים תיכף מכבד געווען מיט די „צוואַנציג מינוט״... ס׳איז געווען אַן אמת׳ער צער צוצוזען, ווי ער האָט מיט אַ קלימעקל אונטערן אָרעם זיך קוים געשאַרט מיט אַ זייטיגן וועג פון וואַלד אַרויס. אָט אַזוי האָבן מן הסתם אויסגעזען אָדם און חוה, ווען מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פון גן־עדן...

פון דעמאָלט אָן רעד איך דאָ צו קיינעם ניט. נאָר, מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, האָב איך זיך נעכטן צערעדט, אָט מיט דער, וואָס האַלט זיך אין איין פוצן, און דאָך שיינט זי ווי אַ מנורה אין קוימען... איך האָב איר דערציילט ווי איך קום צו מיין קראַנקהייט, און זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזוינע בליקן, ווי איך וואָלט איר געווען אַ שוועסטער. זי האָט אָבער נאָר געוואַרט, אַז איך זאָל ענדיגן, כדי זי זאָל קאָנען אָנהויבן. איז מילא איך, האָב איך דאָס כאָטש געמאַכט בקיצור. נאָר אַז זי האָט אָנגעהויבן דערציילן פון אירע חולאת׳ן, האָט מען געקענט אויסגיין אונטער אירע הענט. „אַז ס׳איז גאָר ניטאָ קיין קראַנקהייט, זאָגט זי, אַז איך זאָל דאָס ניט האָבן, און פרעגט מיך וואָס טוט מיר וויי, ווייס איך אַליין ניט. דאָ אין קאָנוואַלעסענט בין איך שוין דריי וואָכן און ס׳זאָל מיר כאָטש בעסער ווערן אויף אַ האָר. און ווער — זאָגט זי — איז שולדיק אין אַלע מיינע צרות? מיין גאָטזעליגער מאַן. געווען איז ער זייער אַ קאַרגער, — מיינע רייד זאָלן אים ניט זיין צו שווער. אַרויסרייסן ביי אים אַ דאָלאַר איז געווען, ווי אַרויסרייסן אַ צאָן, און האָט מען עפּעס געדאַרפט קויפן פאַרן הויז, אָדער פאַר אַ קינד, איז אָן גוואַלדן און אָן טרערן האָט זיך ניט אָנגעהויבן״.

— נו, זאָג איך — מיינער איז גראָד געווען אַן ערלעכער מאַן, אַן אידעלער, און פון מיינעטוועגן איז אים אַפּילו ס׳טעלערל פון הימל ניט געווען שווער צו דערלאַנגען. האָט אים ביי מיר גאָט אויך צוגענומען. דערפאַר האָט ער מיר געבענטשט מיט צוויי טעכטער, שיינע, קלוגע, געראָטענע. האָב איך זיי אַליין אויפגעצויגן און געפירט אונטער איין חופּה, און זייערע מענער זיינען אויך צו גאָט און צו לייט. איז אָבער געקומען די מלחמה און ווי מיט אַ חלף געגעבן אַ שניט איבער זייערע לעבנס. דער עלטערער׳ס מאַן איז געפאַלן אין שלאַכט און דער אינגערער׳ס איז גאָט צו דאַנקען געבליבן לעבן, אָבער מיט דורכגעלעכערטע לונגען. ליגט ער אין „וועטעראַנען־שפּיטאַל״ און זי טאָגט און נעכטיגט דאָרט. איך גיי אָפּט באַזוכן מיין אידעם. איר זענט אַמאָל געווען אין אַ

וועטעראַנען־שפּיטאָל, ניין? דאַן קאָנט איר לעבן טויזנט יאָר! וואָרים די אומגליקן וואָס מען זעט זיך דאָרט אָן, ווילט זיך שרייען גוואַלד. איבער־הויפּט שטייט מיר איינער תמיד פאַר די אויגן: אָן הענט, אָן פיס, זיצט ער אין אַ קעסטל אויף רעדלעך, מיט די שטיקלעך עלנבויגנס שטופּט ער ס׳קעסטל און ס׳פאָרט . . . און קומט צו אים זיין מאַמע, זעצט זי זיך אַוועק אויף אַ שטול לעבן קעסטל, זי קוקט אויפן שטיקל זון וואָס ס׳איז איר געבליבן, און בלוט גיסט זיך איר פון די אויגן. און ער, אַז ער טוט אויף אייך אַ קוק מיט זיינע טרויעריגע אויגן, קאָן מען שוין אָט די אויגן אויפן גאַנצן לעבן ניט פאַרגעסן!

ווען איך האָב עפּעס צו זאָגן, וואָלט איך געהייסן מען זאָל מאַרשירן איבער די גאַסן מיט אָט די צעבראָכענע שאַרבנס פון די וועטעראַנען־שפּיטאָלן: די מיט די דורכגעלעכערטע לונגען זאָל מען פירן אויף בעטלעך, נאָך זיי זאָלן גיין די מיט די קוליעס, און פאָראויס זאָל פירן דעם מאַרש אָט־דער, וואָס זיצט אין קעסטל אויף רעדלעך... נאָכ׳ן מאַרש וואָלט איך געמאַכט אַ באַנקעט פאַר זיי און אַלע מלחמה־מאַכער וואָלט איך אויך איינגעלאַדן קומען...

אדרבה, זאָלן זיי זען וואָס מלחמות מאַכן פון געזונטע, יונגע מענטשן! אַ הויפן צעבראָכענע שאַרבנס!

צי ס׳וואָלט זיי גערירט איז ביי מיר אַ גרויסע פראַגע, מחמת פאַר זיי איז מלחמה אַ געשעפט פון גרויסע פראָפיטן...

מיין מזל

מיסעס, קומט אַהער, דאָ איז ניטאָ קיין צוג און די זון וואַרעמט, אַ מחיה.

איך זע אייך ס׳ערשטע מאָל. איר זענט שוין דאָ לאַנג אין „קאָנ־וואַלעסענט״? שוין אַ וואָך? נו, קאָן מען לעבן? אַניט קאָן מען דאָ דערקענען ווער איז ווער, אַז ס׳זיינען דאָ פאַראַן מענטשן, ווי זאַמד ביים ים. איך בין שוין געווען אין גענוג „קאָנוואַלעסענטס״, זיינען דאָרט געווען ב ל ו י ז פרויען. און אַז מען האָט געוואָלט זען אַ מאַן, פלעגט מען אויפשטיין דריי אזייגער פאַרטאָג, זיך אויסשטעלן אין דער ריי און כאַפּן אַ קוק אויפן... מילך־מאַן.

אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק בייטן זיך דאָ פּנים׳ער. מען קומט קראַנקע און מען פאָרט אַוועק שוואַכע. איר גראַדע, זעט אויס ניט שלעכט. די אויגן גלאַנצן ביי אייך, ס׳פּנים גלאַט ווי סאַמעט און די באַקען ווי צוויי רויטע רויזן. אָבער אַ מענטש איז ווי אַ שיינער עפּל... אַמאָל קומט די רויטקייט אין די באַקן פון הויכן בלוט־דרוק, און אַמאָל פון אַ צוגעלעכער־טער לונג...

איר זענט מסתמא נאָך אַן אָפּעראַציע, אמת? כמעט אַלע וואָס קומען אַהער זיינען נאָך אָפּעראַציעס. איר האָט געזען ווי די ווייבער ווייזן זיך די שניט? ווען איך זאָל זיי וועלן ווייזן מיינע שניט, וואָלטן זיי געהאַט וואָס צו זען. איך האָב אין צוויי יאָר צייט געהאַט דריי „אָפּערעישאָנס״. ביי דער לעצטער אָפּעראַציע האָט דער מלאך־המות שוין ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון מיר. אָבער די דאָקטוירים מיט די נוירסעס האָבן זיך געלייגט אין דער ברייט און מיך געשטעלט אויף די פיס.

ווען איך בין אַריבער דעם קריזיס, פלעגט צוקומען צו מיר דער הויפּט־כירורג, און מיך פרעגן פאַרוואָס איך שמייכל ניט. פרעגט אַ שטייגער, וואָס איז מיט מיר געווען די גדולה, אַז איך זאָל שמייכלען? אַז אַ חוץ די אָפּעראַציע האָב איך איין פוס סאַיאַטיקע און אין צווייטן פוס רומאַטיס, איך געדענק שוין ניט אין וואָס פאַר אַ פוס, דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, איז די סאַיאַטיקע.

מילא, בייטאָג ווען איך זיץ אויף דער זון איז נאָך צו דערליידן. קומט אָבער די נאַכט, איז — הימל עפן זיך! בעט איך די נוירס זי זאָל מיר געבן עטלעכע פּילן אויף צו שלאָפן, גיט זי מיר א י י ן פּיל. וואָס איז איין פּיל? שלאָף איך אָפּ אַ האַלבע נאַכט און די אַנדערע האַלבע נאַכט דראַפּע איך זיך אויף די גלייכע ווענט. וואַרטשעט די אַנטיסעמיטקע, וואָס איז מיט מיר אין איין צימער — למאי איך לאָז זי ניט שלאָפן. אַז זי הוסט און קרעכצט און קאַכיקעט, מעג ווי, און איך בין, ווי אַ שטיף קינד!

איר פרעגט, צי איך נעם דאָ צו וואָג? ווי קאָן איך צונעמען, אַז איך עס ניט. קומט ברעקפעסט, טרינק איך אויס דעם „פּרוכט־דזשוס״, דעם שיטערן סיריעל, די צוויי לויזע אייער און פאַרטרינק מיט אַ „קאַפּע קאַקאַ״. מיט דעם ברעקפעסט, מ׳שטיינס געזאָגט, קום איך שוין אָפּ ביז דינער... צום ברויט ריר איך זיך אַפילו ניט צו. איך האָבן לעצטע וואָך אויפגעגעסן אַ רייפּטעלע ברויט, ליגט עס מיר נאָך אין מאָגן. זאָג איך צו דער וויטערקע, אַז ווען זי וואָלט פאַר מיר געטאָסטעט ס׳ברויט, וואָלט איך געקענט ביי יעדן מאָלצייט אויפעסן עטלעכע רייפּטעלעך טאָסט. נו, הערט זי מיך ווי המן דעם גראָגער.

קומט מיטיק־צייט, איז ווידער די אייגענע מעשה: איך טרינק אויס די זופּ, עס אויף ס׳שטיקל פליש אָדער פיש, מיט די עטלעכע „סטרינג־בינס״, אַביסל ספּינאַטש און סקוואַש, אַמאָל אַ געבאַקענע פּאָטייטע — ווען ניט די דריי פּלעפּערקעס, וואָס געבן מיר אָפּ זייערע „פּודינגס״, וואָלט איך אַוועק פון טיש אַ האַלב־הונגעריגע. אַ קליינינקייט, אַ מענטש פאַרזוכט ניט אַ ברעקל ברויט?

איך האָב אייך געוואָלט עפּעס פרעגן — יאָ! איר זענט שוין געווען אין קאָנוואַלעסענט צו אַ טאַנץ? נאָך ניט? טאָ גייט היינט, וועט איר זען אַ שיינס, ווי די פּלעפּערקעס כאַפּן אַ טאַנץ.

צוערשט, ווען זיי קומען אַהער, אָט די יונגע ווייבעלעך, גייען זיי אַרום אומעטיגע, און האַלטן אין איין שרייבען לאַנגע בריוו צו זייערע מענער אין דער אַרמיי. אָבער ווי נאָר זיי באַקענען זיך דאָ מיט יונגע באָיעס, ווערן זיי ווי ניי־געבוירן. נאָר צוריקגעשמועסט, איז דאָך אויף זיי אויך אַ רחמנות. נאָך כמעט אַליין קינדער און מ׳האָט זיי שוין פאַרדרייט די קעפּ און פאַרבונדן די הענט...

אָט נעמט מיין שוועסטער׳ס מיידעל: אינגאַנצן זעכצן יאָר. קומט זי איינמאָל פון סקול און וויזט דער מוטער אַ דימענטן רינגל, גרויס ווי אַ גענעץ. „מאַמע״, זאָגט זי, „איך גיי חתונה האָבן מיט אַ סאָלדזשער״.

דערהערט די שיינע בשורה, איז מיין שוועסטער שיעור ניט געפאַלן אין חלשות. בקיצור, וואָס די מוטער האָט זיך ניט צעבעטן ביים טעכטערל,

אַז זי זאָל כאַטש ענדיקן האַי־סקול, האָט עס איר געהאָלפן ווי אַ טויטן פּיאַווקעס. דאָס מיידל איז דעם סאָלדאַט נאָכגעפאָרן — אין דער אַרמיי.

אַוועק אַ יאָר, האָט מען דעם סאָלדאַט אַוועקגעשיקט איבערן ים, און זי איז געקומען צו דער מאַמען מיט אַ קינד אויף די הענט. איצט ניאַנטשעט זיך די באָבע מיט׳ן אייניקל, און די מאַמע איז צוריק אַוועק אין האַי־סקול... אָט האָט איר אייך נחת פון היינטיקע קינדער.

צי איך האָב קינדער? — מיין מאַן איז געפאַלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. האָב איך ניט קיין קינד, ניט קיין רינד און ניט קיין היים. אַ ווינט אין פעלד! ווען איך וועל קומען פון קאָנוואַלעסענט דאַרף איך זוכן אַ צימער. און ניט יעדערער וויל אַריינלאָזן אַן עלטערן מענטשען. און לאָזט מען אייך שוין יאָ אַריין, איז וואו איר גיט זיך אַ ריר, זענט איר דער באַלעבאָסטע אין וועג, ביז זי געפינט אַ תירוץ און הייסט אייך זיך אַרויסציען. איך האָב אין איין יאָר געמופט אַכט מאָל.

דאָס בעסטע, זאָגט איר, וואָלט געווען פאַר מיר חתונה האָבן? גרינג צו זאָגן: חתונה האָבן! ס׳איז דאָך ניט אַ צוקער־לעקעכל אויפצועסן. אפילו ווען איך בין נאָך געווען געזונט און שיין, האָב איך אויך ניט געהאַט קיין מזל צו אַ שידוך. און פון איצט, איז דאָך אָפּגערעדט. אַ צעבראָכענער שאַרבן! שוין מיטן פונטל, וואָס איך האָב דאָ צוגעוואונען אין דריי וואָכן, וועג איך קוים ניינציק פונט. איז וועלכער מאַן וויל דאָס חתונה האָבן מיט אַ ניינציק פונט?

איך בין אַ צייט אויסגעגאַנגען מיט אַ מאַן, ער איז געווען אין מיינע יאָרן, אויך אָן קינדער, אַ גוטער פאַרדינער, אָבער אַ פּנים האָט ער געהאַט פון אַ זשאַבע, מיט קליינע טרויעריגע אייגעלעך, מיט אַ פליך, וואָס האָט זיך געצויגן פונם שטערן ביז־אַריבער דער פּאַטילניצע, און דאַר, ווי אַ שטעקן. אַ פּנים אַז ער ליידט פון עפּעס אַ חולאת — ביי אים בלייבט עס! נאָר גאָר ניט. אַ מאַן, אַז ער איז שענער פון אַ רוח, איז ער צו דערליידן.

יעדן אָוונט, ווי נאָר איך בין געקומען פון דער אַרבעט, איז ער צו מיר אַריינגעפאַלן, ווי אַ יון אין סוכה, און תמיד הונגעריק און דורשטיק, פונקט ווי ער וואָלט געקומען פון אַ הונגער־לאַנד. האָב איך אים געהאָדע־וועט, געגאָסן גילדערנע זייגערלעך אין האַלז, און ער האָט געמיינט, אַז עס קומט אים. איר זאָלט זאָגן, ער זאָל מיך אַמאָל איינלאַדן אין אַ מואווי, אָדער צו אַ „שאָו". אַז איך האָב געקויפט בילעטן, איז ער מיטגעגאַנגען, אַניט איז ער אָפּגעזעסן דעם אָוונט, געשלונגען מיינע עפּל, קיכלעך און נאָך מיטגענומען אין קעשענע.

איצט ריידן מיר די לאַנדסלייט אַן אַנדער שידוך. דער מאַן איז אַ סך עלטער פון מיר, אָבער שוין אַ פאַרזאָרגטער. ער האָט געהאַט אַן אומגליק־

פאַל מיט אַ פוס, קריגט ער „קאָמפּענסעישאָן", און אין גיכן וועט ער אויך קריגן „אָלד עידזש פּענשאָן".

זוכט ער אַ פּרויקע, וואָס זאָל אים דערלאַנגען אַ וואָרעם לעפל געקעכטס, אים איינרייבן דעם קראַנקן פוס און אויסבאַקן מיט עלעקטריע, און אינדערפרי מוז מען אים אויך איינשפּריצן אַזאַ וואָסערל געגן צוקער. ווייטער גאָרניט! די לאַנדסלייט זאָגן, אַז ס'איז זייער אַ גלייכער שידוך און אַז איך וועל ביי אים לעבן ווי אַ פּרינצעסין. וואָרים מערסטנס ליגט ער. ס'ציט אים נאָר צום בעט. ער האַלט אין איין שלאָפן און שלאָפן.

צי ער וויל מיט מיר חתונה האָבן? פאַרוואָס זאָל ער ניט וועלן? און ווידער צוריק, ווער ווייסט מיין מזל? מען האָט ביי אים נאָך ניט געפרעגט.

אַ גאַנץ יאָר וואַרט זי אויף „מוטער׳ס טאָג״

אוי בין איך מיד, איך פיל ניט קיין גאַנצן אבר אין מיר!

פון וואָס בין איך מיד? וואָס הייסט פון וואָס? איר ווייסט גאָר ניט, אַז נעכטן איז געווען „מאָדערס דעי״? וואָס־זשע, אייערע קינדער זיינען גאָר ניט געקומען אייך אָנטאָן ס׳פאַרגעניגן? זיי האַלטן ניט פון דעם? ניט געשטראָפט זאָל איך ווערן! מיינע קינדער זאָלן אַפילו זיין אין עק וועלט, וואָלטן זיי אויך געקומען צופליען צוליב „מאָדערס דעי״.

באַלד אינדערפרי זיינען געקומען די זין מיט די שניר, נאָכדעם די טעכטער מיט די איידעמס, מיט די אייניקלעך. איר האָט געדאַרפט זען מיינע אייניקלעך — איינס שענער פונם אַנדערן. קיין עין־הרע זאָל זיי ניט שאַטן!

היינט האָבן זיי מיר אָנגעבראַכט מתנות, נאָר אויף חידושים צו קוקן!

איינע האָט מיר געבראַכט נאַז־טיכלעך, זעט מען גאָר ניט אַזוינס!

אַ צווייטע האָט מיר געבראַכט — עפּעס אַזאַ כאַלאַט, מיט פעדערן באַפּוצט! איך ווייס גאָר ניט ווי מען רופט עס. און די איבעריגע האָבן אָנגעקויפט אונטערוועש, דיניקע העמדער, נאָר ווי פאַר אַ כלה־מיידל.

„צו וואָס דאַרף איך, אַן אַלטע אידענע, אַזוינע דיבינקע זאַכן? — פרעג איך זיי. איך וועל דאָך דערפרוירן ווערן צו אַלדע גוטע יאָר. אַ מער פאָלגט מיך נעמט די אַלע זאַכען פאַר זיך, און פאַרנוצט זיי געזונטערהייט״.

צו ערשט האָבן זיי גאָרניט געוואָלט הערן פון דעם, אָבער אַז איך האָב זיי איינגערעדט און געשוואָרן, אַז איך וועל דאָס ניט נוצן, איז געוואָרן אַ סומאָטאָכע צווישן די אייניקלעך. מען האָט גענומען רייסן די שמאָכטעס, די צו זיך, און די צו זיך — ס׳איז שיעור ניט געקומען צו אַ געשלעג.

דערפאַר האָב איך אַ מיזינקע, איז וואָס זי פאַרמאָגט שכל אין פיאַטע, האָבן זיי אַלע ניט אין קאָפּ. נאָך מוטער׳ס טאָג האָט זי מיר צוגעשיקט אַ פּאָר דאָלאַר, אַז איך זאָל זיך קויפן וואָס איך דאַרף. אָבער

ווי נאָר די קינדער, זאָלן לעבן, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, בין איך אַוועק אין מאַרק און איינגעקויפט — פיש, פליש, ברויט, און וואָס נאָר אַ מויל קאָן אויסריידן.

פון מאַרק האָב איך געטאַסקעט צוויי פעק, אַז עס האָט מיך צוגעצויגן צו דער ערד. נאָר ווער האָט זיך געהאַט אינזינען? אַ קלייניגקייט, אַזאַ יום טוב, „מאַדערס דעי״! געוואָרט אַ גאַנץ יאָר צו זען די קינדער.

אַריינגעקומען אין הויז מיט די פעק, האָב איך פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך אַ נעם־געטאָן צו קאָכן, באַקן, בראָטן, פּרעגלען. איינער האָט ליב לאַטקעס, אַ צווייטער קניידלעך, אַ דריטער אַ קוגעלע, אַ פערטער אַ כרעמזעל, אַ פינפטער אַ העלזעלע, אַ זעקסטער אַ שטיקעלע אָנגעפילטע קישקע מיט פאַרפל. אַלעמען צופרידן געשטעלט...

און ווען די כאַליאַסטרע מיינע, קיין עין־הרע ניט, האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום גרויסן טיש — ווער איז דאַן געווען צו מיר גלייך? עס זאָל מיר נאָר ניט פאַרשטערט ווערן!

אָבער ווען מיין אַלטער האָט דערזען, ווי איך לויף אַהין און צוריק מיט די מאכלים, האָט ער גענומען בורטשען: „זע נאָר, ווי מען האָט זיך אויסגעזעצט ווי די פריצים, און די מאַמע לאָזט מען אַרומלויפן... עס וועט דיך נאָך אַ כאַפּ טאָן דער צוקער!״ זאָגט ער צו מיר. ער מיינט מיין „ראַיעביטיס״. „ס׳וועט מיך ניט כאַפּן״, זאָג איך, „פאַרשטער מיר ניט דעם יום־טוב״.

בקיצור, אַז מען האָט אָפּגעגעסן דעם שיינעם סאַפּער, און איך האָב אָפּגעראַמט פון טיש, האָבן אַלע זיך אַ נעם־געטאָן מאַכן אַ קערטל.

נאָר מיין מיזינקע איז אַריין אין קיך: „לאָז מאַמע, איך וועל וואַשן די כלים״.

— „ניין, ניין! טאָכטער, היינט איז „מאַדערס דעי״. איך וועל אַלץ טאָן אַליין״. האָב איך איר געזאָגט, און זי אַרויסגעטריבן פון קיך. נאָכדעם האָב איך זיך גענומען צו די טעלער, טעפּ, שייערן לעפל, גאָפּל, מעסער. אַזוי ווי פון אַ חתונה. קיין בייז אויג!...

בעת מעשה האָב איך גאָרניט געפילט, אָבער איצט זיינען ביי מיר די פיס מיט די הענט געשוואָלן און געדראָלן. טוט אומיסטן אַ קוק, ווי די אָדערן שטייען ביי מיר. איר קאָנט זיי איבערציילן. און צו די עלנבויגנס קאָן איך זיך ניט צורירן, ווי אַ שטאָך אין אַ אויג. היינט מיין בלוט־דרוק. איר זעט ווי ס׳פּנים פלאַמט מיר און דער קאָפּ ברענט, ווי אַ העליש פייער!

איר לאַכט? וואָס איז ס׳געלעכטער? איר מעגט אייך זאָגן וואָס

איר ווילט: ניטאָ קיין שענערער יום טוב פאַר אַ מאַמען ווי „מאָדערס דעי״. עס פאַרדריסט מיך נאָר, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין צייט אויסריידן מיט די קינדער אַ וואָרט. ביז איך בין פאַרטיג געוואָרן מיט די כלים און צוגעראַמט, זיינען זיי זיך צעגאַנגען... און ביי מיר האָט זיך אָנגעקליבן אַזויפיל אויפן האַרצן, אַז עס וואָלט געווען גענוג צו ריידן אַ טאָג מיט אַ נאַכט!

איצט וועל איך שוין וואַרטן, ביז גאָט וועט שענקען ס׳לעבן און די קינדער וועלן זיך ווידער צוזאַמענקומען מירצאַשעם אויף „מאָדערס דעי״.

מיינע חתנים

וואוהין איך פאָר? איך וואָלט אַליין געוואָלט וויסן. עפּעס פיל איך, ווי ניט איך פאָר, נאָר ניט־גוטע טראָגען מיך. איך פאָר אָנקוקן אַ חתן, דורך אַ שדכן.

איר לאַכט? וואָס איז דער געלעכטער? אַמאָל זיינען די שענסטע שדוכים אויסגעפירט געוואָרן דורך שדכנים. נו, קוק איך אַלע וואָך אָן אַן אַנדער חתן. און ס׳לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. עפּעס נאָר אַן אומגליק! מער ווי איין מאָל וויל אַ חתן מיך ניט זען. איז נאָך יעדן אָנקוקן, קום איך אַהיים מיט אַ וואונד אין האַרצן.

וויפיל מאָל איך האָב שוין ביי זיך אָפּגעמאַכט: זאָל עס גיין צום טייוול! איך קוק מער ניט אָן קיין חתנים! אָבער ווען איך קריג ענדע וואָך אַ קאַרטל פון שדכן, אַז איינער וועט וואַרטן אויף מיר דאָרט און דאָרט, אין דער און דער צייט, איז עפּעס ווי אַ קליפּה ציט מיך. און איידער איך קאָן זיך נאָך אָפּגעבן אַ חשבון — ביז וואַנען איז דער שיעור אָנקוקן חתנים? — געפין איך זיך שוין ווידער אין סאָבווּעי.

מיין מיסעס טרייסט מיך: „אייער גליק", זאָגט זי, „האָט זיך אַ ביסעלע פאַרשפּעטיגט, אָבער ו ו ע ן גאָט דערפרייט, איז ניט צו שפּעט . . ."

נו, האָב איך זיך אַזוי געאיילט, אַז איך האָב פאַרגעסן נעמען עפּעס אין מויל. ציט מיר ס׳האַרץ נאָר צום חלש׳ן און אַ גאַנצע גאַלערייע מיט חתנים שטייען מיר פאַר די אויגן: יונגע, עלטערע, שיינע, מיאוס׳ע, קלוגע, נאַרישע, איידעלע, גראָבע יונגען. פאַראַנען אַזוינע, וואָס קאָנען מיט אייך אַרומגיין שעה׳ן־לאַנג, אייך לאָזן זיך אָנריידן ווי אַ פּויק און ניט פרעגן אפילו צי ווילט איר אַ טרונק. און דאָס געמיט איז שווער, ווילט זיך אויסגיסן דאָס אָנגעווייטאָגטע האַרץ פאַר אַ נייעם מענטשן. דערצייל איך איינעם פון די חתנים פון די טרויעריגע בריוו וואָס איך האָב דערהאַלטן פון דער אַלטער היים, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע חלומות איך האָב יעדע נאַכט. מיין מיסעס הערט ווי איך רעד פון שלאָף. אָבער דעם חתן נעמט דאָס גאָרניט. ער האַלט אין איין קוקן אויפן האַנט־זייגערל. און מיט אַמאָל טוט ער אַ זאָג: „צייט צו גיין!" און ווענדט זיך צו מיר: „איר פאָרט אַהיים מיט דער סאָבוועי? וועל איך אייך נעמען צום סטעישאָן"...

ניט לאַנג צוריק האָב איך זיך באַגעגנט מיט איינעם. געווען אַ שיינער, אַ געזונטער און אַן אמת׳ער דזשענטעלמאַן. ער האָט מיך גענומען אין אַ רעסטאָראַן און מיר האָבן געהאַט אַ פיינעם מאָלצייט. נאָך דעם זיינען מיר געגאַנגען זען אַ מואווי. דאָרט איז ער געזעסן צוגעטוליעט צו מיר, ווי אַן אַלטער באַקאַנטער. זיין האַנט האָט גערוט אַרום מיין האַלז. האָט ער מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן און מיט אַ ליבן שמייכל זיך אָנגערופן: „איר ווייסט, איר זענט זייער אַ שיין מיידל״.

פון זיינע וואַרעמע ווערטער און פיינער באַנעמונג איז מיר עפּעס געוואָרן אַזוי גוט, ווי אַלע מיינע גלידער וואָלטן אָנגעגאָסן געוואָרן מיט זיסן וויין. און ווען איך האָב אים שפּעטער געפרעגט: צי קאָן איך אים עפּעס דערציילן, האָט ער געזאָגט „ביטע, ביטע״ און זיך צוגעהערט צו מיר מיטן אויער און מיטן האַרצן.

ביים געזעגענען זיך האָט מיר גענומען האַסטיג קלאַפּן ס׳האַרץ, צי וועט ער מיך פרעגן: ווען קאָנען מיר זיך ווידער זען? ער האָט אָבער מיר בלויז געדריקט די האַנט, געצויגן דעם הוט און פאַרנויגנדיק זיין הויכע, שיינע געשטאַלט, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „צום ווידערזען״, און איז פאַרשוואונדען, ווי אַ שיינער חלום...

יענע נאַכט בין איך ניט געשלאָפן. כ׳האָב געהאַלטן אין איין טראַכטן, מיט וואָס האָב איך זיך ביי אים פאַרזינדיקט? אפשר אים ניט געדאַרפט דערציילן פון מיין שרעקלעכער יוגנט אין דער אַלטער היים, פון מיינע אָרימע, קראַנקע טאַטע־מאַמע, פון די פאַרהונגערטע שוועסטערלעך און ברידערלעך; וועגן דעם ליכטיגן שטראַל פון ליבע, וואָס האָט באַלויכטן מיין פינצטער לעבן, מקריב געווען מיין גליק און אַוועק קיין אַמעריקע, צו קאָנען ראַטעווען טאַטע־מאַמע פון הונגער און נויט.

און צו־וואָס האָב איך אים געדאַרפט דערציילן, אַז ווען איך האָב שפּעטער געשיקט מיין געליבטן אַ שיף קאַרטע איז אָנשטאָט אים געקומען זיינער אַ ברודער, אַ טאַטע פון זיבן קינדער? אָט אַזוי האָב איך זיך די גאַנצע נאַכט געבראָכן דעם קאָפּ און ווידער געטראַכט: וואו שטייט עס געשריבן, אַז נאָר דער מאַן דאַרף פרעגן? פאַרוואָס האָב איך אים ניט געקענט פרעגן פּראָסט און פּשוט: „ווען זעען מיר זיך ווידער?״ אָבער ס׳איז דאָך פאָרט עפּעס ניט שיין.

מיין שדכנ׳טע לערנט מיך: „אויב״, זאָגט זי, „איר ווילט געפינען אַ חתן, זאָלט איר אַליין ניט רעדן, ניט זינגען און ניט שפּילן, נאָר אים לאָזן רעדן. קוקט אים אין די אויגן, ווייזט, אַז איר זענט באַגייסטערט. פּונקט ווי פּערל וואָלטן געפאַלען פון זיין מויל. מענער האָבן דאָס זייער ליב״.

אפשר איז זי גערעכט, די שדכנ׳טע. איך האָב אָבער פאָרט ניט צו

ווען מען אַ וואָרט אויסצורײדן די גאַנצע וואָך. בין איך גערן צו רעדן ווען איך טרעף זיך אײן מאָל אין וואָך מיט אַ חתן און ער וויל מיך אויסהערן... אַ מענטש קאָן דאָך ניט שטיקן אַלץ אין זיך.

אַמאָל, אַז איך פלעג קומען פון דער אַרבעט, האָב איך געקענט רײדן צו דער מיסעס, גײן מיט איר אין די מואוויס. אָבער זינט ס׳האָט איר געטראָפן דאָס גרויסע אומגליק און איר אײנציגער זון איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף דער מלחמה, גײט זי אַרום ווי אַ שאָטן, רעדט ניט אויס קײן וואָרט און אירע אויגן טריקענען זיך קײנמאָל ניט אויס. אָטווישט זי זײ אויס און אָט זײנען זײ שוין ווידער פול. מײנע פרײנדינעס? זײ האָבן שוין לאַנג חתונה געהאַט. האָבן שײנע הײמען, מענער, קינדער, איז וואָס וועל איך זײ דולן אַ קאָפּ מיט מײנע קאָפּ־דרײעניש? נאָר אַז עס דערגײט מיר דער אומעט און איך קאָן זיך קײן אָרט ניט געפינען, כאַפּ איך זיך אַרײן צו מײן לאַנדספרוי, אַן אלמנה. און כאָטש זי האָט זעקס דערוואַקסענע קינדער, איז זי ניט ווײניקער עלנט פון מיר. די קינדער גײען זיך זײער וועג, זײנען דער מאַמע׳ס ברויטגעבער און זי איז זײער דינסט. ווען איך זאָל צו איר ניט קומען, געפין איך זי אין קיך בײ אַן אַנדער אַרבעט. איך קוק אויף איר פאַרשוויצטן פּנים, אירע אָדערדיגע הענט, וואָס וואַשן, פּרעסן, לאַטען, ראַמען — הענט, וואָס רוען קײנמאָל ניט! זי באַקלאָגט זיך פאַר מיר: „קײן עין הרע אַ שטוב מיט מענטשן און קײנער הויבט ניט אויף קײן שטרוי פון דער ערד”.

אַנטקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רײד?

יאָ! אַנטקעגן מײנע חתנים.

איך בין אַ שטיקל צײט אַרומגעגאַנגען מיט אַ סאָלדאַט, וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרן אויפן שלאַכט־פעלד. ווען ער איז געזונט געוואָרן האָט מען אים באַפרײט פון דער אַרמײ. בין איך מיט אים אײנמאָל אַרײנגעפאַלן צו דער אלמנה. זי איז גראַדע געשטאַנען און געוואַשן וועש. ווי זי האָט אונז דערזען, האָט זי גלײך פאַרמאַכט דעם וואַש־טאָפּ, זיך איבערגעטאָן אין אַ שײן קלײד, די האָר פאַרקעמט נאָך דער לעצטער מאָדע, מיט אַ בלום, האָט זי אויסגעזען שענער און ינגער. זי האָט אונז אויפגענומען אין עס־צימער, דערלאַנגט כיבוד און מיר האָבן שוין פאַרבראַכט דעם גאַנצן אָוונט.

איך האָב געטראַכט: דאַכט זיך דערזעלבער מענטש, נאָר קוים בין איך געקומען מיט אַ מאַן, האָט די אלמנה מיר צוגעטײלט כבוד און איך האָב שוין ניט געדאַרפט זיצן אין קיך און צוקוקן ווי זי אַרבעט שווער און שלאָגט זיך אויס פון די כחות.

וואָס ס׳איז געוואָרן פונם סאָלדאַט? ער איז גראָד געווען זײער אַ

פיינער און אַ קלוגער, און איך בין אים געווען זייער געפעלן. איך וואָלט זיך גאָר קיין בעסערן חתן ניט געוואונטשן. ווארים איך האָב געקענט זיצן שעה׳ן־לאַנג און אים הערן רעדען. ער האָט ניט גערעדט ווי איך און איר — פונקען זיינען געפלויגן פון זיין מויל און אָנגעצונדן מיין האַרץ. איר האָט געדאַרפט הערן זיינע קלוגע רייד וועגן דער וועלט, וועגן מענטשן, וואָס ס׳איז רעכט און וואָס ס׳איז אומרעכט, וואָס מיינט יושר און וואָס איז שווינדל. נאָר אינמיטן פלאַם־פייערדיקן שמועס, פלעגט זיין פנים פאַרצויגען ווערן ווי מיט אַ כמאַרע, די אויגן פול מיט שרעק און צוהערנדיק זיך צו יעדן שאָרך, פלעגט ער מיך פרעגן: „איר הערט אויך ווי די קאַנאָנען דונערן? ווי ס׳קראַכן באָמבעס? אַטאָמען שפּאַלטן זיך!״...

איך פלעג פּרובירן אים באַרואיקן, אַז ס׳ווייזט זיך אים אויס, און זאָל ער פאַרגעסן אין דעם שלאַכט־פעלד. אָבער בעת מעשה פלעגט מיר אַליין נעמען קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן פון שרעק. דער סוף? איך האָב אויפגעהערט זיך מיט אים צו טרעפן.

און ניט לאַנג צוריק האָט מיין לאַנדספרוי חתונה געמאַכט אַ קינד און איך בין געווען געלאַדן צו דער חתונה. איך האָב יענעם טאָג אַ סך גערוט, נאָך דעם זיך צוגעפּוצט, אָנגעטאָן אַ ראָזעווע אָוונט־קלייד, האָב איך זיך אין שפּיגל אַליין ניט דערקענט. ביי דער חתונה האָבן מיינע פריינט אָנגעקוואָלן, וואָס איך זע אויס אַזוי שיין. ביי איין טיש איז צווישן די געסט געזעסן אַ מיטל־יאָריגער מאַן מיט זייער אַ סימפּאַטישן פּנים און קלוגע אויגן. דעם גאַנצן אָוונט האָט ער פון מיר קיין אויג ניט אַראָפּגענומען. נאָכ׳ן עסן, ווען די מוזיק האָט אויפגעשפּילט אַ וואַלץ, האָט ער מיך גענומען טאַנצן און אַזוי ווי מיר זיינען ביידע גוטע טענצער, האָבן מיר ניט דורכגעלאָזט קיין איין טאַנץ. מיין לאַנדספרוי האָט מיר איינגערוימט אין אויער, אַז דער מאַן איז אַ דאָקטאָר און אַן אלמן אָן קינדער...

ווען מיר זיינען מיד געוואָרן טאַנצענדיק, האָט ער מיך גענומען אונטערן האַנט, מיך צוגעפירט צום בופעט און באַשטעלט ווײַן. טרינקענדיק, האָט ער זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין מיין נאַקעטן אָרעם פון דער רעכטער האַנט און מיט אַ גוטמוטיגן שמייכל אַ זאָג געטאָן: „איר ווייסט, איר פאַרמאָגט די שענסטע צוויי „וועקסינעישאַנס״, וואָס איך האָב ווען געזען״.

איך האָב נאָך דעם זיך דערוואוסט, אַז דער דאָקטאָר איז אַ ספּעציאַליסט אויף שטעלן פּאָקן...

אַן איידעם אויף קעסט...

— איר האָט שוין געזען מיין סערקע׳ס באַי? נו, ווי געפעלט ער אייך? נאָך גאָר אַ יונגס, זאָגט איר. ער איז שוין ניט אַזוי יונג. ער איז ווי די פּריצ׳ישע הינטעלעך: אַ קליינס, אַ שוואַרצס, און אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן. דערפאַר האָט ער אַ שאַרף קעפּל און אַ צינגעלע אויף שרויפן. און צערעדט ער זיך וועגן וועלט־זאַכן, פליען פונקען פון זיין מויל. איר האָט דאַן געדאַרפט זען מיין טאָכטער: ווי אירע אויגן לאַכן נאָר צו אים און אירע באַקן פלאַמען און זי שלינגט זיין יעדער וואָרט ווי אַ הונגעריגע.

ער איז טאַקע אַ גרויסער ווייסער. ער שלינגט ביכער ווי אַ גאַנדז האָבער, און שטודירט אויף דאָקטאָר. און דאָך קומט ער ניט צו די פריערדיקע בחורים, וואָס זיינען נאָכגעלאָפן מיין סערקע׳ן. יענע זיינען געווען הויכע, געזונטע, שיינע ווי די טאָפּאָליעס. און טאַקע ניט קיין אָרעמע! יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ גוטן דזשאָב אָדער אַליין געווען אין ביזנעס. און אַז אַזאַ איינער איז צוגעפאָרן צום הויז מיט זיין רייכער „קאַר״, האָבן מענטשן אויפגעשטעלט מויל און אויערן. אין די שענסטע פּלעצער אויף בראָדוועי פלעגט מען זי דאָך נעמען. ס׳איז דען עפּעס צו־טייער געווען פון איר׳ט־וועגן. מען איז דאָך „אויסגעגאַן״ נאָך אירע טריט.

און וואָס איז דער וואונדער? מיינע איז דאָך ניט גלאַט עפּעס אַ מיידל. זי איז שיין, קלוג, געלערנט; קאָן שפּילן פּיאַנאָ, זינגען, טאַנצן. קאַרג האָבן מיר זיך אויסגעבראַכט, אַז זי זאָל אַלץ קענען? הייגט דאָס אָנטאָן זיך איר׳ס — אַ פּרינצעסן! און ווען זי איז „אויסגעגאַן״ מיט די רייכע באָיעס האָט זי זיך געהאַלטן אין איין קויפן נייע קליידער. און איך האָב פון זיך געצויגן די קליי און איר אַלץ געגעבן. וואָס טוט ניט אַ מאַמע צוליב אַ קינד?

און איצט הענגט אַ שאַפע מיט טייערע קליידער, און זי רירט זיך צו זיי אפילו ניט צו. וואָרים אַז מען גייט מיט אַ בחור אַ שלים־מזל, וואָס טראָגט שבת און אינדערוואָכן דעם זעלבן אָפּגעריבענעם אַנצוג, וועט זי דאָך ניט גיין זיך אויספּוצן אין אַן „איוונינג גאַון״. און וואוהין מ׳שטיינס־

געזאָגט נעמט ער זי? אין אַ ביליגער מאָװי, אָדער אין אַן אויטאָמאַט פֿאַר אַ „קאָפֿע און קעיק״.

די אַנדערע באַיִעס פּלעגן זי דאָך נעמען אין רײַכע רעסטאָראַנען און אין נאַכט־קלובן. האָט זי אָװעקגעװאָרפֿן ברױט, און קלײַבט איצט ברעקלעך. קאָן ניט צעפּלאַצט װערן די גאַל?

טענה איך מיט איר: — װאָס האָסטו אויף דעם שלים־מזל דערזען, װאָס ס׳ציט דיך צו אים װי אַ קליפּה? װאָס איז, ער װעט אַמאָל זײַן אַ דאָקטאָר? איז ביז מען װעט דערזען די נחמה, װעט אַרויס די נשמה. און אַז ער װעט שוין אַמאָל ענדיקן, װעט ער זײַן אַ יונגער דאָקטאָר, און דו — אַן אַלטע מויד.

— אָבער — זאָגט זי — מיר האָבן באַשלאָסן אײַנגיכן חתונה צו האָבן.

גיט דאָס מיך שוין אַ בראָט בײַם האַרצן.

— װאָס הײסט — זאָג איך — איר האָט באַשלאָסן? און װאו זײַנען טאַטע־מאַמע? זײ האָבן שוין גאָרניט װאָס צו זאָגן? און פֿונװאַנען װעט איר לעבן?

מאַכט זי מיר אַזאַ חשבון: זי װעט אַרבעטן, און ער װעט אויך צו־פֿאַרדינען אין די אָװנטן. קײן הויז װעלן זײ דערװײַל ניט אײַנשטעלן, װעט מען גאַנץ פֿײַן אויסקומען.

— אַ שײנער תכלית — זאָג איך — צװײ מתים גײען טאַנצן! הלוואי — זאָג איך — זאָלסטו ניט האָבן אַזאַ סוף װי דײַן חבר׳טע. יענע האָט זיך אויך אַרומגעשלעפּט אַ צײַט מיט אַ שלים־מזל, ביז — זי איז אַװעק פֿון דער הײם און מיט אים חתונה געהאַט. און אײדער זי האָט זיך אַרומ־געקוקט, האָט זי שוין געהאַט אַ קינד. און דאָס איז געװען פֿון די בעיבים, װאָס שרײַען גאַנצע נעכט. פֿלעגט דאָס טאַטעלע געװאַלדעװען אויפֿן װײַבל: — „שטיל אים אײַן, דעם שרײַער! אַניט װעל איך אים דערשטיקן!״

האָט דאָס מאַמעלע געטוליעט ס׳קינד צום האַרצן און באַװײנט איר פֿינצטערע דאָליע. און אַז דער װאָילער טאַטע איז אַװעק, װי דער שבת־קודש גײט אַװעק, האָט דאָס טעכטערל גענומען ס׳קינד און זיך אומגע־קערט צוריק צו דער מאַמען. איצט ניאַנטשעט זיך די באָבע מיט׳ן שרײַ־ענדיקן אײניקל, און דאָס טעכטערל שלאָפֿט ביז האַלבן טאָג. און אַז זי שטײט־ אויף, זעצט זי זיך בײַם טיש ניט קײן פֿאַרקעמטע, ניט קײן גע־װאַשענע, רויכערט אײן סיגאַרעטל נאָכן אַנדערן און טרינקט שװאַרצע קאַװע אָן צוקער. ניט אומזיסט זאָגט מען: װען מען האָט קינדער אין די װיגן, דאַרף מען לאָזן לײַטן צופֿרידן . . .

אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס? אַנטקעגן מיין סערקע׳ן מיט איר שלים־מזל. יעדן אָוונט קומט ער, פּונקט ווען מען זעצט זיך עסן. ער איז ניט קיין שעמעוודיקער. גיט זי אים נאָר אַ וואונק, זעצט ער זיך צום טיש, עסט און טרינקט ווי נאָך אַ תענית. נאָכן עסן גייט ס׳פּאָרל אַוועק, און מען קומט צוריק שוין נאָך האַלבער נאַכט. ליג איך און קאָן קיין אויג ניט צומאַכן. די שרעקלעכסטע געדאַנקען קומען מיר אין קאָפּ, ביז איך דערלעב הערן, אַז זי שליסט־אויף די טיר. ווארום קאָרג אומגליקן טרעפן איצט מיט יונגע מיידלעך? דאָ האָט מען איינע געפונען אַ דער־שאָסענע, אַ צווייטע — אַ דערשטיקטע, און אַ דריטע — אַ צעשניטענע.

איינמאָל, ווען איך האָב זיי געהערט אַריינקומען זייער שפּעט, בין איך אַראָפּ פון בעט אַן אויפגעקאָכטע:

— יונגערמאַן! — האָב איך אויסגערופן מיטן האַרבן וואָרט — זיי אַזוי גוט און פאַרמאַך די טיר אויף דער אַנדערער זייט, און לאָמיר מאַכן נאַכט.

צעלאַכט ער זיך און רופט זיך אָן:

— פריער גיט מיר אַ טעפּעלע קאַווע. איך בין דאָרשטיק.

— ביי מיר — זאָג איך — איז ניט קיין קאַפעטעריע, און גיי דיר געזונטערהייט. דיין מאַמע מוז דאָרט אויסקוקן די אויגן.

— מיין מאַמע — זאָגט ער — איז אַ מאָדערנע פרוי. זי איז נאָך אַוודאי איצט אַליין אויך ניט אין דער היים . . . און מיין טאַטע — שטעלט ער זיך פאָר — האָט אַ טבע: ער פאַרשווינדט אויף עטלעכע טעג און ווען ער קומט צוריק, פאַלט ער אַריין אין הויז טויט הונגעריק און רופט־אויס: „רחל, איך וויל עסן!" זאָגט מיין מאַמע ניט ס׳אַנדערע וואָרט און גרייט צום טיש. און ווען ער, מיין טאַטע, וויל דערציילן, וואו ער איז געווען, שלאָגט אים די מאַמע איבער:

— דאַרפסט זיך ניט פאַרענטפערן — מאַכט זי — ווען דו קומסט, ביסטו ביי מיר אַ גאַסט.

— נו, — זאָג איך — און איך בין ניט קיין מאָדערנע פרוי. ביי מיר וואָלט אַזאַ מאַן געעפּנט מיטן קאָפּ די טיר. — און איך האָב אים אַרויס־באַגלייט, דעם שיינעם בחור.

און וואָס האָט מיין מיידל געזאָגט? דערווייל איז עס נאָך מיין שטוב. זי איז נאָר געבליבן זיצן. דאָס פּנים בלייך, אָן אַ טראָפּן בלוט, און די אויגן אָנגעפילט מיט טרערן, געציטערט, אַז ער וועט מער ניט קומען.

אָבער אויף מאָרגן, ווי מען האָט זיך נאָר געזעצט עסן וועטשערע, איז ער ווידער אויסגעוואקסן, האָט צוגערוקט אַ בענקל צום טיש, ווי

צוויי מאָל גאָרניט. וואָס זאָלט איר קלערן? מען קאָן גײן אין גאָלד פון אַזאַ אײדעם אויף קעסט.

וואָלט ער כאָטש אַמאָל געבראַכט אַ שטיקל מתנה פאַרן הויז, וואָלט מיך אַזוי ניט געבראָטן. נאָר איר ווייסט דאָך: גוטע נעמער זײנען שלעכטע געבער. אָט איז מײן זון אויך געגאַנגען מיט אַ מײדל, האָט ער ניט געוואָגט אַריבערטרעטן די שוועל, ביז אירע טאַטע־מאַמע האָבן אים ניט פאַרבעטן אין שטוב. און קײנמאָל איז ער ניט געקומען מיט לײדיקע הענט. אַמאָל געבראַכט וויין, אַן אַנדערש מאָל עפּעס אַ נאַשערײ. און גראָד איז מײן זון ניט געגאַנגען אין די קאָלעדזשעס, און שלינגט ניט קײן ביכער. נאָר איך וואָלט אים שוין דאָס אויך מוחל געווען, ווען ער גיט איר עפּעס אַ מתנה. ווי גײט עס אַ בחור מיט אַ מײדל אַזאַ לאַנגע צײט און קויפט איר ניט, איר זאָלט זאָגן, וואָס איז ווערט אַ סענט.

אָט איז מײן מאַן אויך געווען אַן אָרעמער בחור. איז כדי דאָס קינד זאָל האָבן אַ נאָמען, האָט ער גענומען אַ דאַימאָנד־רינגל בײ אַ פּעדלער אויף אויסצוצאָלן. און שמועסט מיט איר, זאָגט זי, אַז זי דאַרף ניט פון אים קײן מתנות, ווײל ער אַלײן איז די שענסטע מתנה, וואָס אַ מײדל קאָן זיך נאָר ווינטשן. נו האָט איר עפּעס צו איר? אָבער דאָס איז נאָך אַלץ גאָרניט.

אַנומעלטן האָט אינמיטן נאַכט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער שטורעם מיט אַ מבול. אַלע מינוט האָט זיך דערהערט אַזאַ קראַך פון אַ דונער, אַז איך האָב געמײנט, אַז די ברוקלין בריק איז אײנגעפאַלן. ס׳האָט אויך גענומען בליצן. יעדער בליץ האָט אינגאַנצן באַלויכטן די שטוב. ס׳האָט זיך דערהערט אַ טומל פון פײער־לעשער. אַוודאי האָט דער שטורעם אונטערגעצונדן הײזער. אַ טויט־שרעק איז מיך באַפאַלן. האָב איך אויפ־געוועקט מײן מאַן: — מאָריס, שטײ אויף! אינדרויסן איז אַן אומקו־מעניש, און סערקע איז נאָך ניטאָ אינדערהײם! וואו קאָן זײן אונזער קינד? — האָב איך אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. — ס׳איז דאָך שוין באַלד טאָג!

— וויין ניט, — האָט מיך מײן מאַן באַרויקט — ס׳וועט זיך אָפּזוכן דער שאָדן.

ס׳האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ בין איך צוגעלאָפן צום טעלעפאָן און דערהערט אַ מענער־קול:

— העלאָו, מאַם!

— ווער רעדט?

— איך.

— ווער איז דער איך?

—אייער אײדעם!

— וואו האָב איך אַן אײדעם?

— אייער סערקע׳ס מאַן רעדט. מיר האָבן שוין חתונה געהאַט און זיינען אויף אונזער „האָנימון״ . . .

* * *

וואָס ווייטער איז געווען, געדענק איך ניט. נאָר ווען איך האָב געעפנט די אויגן, בין איך געלעגן אין בעט. אַ דאָקטאָר האָט מיך געטאַפּטביים דופּק און זייער שטיל גערעדט צו מיין מאַן. איך האָב קוים אויפגעכאַפּט די ווערטער: „ס׳איז גאָרניט. בלויז אַ האַרץ־אַטאַקע״ . . .

נחת פון ערשטן אייניקל

איך ווייסט, ס׳קומט מיר אַ מזל־טוב, מיין הערשעלע איז געוואָרן אַ טאַטע!

דאָס האָט מיין זון מיר אָנגעזאָגט דורכן טעלעפאָן די גוטע בשורה און צוגעגעבן, אַז מען וועט מיר לאָזן וויסן ווען איך קאָן קומען זען די בעיבי.

איז אַוועק אַ וואָך און צוויי און מען הערט ניט און מען זעט ניט. וועל איך קוקן אויף כבוד? בין איך ניט קיין געבעטענע אַליין געקומען. אויפן וועג האָב איך איינגעקויפט לעקעך און בראָנפן, אַ מתנה פאַר דער שנור, אַ מתנה פאַרן אייניקל און בין געגאַנגען אַהין ווי צו אַ טאַנץ.

איך זאָג: „געגאַנגען". ס׳האָט מיך געטראָגן ווי אויף פליגלען. צו־געקומען צו דער טיר, האָב איך מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ אָנגעקלונגען. האָט מיין שנור געעפנט די טיר און געזאָגט, אַז זי איז „סאָרי", אָבער זי קאָן מיך ניט אַריינלאָזן, ווייל זי דאַרף זויגן ס׳קינד, און דער דאָקטאָר האָט איר אָנגעזאָגט, אַז ווען זי זויגט ס׳קינד זאָל זיין זייער שטיל אין הויז.

„אַ געזונט אין דיר", זאָג איך איר. „וואָס וועל איך דען טאָן? שרייען גוואַלד? איך וועל נאָר אַ קוק־טאָן אויפן קינד אין ווען ס׳איז געראָטן, דאָס אַ קוש טאָן און איך גיין שוין אַוועק."

מאַכט זי: „אָבער דער דאָקטאָר האָט פאַרבאָטן צו קושן די בעיבי".

„אַ נייער משוגענער", זאָג איך. „אַ באָבע טאָר שוין ניט אַ קוש־טאָן איר אייניקל?

נאָר גיי שריי חי וקים, אַז זי שטייט אין דער אָפענער טיר און לאָזט מיך ניט אַריבערטרעטן די שוועל. האָב איך זי געבעטן זי זאָל כאָטש צונעמען ביי מיר די מתנות. דאָס האָט זי מיר שוין ניט געקענט אָפּזאָגן. זי האָט מיך באַפרייט פון די פעקלעך, מיר אונטערגעטראָגן די באַק, איך זאָל זי אַ קוש־טאָן און — פאַרמאַכט די טיר מיר אין פנים אַריין.

בין איך געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענע, און עפעס האָט מיך גענומען שטיקן אין האַלדז . . .

איך געדענק, ווען מיין הערשעלע איז געווען אַ בעיבי פלעג איך אים זינגען אַ לידעלע, וואָס איך האָב אַליין פאַרטראַכט:

„מיר זאָל זיין פאַר דיר,

וועל איך נעמען אַ שיינע שנור,
וועל איך שבת גיין צו איר.
וועט זי פאַר מיר פאַרשליסן די טיר . . .

און איך פלעג אויסלאָזן: „גאַטעניו, ווי דערלעבט מען דאָס שוין!"

און איצט, אַז איך האָב דאָס טאַקע דערלעבט, וואָלט איך דאָך געדאַרפט טאַנצן אין די גאַסן. איז דיר אַ מענטש קיינמאָל ניט צופרידן . . .

אויף מאָרגן האָב איך געקראָגן אַ שיין בריוועלע פון מיין שנור, אַז אויב איך וויל קומען זען די בעיבי, זאָל איך פריער רופן אויפן טעלעפאָן, וועט זי מיר זאָגן צי איך קאָן קומען. ניט אומזיסט זאָגט די וועלט, אַז ס'איז בעסער מיט אַ קלוגן צו פאַרלירן איידער מיט אַ נאַר צו געפינען. האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה רופן אויפן טעלעפאָן. יעדער מאָל אַן אַנדער תירוץ: דאָס קינד שלאָפט, דאָס קינד זויגט, אָדער מען האַלט אין געבן דעם קינד אַ באָד.

האָב איך געזען, אַז די שפּיל איז פאַרן טייוול, האָב איך אָפּגערופן און געפרעגט, אויב די קינדער ווילן גיין פאַרברענגען, וועל איך בלייבן מיטן קינד. האָט מיין זון מיר געענטפערט, אַז ווען זיי דאַרפן גיין פאַרברענגען, שיקט מען זיי אַ נוירס פון אַ שפּיטאָל, וועלכע רעכנט בלויז 85 סענט אַ שעה.

„איך וואָלט עס געקענט מאַכן פאַר דיר אַ סך ביליגער", האָב איך אים געזאָגט, און אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל.

איז ווידער אַוועק אַ פּאָר וואָכן, און דאָ גייט מיר אויס ס'חיות צו זען דאָס קינד. עפּעס אַ קלייניגקייט, איידער מען דערלעבט אַן אייניקל! האָב איך ווידער גערופן און האָב געבעטן די קינדער זיי זאָלן קומען זונטאָג צו מיר צו גאַסט און מיטנעמען דאָס קינד. האָט די שנור געזאָגט, אַז זי קאָן ניט נעמען ס'קינד אין פרעמדע הייזער. ס'גייען אַרום מאָזלען. מאָזלען, זאָגט איר, איז גאָרניט? איך האָב פאַרלוירן צוויי ברידערלעך אין איין וואָך פון מאָזלען. און אפשר איז דאָס געווען סקאַרלעטינע. דער רופא האָט געזאָגט ס'איז מאָזלען, קיין דאָקטאָר איז אין שטעטל ניט געווען. און ווען מיין הערשעלע איז אַלט געווען זעקס וואָכן, האָבן מיר אים גענומען צו אַ חתונה, כאָטש ס'איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען דיפטעריע. ביי דער חתונה איז אין אַ קליין צימערל, אָן אַ פענצטער, געשטאַנען אַ בעט, וואו עס זיינען געלעגן אפשר דריי טוץ עופה'לעך. האָבן מיר אונזער קינד אויך אַוועקגעלייגט און זיינען אַוועק טאַנצן.

ווי זאָגט איר: „ווען אַ נאַרישקייט גילט, איז עס אויך אַ נאַרישקייט". וואָרים, עס זיינען דאַן געפאַלן קינדערלעך פון דיפטעריע ווי די פליגן. זיינען טאַקע היינטיקע מאַמעס קליגער ווי מיר זיינען געווען.

אָבער איך בין דאָך פאַרט אַ באָבע און וויל זען מיין אייניקל, דאָס נעמען אויף די הענט, עס צודריקן צום האַרצן און אים אויסקושן יעדער אבר׳ל. אָבער אַז מען זאָגט מען טאָר ניט, טאָר מען ניט! . . .

איר זאָגט, אַכטונג געבן אויף קינדער. היינטיקע מאַמעס וויסן אַלע כללים, ניט ווי מיר אַמאָל. דעם פלייש־סטרייק אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געדענקט איר? פון 16 סענט אַ פונט פלייש זיינען די פּרייזן מיטאַמאָל אַרויפגעשרויפט געוואָרן אויף 28 סענט. האָט די „קאָנסומערס ליג" דערקלערט אַ פלייש־סטריק. גאַנצע טעג פלעגן פרויען אַרומפּאָרן אויף טראָקס, זיך אָפּשטעלן אויף די גאַסן־ראָגן, און זיך בעטן ביי די ווייבער ניט צו קויפן קיין פלייש ביז די פּרייזן וועלן פאַלן.

איינמאָל איז צוגעפאָרן אַ טראָק צו מיין הויז, מיך אַרויפגענומען מיט ביידע קינדער, אַז איך זאָל העלפן אין סטרייק. מיין הערשעלע איז דאַן אַלט געווען דריי יאָר, און לייבעלע זעקס מאָנאַטן. איז ער זיך געלעגן אין קערידזשל, און איך האָב זיך געריסן דעם האַלדז, אַז קיינער זאָל ניט וואָגן אַריינגיין אין אַ בוטשער־שאָפּ.

ביי טאָג זיינען אָנגעקומען אַנדערע פרויען, האָב איך גענומען מיין הערשעלע׳ן פאַר אַ הענטל, זיך געלאָזט לויפן אַהיים קאָכן סאַפּער פאַר מיין מאַן. אויפן וועג האָב איך באַגעגנט נאָך אַ סטרייקערין, וואָס האָט אויך געפירט אַ אינגעלע פאַר הענטל. האָבן מיר, מאַמעס, געכאַפּט אַ שמועס און די אינגלעך האָבן דערווייל אַרויסגעצויגן זייערע הענטלעך פון אונזערע הענט. און אַזוי ווי מיר זיינען געווען שטאַרק צעטראָגן פון סטרייק, האָב איך גענומען איר אינגעלע׳ס הענטל און זי — מיין אינגע־לע׳ס, און מיר זיינען אַוועק . . .

מיטאַמאָל דערהער איך לעבן זיך אַ שוואַך קול׳עכל: „מאַ". איך דריי אויס דעם קאָפּ — איך פיר גאָר אַ פרעמד קינד . . . אַריינקומענדיק אין הויז האָב איך דערזען דעם קינד׳ס וויגעלע און זיך דערמאָנט, אַז איך האָב לייבעלע׳ן פאַרגעסן אויפן טראָק . . .

ערשט אין אָוונט האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ בייזער איד צו מיר אין שטוב און מיט אַ קול פון אַ מאַטאָרמאַן האָט ער אויסגעשריען:

„געט׳ס מיר אָפּ מיין אינגל און נאָט׳ס אַך אייערס! איך דאַרף ניט קיין פרעמדע קינדער!"

באַלד האָבן צוויי סטרייקערס מיר געבראַכט צופירן די בעיבי מיטן קערידזש. מיר האָבן זיך אַלע גוט אויסגעלאַכט. און אויף מאָרגן בין איך שוין ווידער געווען מיט ביידע קינדער אויפן טראָק. אַזוי אַלע טאָג, ביז די פּרייזן אויף פלייש זיינען טאַקע געפאַלן.

אָבער דאָס איז נאָך געווען גאָרניט אין פאַרגלייך מיטן וועבער־

סטרייק אין יענער צייט. די וועבער האָבן געפירט אַ ביטערן קאַמף מיט די באַלעבאַטים. אַלע טאָג האָט מען געקענט זען אויף דער פּיקעט־לאַין פרויען מיט פּיצעלעך קינדער. איינמאָל האָבן די באָסעס אַרויסגע־רופן פּאָליציי און פּייערלעשער, און ניט קוקנדיק אויף דעם ברענענדיקן פראָסט יענעם טאָג, האָבן די פייערלעשער געשפּריצט וואַסער אויף די סטרייקערס און אויף זייערע פרויען און קינדער. אַ סך זיינען פון דער נאַסקייט ערנסט קראַנק געוואָרן. אָבער די סטרייקערס האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. זיי האָבן נאָר ניט געקענט צוזען, ווי זייערע קינדער גייען אויס פון הונגער. האָבן זיי אָפּגעשיקט זייערע קינדער קיין ניו־יאָרק, וואו אָרעמע פאַמיליעס האָבן מיט די קינדער פון די סטרייקערס געטיילט דעם ביסן, ביז — דער סטרייק איז געוואונען געוואָרן.

אָט אַזוי האָבן מיר אַמאָל אַכטונג געגעבן אויף אונזערע קינדער. וואָלטן מיר, באָבעס, כאָטש געמעגט האָבן דעם פאַרגעניגן אַ קוש טאָן אַן אייניקל! האָט מען גאָר מורא פאַר באַצילן . . . אַוודאי דאַרף מען מורא האָבן. וואָדען? ווי אַמאָליקע באָבעס אין דער אַלטער היים, וואָס פלעגן קייען פלייש, קיכלעך, און דאָס צעקייטע געבן דעם קינד אין מיילעכל? דאָס אייגענע מיט די ניאַנקעס וועלכע זיינען תמיד געווען הונגעריק. אַז זיי האָבן געקייט פאַר דער באַלעבאָסטע׳ס קינד האָבן זיי האַלב געגעבן דעם קינד און האַלב געלאָזט ביי זיך אין מויל. און אַז אַ קינד האָט געגעבן אַ גענעץ, האָט די מאַמע געזאָגט: „ראָסטינקע, קאָסטינקע, פּו, פּו, פּו״, און אַריינגעשפּיגן דעם פּיגעלע גלייך אין מיילעכל אַריין . . . וואָרים ווער האָט דאָס דעמאָלט געוואוסט פון באַצילן? ווייבלעך האָבן געוואוסט צו טראָגן, האָבן און זויגן קינדער . . .

מיין מאַמע האָט געבוירן אַכצן קינדער. האָט זי קוים, זאָגט זי, אויס־געוויינט ביי גאָט דריי פּיצלעך ווערים. איז טאַקע מקנא צו זיין היינטיקע ווייבעלעך. מ׳האָט וואַש־מאַשינען, וואַקיום־קלינערס, דאַיפּער־סוירוויס, בעיבי־סיטערס, און וויל מען ניט גיין איינקויפן, רופט מען אויפן טעלעפאָן דעם גראָסערימאַן, דעם בוטשער, און זיי ברענגען אין הויז אַריין פון כל־טוב. היינט האָט מען אויך אויטאָמאָבילן. וויל מען, גייט מען אַרויס אויף פאַרוויילונג, אַניט איז אין הויז דאָ ראַדיאָס, טעלעוויזיעס מיט „מואַוויס״ און וואָס ניט?

* * *

נו, לאָמיר בעסער רעדן פון מיין אייניקל. דאָס איז ניט גלאַט אַן אייניקל! ס׳לאַכט שוין! צו יעדן איינעם לאַכט עס. אַ זעלטן קינד, זאָג איך אייך. ס׳איז אַ מיידעלע, וואָס אַזוינס זעט מען גאַרניט!

איך האָב דאָס נאָך טאַקע ניט געזען . . .

צוויי־און־זעכציק

עס איז פאַראַן אַ פאָלקס־ליד, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט:

וואָס קוקט איר מיך, פייגעלעך, אָן
וואָס איך קאָן זיך קיין ריר ניט טאָן?
ניט לאַנג איז דאָס געוואָרן —
מיינע פליגעלעך אָפּגעשאָרן.

דאָס ליד איז ווי פאַר מיר אָנגעמאָסטן.

געווען אַ צייט, ווען איך בין געווען טעטיק אין אַ פּאָר פאָלקס־אָרגאַ־ניזאַציעס. מענטשן האָבן זיך צוגעהערט צו מיין וואָרט און זיך גערעכנט מיט מיין מיינונג. איך האָב דאַן אויך צייט געהאַט צו לייענען ביכער און זשורנאַלן, און געוואוסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. איז מיר געשטאָרבן מיין מאַן, און איך בין געבליבן די איינציקע פאַרזאָרגערין פאַר אונזערע קינדער. האָב איך זיין פלאַץ פאַרנומען אין שאָפּ, וואו איך האָב מיין בענקשאַפט און ווי אַריינגעשטעפּט אין קליידער פאַר רייכע פרויען.

נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין שאָפּ, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער טאָג אין דער היים, וואו ס'האָבן געוואַרט הונגעריקע קינדער אויף מיין קומען. ערשט שפּעט אין אָונט, ווען איך האָב זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער הויז־אַרבעט, מיט קאָכן, וואַשן, ראַמען, האָב איך זיך גענומען עפּעס לייענען. אָבער מיינע אויגן האָבן זיך געקלעפּט פון מידקייט, דער מוח האָט ניט באַנומען דאָס געלייענטע, פּונקט ווי ווען מען קלאַפּט טשוועקעס אין אַ האַרטער וואַנט, און זיי שפּרינגען אַרויס צוריק. איבער־געכאַפּט דעם ערשטן שלאָף, האָבן זיך טרויעריק געשלעפּט די נעכט. אָט אַזוי: נעכט אין טרערן, טעג אין קלערן, וואָס דער סוף וועט פון מיר ווערן . . .

אין דער געגנט, וואו איך וואוין שוין זייט יאָרן, קענען מיך אַ סך מענטשן. אַמאָל, אַז מען האָט מיך דערזען, פלעגט מען מיך אָפּשטעלן, פרעגן אַן עצה, אָדער אַ מיינונג וועגן אַ נייעם בוך. איצט, ניט מען פרעגט ביי מיר אַ מיינונג, ניט מען בעט ביי מיר אַן עצה. מען גייט מיך פאַרביי.

בלויז מיט דער צוגעגעסענער פּראַגע: — „איר אַרבעט”? אָדער: — „אַזוי פרי פון דער אַרבעט? ס'האָט זיך שוין אויסגעלאָזט די פּראָס־פּעריטי?”. און אַז איינע האָט מיך שוין יאָ אָפּגעשטעלט, האָט זי מיט אַן איראָניש שמייכעלע אַ פרעג געטאָן: „איר האָט שוין אויפגעגעבן די אַרבעט? אַ סך האָבן שוין געקראָגן דאָס גוטע קוויטל, און לאָזן זיך איצט וואוילגיין. איר מוזט דאָך שוין אַוודאי אויך זיין צווישן די צוויי־און־זעכציקער”.

די גיפטיקע רייד האָבן מיר געשטאָכן ווי מיט שפּיזן. האָב איך מיך אָנגערופן: — ס'פעלט מיר נאָך אַ שיין ביסל ביז פופציק, און איר האָט מיך שוין אַוועקגעשטעלט צווישן די צוויי־און־זעכציקער פאַר עלטער־פּענסיע?

— נו, — זאָגט זי, — האָב איך ניט געטראָפן, — און זי איז אַוועק אַן אַ זיי־געזונט. אָט אַזוי פירט זיך שוין. אויף אַ געפּאַלענעם בוים שפּרינגען ווילדע ציגן.

ביסלעכווייז איז אין מיר אָפּגעשטאָרבן דער פאַרלאַנג זיך שיין אָנצוטאָן. ס'האָט מיך מער ניט געצויגן צו גיין צווישן מענטשן. ס'איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן דער חשק צו לייענען ביכער, כ'האָב זיך דערפילט אויסגעהוילט פון מענטשלעכע שטרעבונגען. כ'האָב געפירט אַן איינזאַם, שטיל לעבן, און געמיינט, אַז אָט אַזוי וועל איך שוין פאַרבלייבן . . .

אין איינעם אַ זונטאָג, ווען איך האָב אין פּאַרק אַרומגעוואַנדערט, ווי אַ פרעמדע, איז מיר אַנטקעגן געקומען אַן אַלטער באַקאַנטער, מיט וועמען איך האָב אַמאָל געאַרבעט אין אַ קלוב. דאָס איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַ שטילער, אַ באַשיידענער, איידעלער, מיט האַר־ציקע, וואַרעמע אויגן. קאַרג אויף אַ וואָרט, אָבער רייך אין שיינקייט. תמיד גרייט געווען צו לויפן אין פייער און אין וואַסער צו ראַטעווען מענטשן פון אונטערגאַנג.

מיט אַ מאָל האָט מען באַמערקט ווי אָט דער מענטש גייט אַרום אַ צעררודערטער, אַליידנדיקער. אָבער זיינע יסורים האָט ער געהאַלטן פאַר זיך. אַן עלנטער, אָן ווייב און אָן קינדער, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט דער אָרגאַניזאַציע און פאַרלאָזט די שטאָט. זיינען אַוועק יאָרן, און מען האָט פון אים ניט געהערט. דעריבער איז די איבערראַשונג געווען אַזוי גרויס, ווען מיר האָבן זיך איצט באַגעגנט.

מיר זיינען געבליבן שטיין איינס אַנטקעגן אַנדערן און ניט געקענט אַ וואָרט אויסריידן. געקומען צו זיך, האָבן מיר זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, אַ ציטעריקער. אין פּאַרק האָט שוין געפרילינגט מיט ווייסן צוויט. יונגע פּאַרלעך האָבן זיך געהאַלטן ביי

די הענט, געלאַכט, געשטיפט, און מיר זיינען אויך פריילעכער געוואָרן. מען האָט זיך צערעדט, און ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אויסגעוועזן אַ וועלט: געזען דעם גרענד קעניאָן, די „ראָקי מאונטעינס״, דעם פּאַסיפיק. אָבער פון אומעטום האָט אַרויסגעשטראָמט נאָגנדיקע, זיסע בענקשאַפט, וואָס האָט אים ניט געגעבן קיין רו . . . ביי די ווערטער האָט ער באַרירט מיין האַנט. איך האָב דערפילט אַ פאַרליבטע, ציטעריק האַרץ.

איך האָב געקוקט אויף מיין באַקאַנטן, און זיך ניט געקענט אָפּ־וואונדערן, וואָס ער האָט זיך פאַר די יאָרן כמעט ניט געענדערט. דאָס זעלביקע ליכטיקע פנים מיטן גוטמוטיקן שמייכל, און דאָס אייביקע ליכט פון טיפער מענטשלעכקייט אין זיינע שוואַרצע אויגן. נאָר זיין געדיכטער קאָפּ האָר איז איצט געוועזן ווייס, ווי שניי.

איך האָב אים דערציילט, אַז באַלד ווי ער האָט אונז פאַרלאָזט, איז מיין מאַן, נאָך אַ שווערער קראַנקהייט, אַוועק פון דער וועלט און מיך איבערגעלאָזט מיט קליינע קינדער אויף גאָט׳ס באַראָט. האָב איך מיט שווערער מי די קינדער דערצויגן און זיי יונג חתונה געמאַכט. אָבער זיי זיינען ווייט פון צו זיין נגידים. אַזוי אַז איך מוז זיי נאָך אַרויסהעלפן מיט מיינע פאַרדינסטן.

אַ ווײַלע האָבן מיר ביידע געשוויגן. דערנאָך האָט ער געפרעגט: „און ווי אַזוי פאַרברענגט איר אייער פרייע צייט?״

„איך היט מיינע אייניקלעך, און לאָז די קינדער גיין פאַרברענגען. זיי זיינען דאָך אַזוי יונג״ — האָב איך געענטפערט.

„אָבער איר זענט דאָך נאָך אויך ניט אַזוי אַלט״, — האָט ער געזאָגט מיט פאַרדראָס אין טאָן. „אַזוי, — נאָכדעם ווי איר האָט זיך אינגאַנצן פאַרצויגן, און יאָרן שווער געפּראַצעוועט, איז דאָס אייער באַלוינונג? געוואָרן אַ „ביאַנקע״ אָדער ווי מען רופט עס: אַ „בעיבי סיטער״? איר, די זינגענדיקע, טאַנצנדיקע לילי — אַ „בעיבי סיטער״ ביי די קינדער? אַ שפּיצל נאָר פון די טייוואָלים צוגעטראַכט״, — האָט ער זיך ניט געקאָנט באַרואיקן. — „טאָ הער, לילי״, — איז ער איבערגעגאַנגען פון „איר״ אויף „דו״. — „איך וועל דיך מאַכן פאַר אויס ׳בעיבי סיטער׳. דו מיט דיינע קאַרשן־אויגן, פּערלדיקע ציין און צוקער־שמייכל, קאָנסט נאָך אויך וויסן פון אַ לעבן צו זאָגן. שבת וועל איך דיך נעמען צו אַ קאָנצערט, און זונטאָג צו אַ שמחה׳לע פון אונזער אַמאָליקער אָרגאַניזאַציע, וואו מיר וועלן ביידע צוריק ווערן טעטיק״.

איך האָב זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, וואָס זיינען געווען האַרציק, אינטים, ווי די באַרירונג פון אַ פריינטלעכער האַנט, און צוגעשטימט.

אויף מאָרגן, ווען צוויי פון מיינע צוויי טעכטער זיינען געקומען מיך

„באַשטעלן" אַלס „בעיבי סיטער", האָב איך זיך אָפּגערופן פּראָסט און פּשוט: „קינדער, איר וועט מוזן געפינען אַן אַנדער „בעיבי סיטער", ווייל איך האָב אויף שבת און זונטאָג אַ „דעיט". מיינע צוויי טעכטער זיינען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער און ניט געגלויבט זייערע אויערן. מיטאַמאָל האָט איינע אַרויסגעפּלאַצט: „איך גלויב עס ניט".

„וואָס האָסטו געמיינט, טאָכטער, אַז איך בין שוין אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא?" — האָב איך זי געפרעגט, און בין אַוועק אין „ביוטי פּאַרלאָר", מען זאָל מיך אויספּוצן. דאָס איז געווען ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך האָב אַריבערגעטראָגן די שוועל פון אַ „ביוטי פּאַרלאָר".

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? מען האָט מיר דאָרט אַזוי אויסגעפּוצט, אַז איך האָב זיך אַליין ניט דערקענט. וואו איז אַהינגעקומען דער טרויער אין מיינע אויגן, דער אומעט פון מיין פּנים? מיינע אויגן האָבן איצט געשטראַלט מיט טיפער פרייד, און די באַקן האָבן געפלאַמט, ווי ביי אַ יונג מיידל. ווען איך האָב אָנגעטאָן אַ ניי צוגעפּאַסט קלייד, און זיך באַטראַכט אין שפּיגל, האָב איך מיינע אויגן ניט געגלויבט, וואָס פאַר אַ שלאַנקע פיגור! די איינגעבויגענע פּלייצע האָט זיך אויסגעגלייכט, און איך בין עפּעס ווי איבערנאַכט העכער געוואָרן!

מיין האַרץ האָט ווידער גענומען זינגען. איך האָב אַפילו געפּרוּווט אַ טאַנץ־טאַן, האָט זיך אין מיר צעבערענט דאָס טאַנצנדיקע פייערל פון גאָר אַמאָל, ווען מיינע פיס האָבן נאָך געטאַנצט פון זיך אַליין. האָב איך געקוקט אין שפּיגל און געטראַכט: — „ניין, קיינער וועט מיר ניט איינ־ריידן, אַז איך בין אַלט" . . .

גליקן פון אַ קאַסטאָמער־פּעדלער

איך זאָגט: „אַ קאַסטאָמער־פּעדלער איז אויך אַ קונץ צו זיין? יעדער איינער קאָן ווערן אַ קאַסטאָמער־פּעדלער". וואָרים, דאַכט זיך, וואָס? מ'נעמט אַ פּעקל סחורה, מען בינדט עס אַרום מיט אַ שטריק, מען טוט דאָס אָן אויף די פּלייצעס, מען קריכט אויף שטיגן ביז'ן „טאָפּ פלאָר", מען קלינגט אָן דאָס גלעקל, און מען פאַרקויפט שמאַכטעס אויף אויסצאָלן.

עס טוט זיך אָבער ניט אַזוי גרינג ווי עס רעדט זיך, מיין פריינט. ערשטנס, דאַרף מען וויסן ווי אַזוי צו „רינגען" אָדער קלינגען, אַז מען זאָל ניט אויפוועקן די בעיבי. אַניט, קאָן אַרויסלויפן די מאַמע און אייך אָפּשפּילן אַ חתונה, אַז איר זאָלט זי האָבן צו געדענקען. מען דאַרף זיך אויסלערנען „רינגען" פּאַוואָלינקע, שטילינקע איינס, צוויי, דריי. עפנט מען די טיר און מ'לאָזט אייך אַריין. טוט איר גליך אַ לייג־אויס אייערע מציאות, דערביי לויבט איר אייער סחורה ביז'ן הימל: „ס'איז דען סחורה? גאָלד מיט זילבער איז דאָס, האַלב אומזיסט . . . "

און ווען די באַלעבאָסטע טענה'ט, אַז זי האָט נאָך די אַלע זאַכן פון איר חתונה, מאַכט זיך ניט הערנדיק. איר דאַרפט איר איינריידן, פאַר־ריידן, צוריידן און איבעררײדן.

איך האָב זיך איינמאָל אַזוי אָנגערעדט מיט אַ קאַסטאָמער, אַז מיר האָט אַזש אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן, אין האַלדז איז מיר געוואָרן אַזוי טרוקן און דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן חלש'ן — אַ מינוט צום טויט.

האָט די באַלעבאָסטע דערזען, אַז איך קאָן מער ניט ריידן, האָט זי מיר דערלאַנגט אַ גלעזל שנאַפּס. אויסגעטרונקען דעם שנאַפּס, האָט זיך מיר גענומען דרייען דער קאָפּ — האָט זי מיר געגעבן אַ גלאָז שוואַרצע קאַווע און איך האָב ווידעראַמאָל גענומען ריידן.

דער סוף איז געווען, זי האָט ביי מיר געקויפט אַ טישטוך פאַר 5 דאָלער אויסצוצאָלן 50 סענט אַ וואָך. אָט דאָס, ברודערל, הייסט אַ קאַסטאָמער־פּעדלער!

היינט ווען איר קומט קאָלעקטן און איר קלאַפּט און קלאַפּט אין טיר

און מען ענטפערט ניט, גייט ניט אַוועק. זעצט זיך צו אויף די שטיגן און וואַרט אַפּ אַ האַלבע שעה. דאַן גיט אַ קלאַפּ אין טיר מיט אַ פינגער, און פּרובירט עפענען די טיר. וועט די באַלעבאָסטע מיינען, אַז ס'איז אַן אייגענער מענטש, און וועט זיך אָנרופן. אָבער אויף דער צווייטער וואָך דאַרפט איר שוין צוטראַכטן אַן אַנדער פּאַרטל.

איך האָב געהאַט איין באַלעבאָסטע, ביי וועלכער איך פלעג קאַלעקטן יעדן דאָנערשטאָג. ווי נאָר זי פלעגט מיך דערזען, האָט זי זיך צעשריען: „מאַי גאָד! ס'איז שוין ווידער דאָנערשטאָג!" איינמאָל איז מיר איינגעפאַלן צו קומען קאַלעקטן מיטוואָך, מאַכט זי צו מיר: „ווען איר וואָלט ניט געקומען וואָלט איך געשוואָרן, אַז ס'איז ערשט מיטוואָך" . . .

און אָט האָב איך געפּאַקט אַ קאַסטאָמער — טויב, ווי די וואַנט!

— וויפיל קאָסט ביי אייך אַ וואַרעמע קאָלדרע? — פרעגט זי מיך הויך אויפן קול, ווי איך וואָלט גאָר געווען דער טויבער.

— אַ קאָלדרע — זאָג איך — קאָסט 3 דאָלער.

זי: האַ?

איך: דריי מיט אַ קוואָדער!

זי: וואָס האָט איר געזאָגט?

איך: דריי מיט פּופּציק!!!

זי: איר וועט נעמען 4 דאָלער?

ביי אָט דער טויבער האָט געוואוינט אַ באָרדער, האָב איך אים פאַרקויפט אַ גאַרניטור מיט אַ מאַנטל. ווען איך בין געקומען קאַלעקטן, האָט שוין אויף מיר געוואַרט אַ פינפערל.

ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביי די לעצטע פינפערלעך, האָב איך זיך גענומען בעטן ביי אים, אַז ער זאָל זיך קויפן אַ זייגער, אַ פינגערל, אָדער וואָס ניט איז. אָבער ער האָט זיך איינגעשפּאַרט: איינמאָל ניין. ס'האָט מיך פּשוט געריסן ס'האַרץ, וואָס איך פאַרליר אַזאַ טייערן קאָסטאָמער.

ביים סאַמע לעצטן פינפערל זע איך, מיין בחור איז מלא שמחה. ער האָט געקראָגן אַ מיידל, זאָל איך אים ברענגען, טאַקע באַלד מאָרגן, אַ דימענטן־פינגערל, אָבער ניט קיין צו טייערס, ווייל ער וויל ניט אַריינקריכן אין אַ צו גרויסן חוב. מאַלע, וואָס דו ווילסט ניט, טראַכט איך מיר, איצט ביסטו שוין ביי מיר אין די הענט . . . און איך בין אַוועקגעלאָפן צו מיין דזשולערימאַן און איך קלייב אויס אַ פינגערל פאַר דריי הונדערט דאָלער.

געקומען אויף מאָרגן צו מיין חתן־בחור, אַז ער וויל גאָר ניט זען און ניט הערן!

— וואָס מיינט איר? — זאָגט ער. — איך בין אַ מיליאָנער? איך בין אַן אָרעמער אַרבעטער. דריי הונדערט דאָלאר אַ רינג?!

— נאַרישער מענטש! — זאָג איך צו אים — אַ דימענט איז דאָך ווי געלט אין באַנק. חלילה אין אַ נויט, פאַרזעצט מען ס'רינגל און מען נעמט דערפאַר אַ פּאָר דאָלער.

בקיצור, קוים מיט צרות, מיט אַנגסטן, איך האָב אים איבערגערעדט...

אויף דער צווייטער וואָך, איך קום קאָלעקטן, זאָגט מען מיר אָן אַ בשורה, אַז דער חתן מיינער איז אַוועקגעפאָרן קיין אייראָפּע.

— וואָס הייסט ער איז אַוועקגעפאָרן קיין יוראָפּ? און דאָס מיידל?

— וואָס פאַר אַ מיידל. ער האָט אַ ווייב מיט קינדער, איז ער געפאָרן אַהיים צו זיי.

פונדעסטוועגן, זאָג איך, אַז וויפל מען זאָל ניט האָבן האַרץ־קלעמעניש און צרות, איז קאַסטאָמער־פּעדלעריי פּאַרט אַ ביזנעס . . . אַט, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך אָנגעהויבן ס'פּעדלעריי אָן אַ פּעני געלט. פונדעסטוועגן האָט ניט גענומען קיין יאָר צייט בין איך שוין שולדיק געווען אין די סטאָרס דריי טויזנט דאָלער!

וואָס איז געוואָרן פון דעם? גאָר ניט! די אַסאָסיאיישאָן פון די האָלסיילערס האָט צעשיקט בריוו צו אַלע אירע מיטגלידער, אַז מען זאָל מיר מער ניט באָרגן קיין סחורה. נאָכדעם זיינען זיי מיך באַפאַלן ווי די היישעריקן, ביי מיר צוגענומען אַלע קאָנטראַקטן מיט די אַדרעסן פון מיינע קאַסטאָמערס און מיך געמאַכט פאַר אויס קאַפּעליושמאַכער.

וואָס איך טו איצט? — ווילט איר דאָך אַוודאי וויסן — וואָס זאָל איך טאָן? גאָרניט טו איך. איך אַרבעט.

איך בין געוואָרן אַן אַרבעטער.

אַ פּאַרקילונג

ווי לאַנג איך הוסט שוין? לאַנג גענוג. איך כאַפּ זייער לייכט אַ פאַרקילונג. און שוין אַזוי עטלעכע יאָר. ס'ווייזט זיך מיר אויס, ווען איך הער אויף מיטאַמאָל צו הוסטן, וואָלט מיר שוין עפּעס אויס־געפעלט. מילא בייטאָג, איז נאָך צו דערליידן, אָבער די נעכט איז גאָרניט אויסצוהאַלטן. ווי נאָר איך כאַפּ איבער דעם ערשטן שלאָף, איז ווי עמיצער וואָלט מיך אַ טאָרע געטאָן: „שטיי אויף, שוין צייט זיך נעמען צום הוסט". נאָך אַ גליק, וואָס מיינע איז טויב ווי די וואַנט. שלאָפט זי אָפּ די נאַכט און איך האַק האָלץ . . . אינדערפרי פרעגט זי מיך, ווי ס'איז מיר געגאַנגען די נאַכט.

— אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן, — ענטפער איך איר, און פאַרהוסט זיך טאַקע באַלד מיט אַזאַ קראַפט, אַז ס'שפּאַלט זיך די סטעליע.

מיינע גלויבט, אַז אַ הוסט דאַרף מען פאַרגיסן. גיסט זי מיר טאַקע גאָלד אין האַלז. אינדערפרי גיט זי מיר אַ גאָגל־מאָגל, נאָך דעם פלוימען מיט „סוויט־קרים"; נאָך די פלוימען — קאַשע, ווידער מיט „סוויט־קרים". און אין דער קאַווע גיסט זי מיר ערשט אַריין אַ האַלבע גלאָז „סוויט קרים". אויף ביינאַכט שטעלט זי אַוועק לעבן מיין בעט אַ הייסע פלאַש מילך מיט פּוטער און האָניק, אָדער איבערגעזאָטענע פייגן מיט מילך און קאַנדל־צוקער, אָדער גאָר הייסן טשאָקאָלאַד. אָבער וואָס מער זי גיסט מיר גאָלד אין האַלז, אַלץ מער דושעט עס מיך, און ס'איז מיר שווער צו אָטעמען. סאָפּע איך ווי אַ גאַנדז און קוים וואָס איך שלעפּ מיט די פיס.

איך ברעך זיך דעם קאָפּ: פונוואַנען קומט צו מיר אַ פאַרקילונג? אַז היטן היט איך זיך פאַר אַ קיל ווינטעלע, ווי פאַר פייער! און אָנגעטאָן בין איך וואַרעם. קיין פענצטער לאָז איך ניט עפענען ביי מיר אין הויז, ניט זומער און ניט ווינטער. וואָרים, גיט נאָר אַ בלאָז אויף מיר אַ קיל ווינטל. בין איך אַ געקוילעטער. איך פאַרהוסט מיך אַזוי, אַז איך פיל ווי אַלץ אינעווייניק אין מיר רייסט זיך אויף. היט איך זיך. באַלד נאָך סוכות טו איך אָן וואָלענע אונטערוועש. אַ העמד מיט לאַנגע אַרבל.

די אונטערהויזן אויף לאַנגע ביז די קנעכל. אונטערן אויבערשטן העמד טראָג איך אַ סוועטער און אונטערן רעקל — אַ וואַטאָווע זשילעט. די פּיס האַלט איך וואַרעם, טראָג וואָלענע זאָקן, סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט. אָט־די אַלע וואַרעמע זאַכן גייען מיר ניט אַראָפּ פון לייב ביז נאָך שבועות.

און אפשר מיינט איר, אַז איך נעם הייסע בעדער און נאָך דעם פּאַרקיל איך זיך? קאָן איך אייך שווערן, אַז איך זאָל אַזוי ריין זיין פון שלעכטס, ווי איך בין ריין פון בעדער. און דאָך בין איך פאַרקילט. כאָטש אויף לופט גיי איך ניט.

מיין גאַנצער גאַנג איז פון הויז צום סטעישאָן און פון סטעישאָן צום שאָפּ. און דאָך בין איך פאַרקילט.

פון שאָפּ איז דאָך אָפּגערעדט. ס'איז דאָרט הייס ווי אין אַ שוויץ־באָד. אַלע פענצטער פאַרהאַקט. פון די פּרעס־אייזנס זעצט אַ פּאַרע, איז דאָרט די לופט געדיכט, כאָטש שנייד מיט אַ מעסער. דאָך הוסטן און ניסן אַלע. ווער ס'הוסט מיט אַ טרוקענעם הוסט, ווער מיט אַ כריפּ און מיט אַ קוויטש. איינער קאַכיקעט, ביי אַנדערע זיינען פאַרלייגט די נעזער און זיי ניסן און מ'ווינטשט זיי צו „געזונטהייט". און פאַרגלוסט זיך איינעם פרישע לופט און ער עפנט אַ פענצטער, איז הימל עפן זיך! ס'ווערט אַ הוסטעריי און אַ ניסעריי, אַז מען דאַרף זיי אָפּטרעטן דעם שאָפּ. מאַכט מען צוריק צו ס'פענצטער, און עס שטילט זיך איין דאָס הוסטן מיטן ניסן. ס'הערט זיך נאָר דאָס קאַכיקען פון איינעם, דאָס קאַכיקען לאָזט אים ניט אָפּ אויף קיין מינוט. ס'איז נאָך ערגער ווי אַ געוויינלעכער הוסט. אַ געוויינלעכער הוסט, הוסט איר זיך אויס און ס'לאָזט אייך אָפּ אויף אַ אַ ווײַלע. אָבער מיטן קאַכיקען, איז אַ מעשה אָן אַן עק.

פאַרוואָס איך גיי ניט אַריין צו אַ דאָקטאָר? וואָס וועט מיר דער דאָקטאָר טאָן? אָפּשפּרעכן אַ גוט אויג? איך בין שוין איינמאָל געווען ביי אַ גרויסן דאָקטאָר, וואָס נעמט צען דאָלער פאַר אַ וויזיט. האָט ער מיך אויסגעהערט מיט צוויי טרובקעס, מיר אויסגעקלאַפּט אַלע ביינער, מיר געהייסן נאָכאַנאַנד ציילן: „איינס, צוויי, דריי" און מיר געזאָגט: „איר דאַרפט זיך אַריבערקלייבן קיין פלאָרידאַ. דאָרט איז תמיד וואַרעם, וועט איר ניט הוסטן".

גרינג צו זאָגן, זיך אַריבערקלייבן. גיי צעברעך זיך, פאַרקויף אַן אייגענע הייזקע, גיב אויף אַ שטענדיקע שטעלע און הויב אָן ווידער פון דאָס ניי. און מיט וואָס בין איך באַוואָרנט, אַז אין פלאָרידאַ וועל איך ניט הוסטן? אָט איז דאָך זומער דאָ אויך וואַרעם. נו, הוסט איך ניט?

זאָג איך צום דאָקטאָר: „וואָס טויג מיר וואָס איר ווייזט מיר אָן,

וואו אַ גוטער איד וואוינט? איר גיט מיר בעסער אַן עצה, ווי אַזוי איך זאָל מיך פאַרהיטן פון אַ פאַרקילונג, וועל איך פאַרשפּאָרן זיך אַריבער־קלייבן קיין פלאָרידא״. שמייכלט ער און לייגט אַריין די צען דאלער אין קעשענע. זאָגט איר: גיין צו אַ דאָקטאָר!

לעצטנס איז מיר צוגעקומען נאָך אַ צרה. מיין ווייב האָט געקראָגן אַ שוואַך האַרץ. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז איר האַרץ קאָן זיך אָפּשטעלן צו יעדער מינוט. זי טאָר ניט אַרבעטן שווער און מוז האָבן אַ סך פרישע לופט. עפנט זי ביינאַכט ס׳פענצטער, ווער איך שיעור ניט דערשטיקט. מאַך איך צו ס׳פענצטער, קאָן זי ניט כאַפּן דעם אָטעם. איז טאַקע, נעבעך, אויף איר אַ רחמנות. ס׳איז דאָך אָבער אויף מיר אויך אַ רחמנות!...

צווייטער טייל

דערציילונגען

פאַרשיידענע מאַמעס

ס'זיינען דאָ פאַרשיידענע מאַמעס. פאַראַן מאַמעס, וואָס פאַרנאַכלעסיקן זיך אינגאַנצן, צוליב זייערע קינדער, און עס זיינען דאָ מאַמעס, וואָס לייענען, פאַרשן, זוכן, פירן באַוועגונגען, העלפן פלאַסטערן אַ שיינעם וועג פאַר דער צוקונפט פון זייערע קינדער און דער גאַנצער מענטשהייט.

עס זיינען דאָ מאַמעס, וואָס שיקן אַוועק זייערע קינדער אין די מואוויס, כדי זיי אַליין זאָלן קאָנען שפּילן אין קאָרטן. און עס זיינען דאָ מאַמעס, וואָס דאַרפן פאַר זיך גאָרנישט און גיבן אַלץ אַוועק די קינדער. דאָס פלייש גיט מען די קינדער און פאַר זיך לאָזט מען איבער די ביינדלעך. די קינדער גייען שיין אָנגעטאָן, פאַרברייננגען מיט פריינט אין „פאַרלאָר״, און די מאַמע זיצט אין קיך. די קינדער גייען צו טעאַטער־פאַרשטעלונגען, קאָנצערטן, זומער באָדט מען זיך אין ים, און די מאַמע היט די טעפּלעך און באָדט זיך אין שוויס. די קינדער פון אַזעלכע מאַמעס מיינען. אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן נאָר פאַר זיי.

אַנדערע מאַמעס באַווייזן צו טראַכטן אויך וועגן זיך, פאַרן אַמאָל אויף וואַקאַציע מיט זייערע קינדער, קליידן זיך, קוקן אַמאָל אַריין אין שפּיגל און דאָך ווערן זיי הויך געשעצט פון זייערע קינדער.

עס זיינען דאָ מאַמעס, וואָס זיינען אויף דער עלטער געוואָרן ניאַנקעס ביי זייערע שניר און טעכטער. צוליב דעם דוחק אין דירות וואוינט מען ביי די עלטערן. דאָס יונגע ווייבל לאָזט זיך וואוילגיין, שלאָפט שפּעט, דאַן זיצט זי אַ פוס איבער אַ פוס, רויכערט אַ סיגאַרעטל און עס אַרט איר ניט, וואָס די מאַמע, צי די שוויגער שלאָגט זיך אַרויס פון די כחות.

— וואָס זענט איר אַזוי פאַרעלטערט געוואָרן? — האָב איך געפרעגט אַ באַקאַנטער. וואָס האָט געשטופּט אַ קינדער־וועגעלע?

— איך וויל שאַנעווען מיין טאָכטער, בין איך פאַרמאַטערט. וואָרים איך בין דאָך ניט ווי איר, שוויגער, וואָס זאָגט: „חתונה געמאַכט אַ קינד, איז ווי אָפּגעשניטן אַ שטיק ברויט״, ענטפערט זי.

איך טראַכט אויך וועגן די מוטערס, וואָס האָבן אַלץ מקריב געווען און

אויפגעצויגן זייערע קינדער, אַז עס האָט זיי ניט געפעלט קיין „פויגל־מילך”. דאָך זיצט נאָך די אַלטע מאַמע אַלץ אין שאַפּ, איינגעבויגן איבער דער מאַשין און פראַצעוועט, אַבי ניט אַנצורירן די קינדער. אַנדערע מאַמעס, פאַרקערט, פאָדערן פון זייערע קינדער, זיי זאָלן זאָרגן פאַר דער מאַמען. און אויב עס העלפט ניט מיט גוטן, שלעפּט די מאַמע די קינדער אין געריכט. אַזעלכע מאַמעס טענה'ן, אַז עס קומט זיי! די קינדער מוזן באַצאָלן פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן אָפּגעקאָסט!

איך קען מאַמעס, וואָס פאַרשעמען זייערע קינדער פאַר פרעמדע מענטשן, אפילו ביי זיך אין הויז. ווי נאָר ס'קומט אַריין אַ פרעמדער מענטש, נעמט די מאַמע פאַרקלאָגן אירע קינדער פאַר'ן גאַסט:

—טעמי איז אַ „דאָמבעל” — אַ טיפּוש, הייסט עס: שוין דריי מאָל געבליבן אין דעם זעלביקן קלאַס; אָדער — סערקע איז נאָך קיין פערצן יאָר ניט אַלט און לויפט שוין אַרום מיט אינגלעך. זי האָט מורא זי זאָל ניט פאַרזעסן ווערן.

אַזאַ מאַמע שרייט, שעלט, זידלט די קינדער, און דערנאָך וואונדערט זי זיך פאַרוואָס „ביי לייטן” האָבן קינדער דרך־ארץ פאַר טאַטע־מאַמע און אירע קינדער — ניט, און זייגען שטענדיק אָנגעשטויסן אויף איר.

און אָט דערציילט מיר אַ מאַמע, אַז זי האָט אַ זייער געראָטן מיידעלע, לאה'לע הייסט זי. ערשט זעקס חדשים אַז זי נעמט פּיאַנאָ־לעקציעס, און זי קאָן שוין אויסשפּילן אַ לידל מיט איין פינגער. די צרה, זאָגט זי, איז מיטן עסן. לאה'לע וויל ניט עסן, סיידן די מאַמע רופט אַריין די „נעקסט־דאָריקע” מיידעלע.

ציפּע, הייסט זי, דער שכנה'ס מיידעלע. נו, האָט לאה'לע ליב צו זען, ווי ציפּע שטעלט זיך אויפן קאָפּ. און וואָס טוט ניט אַ מאַמע, אַז דאָס קינד זאָל עסן? „גיב איך”, זאָגט זי, „ציפּע'ן אַ ניקל, און זי שטעלט זיך אויפן קאָפּ, ביז מיין לאה'לע עסט אָפּ”.

פאַראַן, ווי איר זעט, אַלערליי מאַמעס. ס'איז ניט קיין קונץ צו ווערן אַ מאַמע. ס'איז אָבער אַ גרויסע קונסט אָנצוהאַלטן די חשיבות און די ווירדיקע ראָלע פון אַ מאַמע . . .

אַן אַלטע מאַמע

זי איז געזעסן אויפן גרין־גראָז אַרום דער „אַפּרו־היים פאַר אָרעמע שוואַכע פרויען" און געוואַרעמט די אַלטע, קראַנקע ביינער אַנט־קעגן דער זון. געווען איז זי אַ קליין־געוויקסיקע, אויסגעדאַרטע, אויסגע־טריקנטע אידענע, מיט אַ קאָפּ פול מיט גרייז־גרויע האָר, אַזוי, אַז טאָמער איז צוגעקומען אַ נייע, גרויע האָר, איז שוין פאַר איר קיין אָרט ניט געווען.

לעבן דער אַלטער איז געזעסן אַ מיטל־יאָריקע פרוי מיט פאַרמאַכטע אויגן, און מיט אַ פּנים, וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פון פאַרטריקנטער ערד. זי האָט זיך אויך געלאָזט גלעטן פונם סאַמעטענעם ווינטעלע און דער ליבער זון.

— ווי לאַנג זייט איר שוין דאָ? — האָט די פרוי געפרעגט ביי דער אַלטער און נאָך אַלץ געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן.

— מען זאָל זיין געזונט, ווערט מאָרגן פיר וואָכן. מען האָט מיך אַהער געשיקט פון שפּיטאָל, וואו איך בין געלעגן פאַר אַן אָפּעראַציע. איז געקומען דער הויפּט־דאָקטאָר און געהייסן, אַז פריער זאָל איך פאָרן אין אַ „קאַנטרי" צו געווינען כאָטש אַ צוויי פונט, ערשט דאַן וועל איך קאָנען גיין אונטער׳ן מעסער.

— וויפיל זשע האָט איר שוין צוגעקראָגן אין די פיר וואָכן?

— ווער רעדט פון צוקריגן! איך פאַרליר גאָר דאָ אַלע וואָך אַ האַלב פונט. די וואָך האָב איך שוין פאַרלוירן אַרום דריי פערטל פונט. וואָס איז דער חידוש? אַז די וואונדן אינעווייניק לאָזן מיך ניט אָפּ; די הענט מיט די פיס דרייען און מיין הוסט קאָן מען אויך ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. בייטאָג איז נאָך צו דערליידן, קומט אָבער איינמיטן נאַכט, איז ווי אימיצער וואָלט מיך אַ טאָרע געטאָן און געזאָגט: „שוין צייט זיך נעמען צום הוסט!". האַק איך האַלץ ביז טאָג און לאָז די אַנדערע קראַנקע אויך ניט שלאָפן. ס׳הייסט: זאָגן, זאָגן זיי גראָד גאָרניט, נאָר מען האַלט אין איין קרעכצן אין קאָפּ אַריין . . . נעכטן איז צוגעקומען אַ ווייבעלע מיט אַן אוירינגאל . . . איז זי זיך מיישב און מסר׳ט מיך, אַז איך הוסטביי־נאַכט . . . אַ מכשפה קאָן! . . . האָט מען מיך צוזאַמענגעפּאַרט מיט נאָך אַ הוסטערקע, און זי וועט מיר שוין געבן די וועלט צו זען! . . .

דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן מיט צוויי ווייבער, וואָס רעדן פון שלאָף, און מיט נאָך צוויי, וואָס כראָפּען, אַז כאָטש טרעט זיי אָפּ די שטוב. און וואָס איז אייך?

— מיר איז גאָרניט. איך האָב בלויז פאַרלאָרן דעם שלאָף . . . בין געקומען אַהער צו באַרואיקן די נערוון.

— און דאָ שלאָפט איר?

— דאָ וואָלט איך גראַד געשלאָפן. די לופט פאַר'שיכור'ט מיך. זיינען אָבער דאָ אין מיין צימער צוויי יונגע מיידלעך: וויינט איינע פון שלאָף און די צווייטע ליידט פון אַ שוואַכן „בלאַדער" . . . מוז זי גיין עטלעכע מאָל אַ נאַכט און האָט מורא צו גיין אַליין . . . איז ווי נאָר איך דערהער, אַז זי דרייט זיך, בין איך שוין אויף די פיס. „קום טאָכטער", זאָג איך צו איר. „איך דאַרף אויך גיין . . . אויף איין פור וועט אונז קאָסטן ביליקער".

— איר פאַרדינט אַ גרויסע מצווה. עפּעס אַ קלייניקייט! זי וואָלט נאָך מער קראַנק געוואָרן, ווען איר האָט אויף איר ניט קיין רחמנות.

—וואָס קומט מיר אַרויס פון די מצוות, אַז אַ גאַנצן טאָג קאָן איך די אויגן ניט עפענען. און אין דערהיים מאַטערט זיך דערווייל דער מאַן מיט די קינדער. אַלע טאָג רופט ער מיך אויפן טעלעפאָן. ער וויל וויסן צי איך קאָן שוין שלאָפן.

— נאָך גוט וואָס איר האָט אַ מאַן, אַ פריינט, וואָס זאָרגט זיך פאַר אייך. איך האָב אויך געהאַט אַ גוטן מאַן. געוווען ביי אים אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. קיין שטויבעלע האָט ער אויף מיר ניט געלאָזט פאַלן.

— פון וואָס זייט איר געוואָרן קראַנק?

— מע אַרבעט זיך אויס ווי אַ מאַשין. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס אַ מאַשין אַז זי הויבט אָן קרעכצן, אוילט מען זי אָן, מע שטעלט אַריין נייע זייטלעך, אַ רעדל, אַ שרויף, אַ רימען, און ס'איז ווידער אַ כלי. אָבער אַ מענטשן לאָזט מען אַזוי לאַנג קרעכצן, ביז ער ווערט אינגאַנצן צעבראָכן.

— און קינדער האָט איר?

— איך האָב, זאָלן געזונט זיין, פינף קינדער. אַלע אויסגעגעבענע: דריי טעכטער און צוויי זין. אַוועקגעלייגט פאַר זיי מיינע כחות, ווי אַלע מאַמעס: ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן, זיך ניט פאַרגונען דאָס לעבן, ביז איך האָב זיי געמאַכט פאַר מענטשן. און איצט, אַז איך בין קראַנק און צעבראָכן, איז זעלטן ווען איך הער פון זיי. צו וואָס דאַרף מען אַן אַלט פערד?

— מיין עלטסטער זון איז אַ לאָיער און אַרבעט אין וואַשינגטאָן. זיין ווייב מיט די קינדער וואוינען אין ניו־יאָרק. איז אַלע מיטוואָך און דאָנערש־

טאָג אָדער ער קומט אין זיין אויטאָמאָביל אַהער, אָדער זי מיט איר אויטאָמאָביל פאָרט אַהין. אויף אַלץ טראָגט זיי. אָבער שיקן דער מאַמען אַ פּאָר סענט, איז ניטאָ קיינער אין דערהיים. — צו וואָס איך דאַרף דאָס געלט? אמת, מע גיט דאָ עסן און טרינקען אומזיסט . . . אָבער, אַז מען איז שוואַך, ווילט זיך קויפן אַ פּרוכט, אַ קיכל, צו דערקוויקן דאָס פאַר־חלש׳טע האַרץ.

— מיין צווייטער זון אַרבעט פאַר דער „וו. פּ. א.“ פון זיינע פאַר־דינסטן קאָן דער קאָפּ האַרט ווערן. דאָך האַלט ער מיך ביי זיך. מיר פעלט ניט פון פויגל־מילך . . . און זינט איך בין קראַנק, שיקט ער מיר אין יעדן בריוו אַ קוואָדער און איך שיק דעם קוואָדער צוריק. איך האָב קיין האַרץ ניט זיך אַנטאָן אַ ראַסקאָש פאַר זיין פאַרהאָרעוועט געלט. אין זיינע קינדערלעך איז מער מצווה. און פון מיינע טעכטער איז אָפּגערעדט. מען שפּילט „ברידזש“, אויף וואָס די וועלט שטייט . . .

די אַלטע איז אַנטשוויגן געוואָרן און אירע רויטע אויגן זיינען געוועןפייכט פאַרצויגן ווי מיט אַ טרער.

אַ קילער פאַרנאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די ווייסע קאָטעדזשעס פון דער אָפּרו־היים, מיט אַ וואונדערלעכן געמיש פון ליכט און שאָטן.

ס׳האָט זיך דערהערט דער גלאָק, וואָס זאָגט אָן „מעיל“ פאַר די „פּאַ־ציענטן“. פון אַלע ווינקעלעך האָט מען זיך געלאָזט לויפן צום אויפנאַם־צימער, וואו מ׳האָט פאַנאַנדערגעטיילט די בריוו.

ווען די אַלטע איז אַריין, האָט די אויפזעערין איר דערלאַנגט אַ פּעקל און אויסגערופן: „פראָם וואַשינגטאָן, די. סי“.

„אוי!“, האָט די אַלטע פריידיק אויסגעשריען. „פון מיין עלטסטן זון! אַ געזונט אין זיין קאָפּ“ . . .

* * *

מיט ציטערנדיקע הענט האָט די אַלטע צעעפנט דאָס פּעקל און געפונען אַ שאַכטל שאָקאָלאַד מיט אַ ביזנעס־קאַרטל, אויף וועלכן ס׳איז געווען געדרוקט אין ענגליש „מאָדערס דעי גריטינגס“—גרוסן צו מוטער׳ס טאָג.

„אַיין איינציקע שורה, און אפילו קיין איינציק וואָרט ניט צוגעשריבן מיט זיין אייגענער האַנט“. די ווערטער האָבן זיך שטיל און טרויעריק געצויגן פון דער אַלטער׳ס ליפּן.

ווי אַ פאַרגליווערטע איז די אַלטע נאָך לאַנג געזעסן אין צימער און געקוקט מיט שטאַרע אויגן אויף דעם שאַכטל שאָקאָלאַד, וואָס איר זון, דער לאָיער, האָט איר געשיקט אויף „מאָדערס דעי“.

צוויי מאַמעס

ווען שלמה איז געקומען פון בית־עולם, וואוהין ער האָט באַגלייט זיין צווייטע פרוי צו איר אייביקער רו, האָט ער זיך געזעצט שבעה. זיין שטוב האָט איצט באַקומען נאָך אַ יתום, צו די צוויי יתומים וואָס ער האָט געהאַט פון זיין ערשטן ווייב. אַ שטילער טרויער האָט זיך געשפּרייט אין יעדן ווינקעלע פון הויז, אַ טרויער פון וועלכן מען קאָן ניט רעדן. שלמה האָט געטראַכט: צוויי יונגע לעבנס האָט דער טויט פאַרשניטן אין דעם הויז. יעדער פון די צוויי האָט אַזוי העל געלויכטן און אַזוי פרי זיך אויסגעלאָשן. „עפּעס אַ קללה הייגנט אויף דעם הויז״ . . .

אַ קינדערלאָזע מומע האָט צוגענומען צו זיך די צוויי מיידעלעך פון ערשטן ווייב, צו דערציען זיי ביי זיך. און דאָס אינגסטע קינד, אַ אינגל פון זעקס יאָר, האָט דער פאָטער געהאַלטן מיט זיך. מיט דעם קינד האָט ער זיך ניט געקאָנט שיידן. עס איז געווען פון דעם צווייטן ווייב, וואָס שלמה האָט זי זייער ליב געהאַט. מענטשן האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי ער האָט געקושט איר מצבה.

דאָס אינגל איז געווען אינגאַנצן געראָטן אין דער מוטער. ער האָט געהאַט גרויסע, ברוינע אויגן, אונטער לאַנגע ברוינע וויעס, און געדיכטע ברוינע לאָקן. אפילו טיפע גריבעלעך אין די באַקן האָט ער געהאַט, ווי זיין מאַמע׳ס.

שלמה איז געווען אַ מאַן אין די שפּעטע פערציקער — אַ הויכער, מיט אַ מאַסיוון קערפּער און ברייטע פּלייצעס. זיין פּנים, כאָטש עטוואָס געראַנצלט, איז אָבער געווען זוניק־ברוין און פריש. זיינע טיפע, שוואַרצע, קלוגע אויגן און זיין גוטמוטיקער שמייכל האָבן פאַר אים געוואונען די ליבע און אַכטונג פון מענטשן.

שלמה איז געווען באַשעפטיקט אַלס דעזאַינער אין אַ גרויסער קליידער־פאַבריק, וואו עס האָבן געאַרבעט אַרום הונדערט מיידלעך. צווישן די אַלע מיידלעך, האָט זיך לילי אויסגעטיילט מיט איר שיינקייט און נאַאיוון פּנים. איז זי דורכגעגאַנגען דעם שאַפּ, האָט מען ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון איר עלעגאַנטער, שלאַנקער פיגור. שלמה האָט לאַנג געטרויערט נאָך זיין צווייטער פרוי, אָבער די צייט וואָס היילט אַלע וואונדן, האָט אויך ביסלעכוויז געלינדערט זיין ווייטיק.

אײנמאָל האָט ער אײנגעלאַדן ליליען צו גײן מיט אים אין טעאַטער. זי האָט מיט פרײד אָנגענומען זײן אײנלאַדונג. פון דאַן אָן פלעגט מען זײ שױן אָפט זען אויף אַ קאָנצערט, אָדער אין אַ רעסטאָראַן. אײן אָװנט, װען שלמה האָט באַגלײט ליליען אַהײם, האָט ער זיך אַביסל לײנגער אָפּגעשטעלט לעבן איר הויז. ער האָט איר טיף אַרײנגעקוקט אין די אויגן און פּשוט זי געפרעגט: „לילי, ביסט אַ פײן מײדל, װאָלסט געװאָלט מיט מיר חתונה האָבן?" זײן קול איז געװען האַרציק־אינטים, װי די באַרירונג פון אַ פרײנטלעכער האַנט. לילי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און דאָס פּנים האָט זיך בײ איר פאַרצויגן מיט אַ רויטלעכן קאָליר.

װען שלמה האָט געבראַכט ליליע׳ן צו זיך אַהײם, האָט ער זי געפירט איבער די צימערן פון זײן פּריװאַטער הײם, מיט דער עלעגאַנטער אויס־שטאַטונג, און זיך אָפּגעשטעלט לעבן זון׳ס שלאָף־צימער. „דאָס איז לאַרי, — האָט ער פאָרגעשטעלט דאָס אינגל פאַר ליליע׳ן, — און זי זאָלסטו רופן מאַמע" — האָט ער געזאָגט צום זון, מיט װײכקײט אין טאָן. „אָבער זי איז דאָך נישט מײן מאַמע" האָט דאָס אינגל פּראָטעסטירט.

„נו, שאַ, קינד — האָט לילי געגלעט דאָס אינגל. — קאָנסט מיך רופן לילי".

לילי האָט ליב געהאַט קינדער, האָט זי זיך באַלד צוגעבונדן צו לאַרי׳ן, און ער, מיט זײן קינדערשער גרײטקײט צו געװינען פרײנט, האָט זיך אויך צוגעקלעפּט צו איר.

יעדן פרימאָרגן פלעגט לילי אים פירן אין סקול און גײן אים נעמען צוריק אַהײם. ער פלעגט איר שױן לויפן אַנטקעגן מיט קינדערשער פרײד: „לילי, ענאַדהער סטאָר". לילי האָט די שטערנדלעך געקליבן, װי מען קלײבט טײערע קאָרעלן און זײ געװיזן דעם מאַן און אויך פרײנט, װאָס האָבן באַזוכט זײער הויז.

אײן פרימאָרגן, װען לילי האָט געפירט לאַרי׳ן אין סקול, האָבן זיך שכנים איבערגעװאָרפן מיט רײד: — „װאָס זאָגט איר עפּעס אויף מיסטער בוירגער׳ס נײע װײב? די מענער האָבן דאָך קײנמאָל ניט קײן היזק (העזיק). באַגראָבן שױן צװײ װײבער און װידער חתונה געהאַט. און נאָך מיט אַזאַ יונג בלוט און מילך . . . — איך געדײנק, װען ער האָט געקויפט דאָס הויז, װי די ערשטע װײב האָט געפלאַנצט דעם גאָרטן. אַלײן פאַר־זעצט בוימער און בלומען, װאָס בליען נאָך ביז הײנט. אפילו פאַרהאַנגען פאַר די פענצטער האָט זי אַלײן געשטריקט. געהאָרעװעט טאָג און נאַכט און ניט אָנגעקוקט די ליכטיקע שײן. דערפאַר האָט ער שױן געשאָנעװעט די צװײטע. איר ניט געגלויבט די טריט, אפילו אַן אויטאָמאָביל האָט ער איר געקויפט . . .?

— אַ נייעס אין שטעטל! ווער ווייסט דאָס ניט, אַז די צווייטע ווייב האָט אַ גאָלדן לייב? מען זאָגט, אַז זי האָט געהאַט אַ שוואַך האַרץ. נו, זאָל שוין די זיין ביי אים אויף לאַנגע יאָר. זעט זיך אָן אַ לייטישע און היט אָפּ דעם יתום, ווי ס׳איז איין קאָפּ.

— נו, וועט איר דערפאַר גאָט העלפן אייגענע קינדער.

אָבער קיין אייגענע קינדער האָט לילי ניט געהאַט. האָט זי געציטערט איבער לאַרי׳ן, און דער מאַן האָט געציטערט איבער איר, געקוקט איר אין די אויגן און געווען גרייט איר נאָכצוגעבן יעדן פאַרלאַנג.

לאַרי איז געוואַקסן, שיין און געזונט ווי אַ בוים. און ווען ס׳איז געקומען די צייט פון זיין ענדיקן פּאַבליק סקול, האָט זיך איבער׳ן שטוב אַ יום טוב געשפּרייט. לילי האָט פאַר דעם אינגל איינגעקויפט נייע מלבושים און מיט ליבשאַפט זיי אויסגעלייגט פאַר אים אָנצוטאָן.

— „היינט גייען מיר צו לאַרי׳ס גראַדיועישאַן״, האָט לילי געזאָגט צום מאַן, אין דער פרי, ווי נאָר ער האָט געעפנט די אויגן.

— איך קאָן נישט — מען דאַרף היינט אַרויסשיקן סעמפּלס — האָט דער מאַן זיך געבעטן ביי לילי׳ן. גיי אַליין, קינד, איך וועל שוין מיט דיר גיין, ווען לאַרי וועט ענדיקן האַי־סקול, קאַלעדזש, מעדיקל־סקול. אונזער לאַרי וועט זיין אַ דאָקטאָר! האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט אין טאָן...

אָבער שלמה האָט שוין ניט דערלעבט די צווייטע גראַדואירונג. לילי איז אַליין געווען ביי אַלע גראַדואירונגען — ביז לאַרי האָט פאַרענדיקט לאָא־סקול. זי האָט מיט זיינע דיפּלאָמעס אויסגעצירט איר צימער און זיך אין זיי געשפּיגלט, ווי אין אַ גילדן פינגערל.

לאַרי האָט נאָכ׳ן פאָטער׳ס טויט דערפילט אויף זיך די אחריות פול־מאַכן ליליע׳ס איינזאַם לעבן. פלעגט ער זי מיטנעמען צו פאַרשטעלונגען, קאָנצערטן און מיט שטאָלץ זי פאַרגעשטעלט פאַר זיינע פריינט, אַלס זיין מאַמע. און האָט ער באַמערקט ווי זי זיצט אַ פאַרקלערטע מיט אַ שווער געמיט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, פלעגט ער נעמען ריידן צו איר פון פּראָבלעמען. נעמען ריידן צו איר פון אַלץ וואָס האָט זי נאָר געקאָנט פאַראינטערעסירן.

לילי איז נישט געווען קיין געבילדעטע. אָבער זי האָט מיט איר חוש געקענט דערפילן די שיינקייט פון אַ טיפן געדאַנק, און איז געווען איינשטימיק מיט אַלץ וואָס עס האָט געזאָגט איר קלוגער זון. לילי האָט געלעבט נאָר צוליב לאַרי׳ן און געזען אין דער צוקונפט נאָר גרויסקייט און דערהויבנקייט פון אים. איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה און אָפּגעווישט אַלע אירע חלומות און האָפענונגען. די פלאַמען פון דער וועלט־שריפה האָבן דערגרייכט די ברעגן פון אַמעריקע. לאַרי איז געווען

פון די ערשטע, בראַווע זין, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון זייער לאַנד.

לילי איז געבליבן אַליין מיט די פיר ווענט. איר האַרץ האָט אויפגעהערט צו זינגען. איר גאַנצער וועזן איז עפּעס ווי געוואָרן פול מיט געבעט, אַז לאַרי זאָל זיך צוריקקערן אַ גאַנצער און אַ זיגרייכער. יאָ! אַ זיגרייכער, און אָפּווישן פון דער וועלט די מורא פאַר וויטערדיקע מלחמות.

איינמאָל איז לילי אויפגעשטאַנען זייער פרי. ס׳האָט זי ביט געלאָזט איינליגן. „וואָס קאָן דאָס זיין? שוין אַזוי לאַנג נישט געווען קיין בריוו. ער פלעגט דאָך שרייבן יעדן טאָג. אפשר האָט מען אים שוין אַוועקגעשיקט אויפן שלאַכט־פעלד?״ האָט מיטאַמאָל ווי מיט אַן איקערנעם האַמער איר אַ זעץ־געטאָן אין קאָפּ. און יעדער שאָרך, יעדער קלונג פון טעלעפאָן, האָט באַקומען אַ באַזונדערע באַדייטונג און זיך צעפלאַקערט אין האָפענונג און אין שרעק . . . זי איז צוגעגאַנגען צום ווינקל, וואו עס זיינען איצט געשטאַנען די פאָטאָגראַפישע בילדער פון לאַרי׳ן אין זיינע מיליטערישע קליידער. זי האָט זיך מיט די אויגן איינגעגעסן אין די בילדער און דאָס האַרץ האָט נישט אויפגעהערט וויינען אין איר.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון טיר־גלעקל. לילי איז געלאָפן עפענען. אַ בחור׳ל אין אַ בלויער אוניפאָרם האָט איר דערלאַנגט אַ בוקעט בלומען מיט אַ צעטעלע, וואָס האָט זיך געלייענט:

„טייערע מאַמע, היינט איז „מאַדערס דעי״. זאָל דער היינטיקער טאָג דיר געבן אַזוי פיל פרייד, וויפיל פריידיקע טעג דו האָסט מיר געגעבן. לאַרי״.

לילי איז געבליבן שטיין מיטן בוקעט בלומען אין האַנט. זי האָט גאָרניט געוואוסט, אַז היינט איז מוטער׳ס־טאָג. זי האָט נאָך אַמאָל איבערגעלייענט די שורה: „טייערע מאַמע״ . . . און אַ זיסע וואַרעמקייט איז אַריבערגעשוואומען איבער אירע אַלע גלידער. זי האָט אויף זיך גענומען אַ מאַנטל און איז אַרויס פון הויז מיטן בוקעט בלומען. דער מאָרגן איז געווען אַ שטילער, אַ וואַרימער, ערשט נישט לאַנג האָט אויפגעהערט רעגענען. ריטשקעלעך זיינען נאָך געפלאָסן איבער דער גאַס, די ביימער לעבן די הייזער האָבן אָפּגעטרייסלט פון זיך די לעצטע טראָפּנס רעגן, און די זון האָט געשפּרייט ליכט אַן אַ מאָס און אַן אַ גרענעץ.

לילי האָט אָפּגעשטעלט אַ טעקסי און זיך געהייסן פירן צום בית־עולם, וואו איר מאַן איז געווען באַערדיקט און לעבן אים — זיינע נאָענטע. לילי האָט אָפּגעזוכט דעם נאָמען פון לאַרי׳ס מאַמע און אויף איר קבר אַוועקגעלייגט זיין בוקעט בלומען . . .

אַ מאַמע פאַרשטייט

ס'איז געווען שפּעט אין אָוונט. אין הויז האָט געהערשט אַ פֿיינלעכע שטילקייט. בלויז פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ הוסט פון אסתר'ס שלאָפנדיקע קינדער. אסתר איז געזעסן און האָט אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג. עטלעכע מאָל האָט זי אָנגעהויבן לייענען אַן אַרטיקל און ניט געוואוסט וואָס זי לייענט. אירע געדאַנקען זיינען געווען מיט איר מאַן, הערשל'ען, וועלכער איז געלעגן אין שפּיטאָל און געשוועבט צווישן לעבן און טויט. מיטאַמאָל האָט זיך צעקלונגען דאָס טיר־גלעקל. מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ איז אסתר געלאָפן עפענען. אַ טעלעגראַמע פון שפּיטאָל: איר מאַן איז געשטאָרבן . . .

אסתר האָט געוואוסט, אַז איר מאַנ'ס טעג זיינען געציילטע, דאָך האָט די מורא'דיקע ידיעה איר דערלאַנגט, ווי מיט אַ האַמער אין האַרצן אַריין. זי האָט פאַרבראָכן מיט די הענט און שטיל געוויינט, כדי ניט אויפצוּוועקן די קינדער.

ווען די אויגן זיינען געוואָרן טרוקן און האָבן מער קיין טרערן ניט געהאַט, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז מאָרגן איז ערב שבת, און מען מוז לאָזן וויסן איר מאַנ'ס סאָסאַיעטי וועגן צוגרייטן די לוויה. זי האָט גענומען אויף זיך אַ מאַנטל און איז אַרויס פון שטוב. אין גאַס האָט זי באַגעגנט אַ רעגן און אַ ווינט, וואָס האָט געפייפט מיט אַ יאָמערלעכן געוואָי, ווי ער וואָלט אויך באַוויינט איר יונג־פאַרשטאָרבענעם מאַן. ווען זי איז צוריק אַריין אין הויז, האָט עס איר געוואָרפן אין קעלט. זי האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע און געפּרוּווט איינשלאָפן, אָבער זי האָט ניט געקאָנט אַן אויג צומאַכן. און אַז זי האָט שוין יאָ האַלב איינגעדרימלט, האָבן שרעקלעכע חלומות זי געמאַטערט. קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן, האָט זי אויפגעוועקט איר פערצניאָריקן זון און איז מיט אים אָוועק באַגלייטן איר הערשל'ען צו זיין אייביקער רו. די צוויי אינגערע קינדער — איינער, ניין יאָר אַלט, און דער צווייטער זיבן — זיינען נאָך געשלאָפן.

אסתר איז אויך געבליבן אַ יתומה, ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען. האָט זי זיך אויפגעהאָדעוועט אויף פרעמדע הענט און ניט געוואוסט וואָס

עס מיינט צערטלעכקייט, ביז זי האָט זיך באַקאַנט מיט הערשל'ען. צו זעכצן יאָר איז אסתר געקומען קיין אַמעריקע. אַ לאַנדסמאַן האָט זי אַראָפּגענומען פון שיף און זי געבראַכט צו זיך אַהיים, וואו עלף נפשות האָבן זיך געשטיקט אין דריי קליינע צימערלעך. די לאַנדספרוי האָט אסתר'ן גלייך איינגעגעבן אַ פּאָרציע ביטער־זאַלץ. דאָס איז געווען איר ערשטער אַריינפיר אין אַמעריקע. ווען זי האָט זיך אַביסל „אויסגעגרינט", האָט דער לאַנדסמאַן זי אַרויפגענומען אין קלאָוק־שאַפּ, וואו ער האָט געאַרבעט. ס'איז געווען ווינטער־צייט, זיינען אין שאַפּ די פענצטער געווען פאַרהאַקט און פאַרצוימט מיט אייזערנע דראָטן, ווי אין אַ תפיסה. דערצו איז נאָך דאָרט שטענדיק געווען פינצטער, האָט מען געאַרבעט ביי גאַז־ליכט דעם גאַנצן טאָג און ניט געוואוסט, צי ס'איז טאָג צי נאַכט. פונם שטויב און פון דער פּאַרע פון די פּרעס־אייזנס, איז די לופט געווען אַזוי געדיכט, אַז ס'איז געווען שווער צו אָטעמען. פלעגט מען האַלטן אין איין ניסן און איינער דעם אַנדערן האָט געוואונטשן „צו געזונט".

איינגעבויגענע, ווי זקנים, איז מען אַזוי געזעסן איבער דער אַרבעט, געיאָגט פון זיך די כוחות און מורא געהאַט דעם קאָפּ אויפהויבן, מען זאָל זיך ניט באַגעגענען מיטן באָס, אָדער מיט דעם פאָרמאַנ'ס אויגן, וואָס האָבן געהיט, אַז קיין מינוט זאָל ניט פאַרלוירן גיין אומזיסט. פאַר זעכציק שעה אַרבעט אַ וואָך האָט אסתר געקראָגן גאַנצע פינף דאָלאַר . . .

מענטשן האָבן זי געטרייסט, אַז אַזאַ שיין מיידל ווי זי איז, מיט אירע רויטע באַקן ווי די רויזן, וועט לאַנג אין שאַפּ ניט דאַרפן זיצן. ס'וועט זיך שוין געפינען אויף איר אַ בעלן. ס'האָט אָבער ניט געדויערט לאַנג און אסתר האָט זיך אָנגעלעבט אַ טרוקענעם הוסט, וואָס האָט זי ניט אָפּגעלאָזט. אירע רויטע באַקן האָבן אָפּגעבליאַקעוועט, איר פּנים איז געוואָרן געל ווי פּאַרמעט. אָבער זי איז ניט געווען די איינציקע אין שאַפּ, וואָס האָט געהוסט, האָט זיך קיינער דערפאַר צו איר ניט צוגעהערט. געשטאָכן האָט איר הוסט נאָר הערשל'ען. הערשל האָט זיך אין יענעם שאַפּ אויסגעטיילט פון אַלע אָפּערעיטאָרס מיט זיין שטילקייט און האָט זיך קיינמאָל ניט באַטייליקט אין קיין וואולגאַרע רייד. פאַרקערט, ס'האָט איר געקריינקט, וואָס טאַטעס פון דערוואַקסענע טעכטער ריידן אַמאָל אַ שפּראַך, פון וועלכע יונגע מיידלעך אין שאַפּ פלעגן זיך באַגראָבן פון שאַנד.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען אסתר איז אַריין אין שאַפּ, האָט איר די דעמפּקייט אַ שלאָג געטאָן אַזוי, אַז זי האָט זיך פאַרהוסט און ניט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. הערשל איז צוגעלאָפן, דערלאַנגט איר אַ גלאָז וואַסער און ווען ס'איז איר בעסער געוואָרן, האָט ער זי געפרעגט: „וואָס וועט זיין דער תכלית פון אָט־דעם הוסט?" אסתר האָט אויפגעהויבן די

אויגן, גוט באַטראַכט דעם שוואַרץ־חנ'עוודיקן בחור און געענטפערט: „וואָס דערלייגט איר צו מיין הוסט, איך שטער אייך דעם שלאָף?"

— „אודאי שטערט איר מיר דעם שלאָף" — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט באַדעקט זיין פאַרזאָרגטן פּנים מיט לויטער גוטסקייט. פון דעמאָלט אָן פלעגן זיי זיך אָפּט דורכשמועסן אין שאַפּ מיט די אויגן, ביז . . . ביז הערשל האָט באַמערקט אַ בלוט־פלעק אויף אסתר'ס נאָז־טיכעלע.

נאָך דער אַרבעט האָט ער זי אָפּגעוואַרט און געבעטן זי זאָל מיט אים אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אסתר'ן באַטראַכט און איר געגעבן די געוויינלעכע עצה: אויפצוגעבן דעם שאַפּ, שלאָפן ביי אָפענע פענצטער, עסן נאַרהאַפטע שפּייז, פאַרברייגנען וואָס־מער אויף פרישער לופט און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן, פון וועלכע אסתר האָט אפילו ניט געוואָגט צו חלומ'ען.

דעם זעלבן אָוונט האָט הערשל זיך געהאַלטן אָן עצה מיט זיין גוטער, קלוגער מאַמען. ער האָט צו איר גערעדט עפּעס מיט אַזאַ ווייכן, פיין־קלינגענדיקן קול, אַז זי האָט דערפילט אַ פאַרליבט, ציטערדיק האַרץ. האָט עס זי אַרומגענומען מיט צער פאַר איר בן־יחיד, וואָס קריכט מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקער בעט. דאָך האָט זי אים געטרייסט: „אַ יונג קינד, מען דאַרף זי פאַרגיסן, וועט זי אויפהערן הוסטן. אַ קלייניקייט, אַ מיידל אָן אַ מאַמע? גייט אַוועק אַ ניכטערע, קומט־אָפּ דעם טאָג מיט טריקעניש, עסט זיך אָן אין שאַפּ מיט שטויב, איז אַ וואונדער, וואָס זי שפּייט אויס די לונגען?" און ניט לאַנג געטראַכט האָט זי גענומען פון איר אָרימער גראָסערי אַ קעסטל אייער, פּוטער, האָניק, שאָקאָלאַד, אויך אָפּגעבאַקן פּוטער־בולקעס און געגעבן דעם זון ער זאָל אַוועקטראָגן פאַר זיין מיידל.

הערשל'ס מאַמע האָט אסתר'ן „געגאָסן גאָלד אין האַלז", און הערשל האָט אָנגעפילט איר האַרץ מיט פרייד און האָפענונג אויף גליק. דערקוויקט איר נשמה מיט זיין צערטלעכקייט, לאַסקעס, נאָך וועלכע זי האָט אַזוי געלעכצט און געביינקט.

יעדן אָוונט פלעגט הערשל קומען צו אסתר'ן און זי געפינען אין קיך איבער אַ בוך, אָדער צייט־שריפט. אויפן קוילן־אויוון האָט זיך תמיד געקאָכט אַ קעסל העמדלעך מיט געלע פלעקן פון דער לאַנדספּרוי'ס קינ־דער, און פון דער פאַרע האָבן זיך געשלענגלט ריטשקעלעך וואַסער אויף די נידעריקע, גרויע ווענט. פלעגט הערשל אַוועקנעמען אסתר'ן פון דער קיך און אַ צופרידענער, אַ לאַכנדיקער זי געפירט אין סענטראַל פּאַרק אויף פרישע־לופט. פון דער פרישער לופט און פון די האַרציקע ראָמאַנ־

טישע איבערלעבונגען, האָבן אסתר׳ס באַקן צוריק געקראָגן זייער קאָליר און די אויגן האָבן געטומען פינקלען, ווי עפּעס דורך אַ כישוף.

* * *

אין פרילינג האָבן זיי חתונה געהאַט. הערשל האָט איינגעאָרדנט דריי צימערן לעבן אַ פּאַרק, ברייט צעעפנט די פענצטער און געמאַכט אַ פרייען וועג פאַר דער פרישער לופט. אין יעדן צימער האָט אַריינגעקוקט די זון און אירע שטראַלן זיינען געווען ווי אַ באַלזאַם פאַר אסתר׳ס לונגען. די שוויגער פלעגט אָפט קומען צום יונגן פּאָרל און אַלע מאָל געפונען ביידע מעלות אין דער יונגער שנור. ניט איינמאָל פלעגט זי זאָגן צום זון: „הערשעלע קרוין, דיין אסתר איז אַ בריליאַנט! שיין, קלוג און גוט. האָסט געקראָגן אַן אמת׳ן אוצר . . . און ווען אסתר האָט איר געזאָגט, אַז זי שפּאָרט געלט אויף אַ וויקטאָראָלאַ, האָט די אַלטע מיט אַ שפּאָס געענטפערט: וואָס טויג דיר אַ וויקטאָראָלאַ? ביסט דאָך אַליין אַ גאַנצע וויקטאָראָלאַ. דו זינגסט און שפּילסט, און קאָנסט דערציילן מעשיות מען זאָל זיך קאָטשען פון געלעכטער. גיב בעסער אויס ס׳געלט צו פאַרהיטן דיין געזונט״.

הערשל האָט ליב געהאַט אסתר׳ן ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן. פאַר איר און זיינע קינדער איז אים קיין זאַך ניט געווען צו־טייער און צו־שווער, ביז ס׳האָט אים געטראָפן ס׳גרויסע אומגליק — אַן אומ־היילבאַרע קראַנקייט, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין יונג לעבן.

* * *

נאָך הערשל׳ס טויט איז אסתר׳ס פערצן־יאָריקער זון, סעמעלע, פון אַ שפּילעוודיק קינד פּלוצלונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דערוואַקסענעם. ער איז געווען אַ האַי־סקול סטודענט, האָט ער בייטאָג געלערנט און ביי־נאַכט געאַרבעט ביי אַ „סאָדע פאָונטעין״ אויף בראָדוועי. דאָרט האָט ער געקענט זען די רעקלאַמעס פון די בעסטע פילמס. זיינע פאַרדינסטן האָט ער אָפּגעגעבן דער מוטער, נאָר פאַר די „טיפּס״ פלעגט ער קויפן בילעטן, און איין מאָל אין וואָך געגומען זיין מאַמען אין אַ קינאָ־טעאַטער.

אסתר איז נאָך אויך געווען יונג און שיין, איז געווען אַ נחת צו זען ווי סעמעלע האָט אויסגענומען זיין מאַמען, און מעשה־קאַוואַליער זי גע־פירט אונטער׳ן אָרעם.

סעמעלע איז געווען אַ הויכער אינגל מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ ליכטיקן פּנים און שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, און אַז ער האָט געלאַכט, האָט געלאַכט די גאַנצע שטוב. זיין אַמביציע איז געווען צו שטודירן אויף דאָקטאָר, איז ווי נאָר אַ ברודער׳ל איז אים קראַנק געוואָרען און די מוטער

איז געווען ביי דער אַרבעט, האָט ער ווי אַ דאָקטאָר זיך אָוועקגעזעצט לעבן חולה, זיך געהייסן ווייזן דעם צונג, גענומען אַלע פינף מינוט די טעמפעראַטור און ווען ער האָט געזען, ווי דאָס ווייסע פּאַסיקל גרייכט דעם רויטן ציפער, פלעגט ער פרעגן דעם קראַנקן: „וואָס ווילסטו בעסער: קאַסטאָר־אויל, צי ביטער־זאַלץ?

* * *

גראָד אין דער צייט, ווען הערשל איז אַוועק פון דער וועלט, האָבן די צייטונגען געקאָכט מיטן פּראָצעס פון דער מיסעס שניידער, וועלכע האָט זיך מודה געווען, אַז זי האָט דערמאָרדעט איר מאַן, כדי צו קריגן הונדערט טויזנט דאָלאַר אינשורענס . . . אין געריכט פלעגט די מיסעס שניידער קומען אין טרויער־קליידער און ס׳פּנים פאַרהאַנגען מיט אַ שוואַרצן וואואַל, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אלמנה. איז ווען אסתר׳ס שוויגער האָט דערזען די שנור אויך אין טרויער־קליידער, האָט זי אויף איר אָנגעשטעלט די אויסגעוויינטע אויגן: „אסתר, האָסט דאָך איינגעלייגט וועלטן צו ראַטעווען דיין מאַן, דאַרפסטו זיך ניט אָנטאָן אין שוואַרצן ווי די מיסעס שניידער״ . . . און ווען די אַלטע האָט געהערט, אַז אסתר האָט זיך געשאַפן אַ צאָל קאַסטאָמערס, וועמען זי פאַרקויפט קליידער, וועש, שטוב־זאַכן, האָט זי געוואָרנט דער שנור: „געדיינק, אסתר, ווען דו וועסט קומען צו דיינע קאַסטאָמערס אָנגעטאָן אין טרויער, וועסטו זיי דערמאָנען אין טויט, וועלן זיי מיט דיר ניט וועלן האָבן צו טאָן . . . פאַר גאָט ביסטו דאָך יוצא געווען, פאַר מענטשן וועסטו קיינמאָל ניט יוצא זיין״.

דער שוויגער׳ס רייד האָבן געקלונגען מיט אַזאַ צאַרטער ליבע, אַז ס׳האָט אסתר׳ן פאַרקלעמט ביים האַרצן.

אסתר געדיינקט ניט איר מאַמען. זי וועט אָבער אייביק, מיט ליב־שאַפט, געדיינקען איר שוויגער . . .

#ביילע און זלאַטע

פרייטיק אינדערפרי, ווען חנה גייט צו דער אַרבעט, פילט זיך שוין אין קאָרידאָר פון איר הויז, אַ ריח פון פריש געבעקס מיט זאַפראַן. און פונקט ווי אַן אַלטער ניגון דערמאָנט אונז אין דער אַמאָליקער סביבה, וואו מיר האָבן צום ערשטן מאָל דעם ניגון געהערט, אַזוי דער־מאָנט חנה׳ן דער ריח פון זאַפראַן און עס טויכט־אויף אין איר מוח אַ בילד פון די קינדער יאָרן:

פורים ביי דער סעודה: איר פאָטער, די מוטער, מיט שיינענדיקע פנימ׳ער זיצן אויבנאָן און אַרום לאַנגן טיש — די גאַנצע משפחה: פעטערס, מומעס, קרובים, פריינט און אפילו זלאַטע, די קעכין, זיצט אויך ביים טיש . . .

זלאַטע איז אַ מיידל שוין אַביסל אַן איבערגעוואַקסענע. ניט קיין מיאוס׳ע — אַ געזונטע, מיט אַ לויטער׳ן פנים. ס׳ליגט שוין אויך איר נדן אין מזומן. וואָלט נאָר דער גוטער חתן קומען . . . האָט ער זיך אָבער פאַרשפעטיקט . . . און אין שטעטל וויל זי קיינער ניט. יעדער בחור וויל פאַר אַ כלה אַ טאַטנס אַ קינד . . . און קומט זלאַטע אַמאָל אויף אַ חתונה, וויל קיינער מיט איר ניט טאַנצן. סיידן אַן אַנדער דינסט מיידל . . .

אַ גאַנץ יאָר עסט זלאַטע אין קיך אויפן טאַפטשאַן. נאָר היינט, לכבוד דעם יום־טוב — פורים, האָט די באַלעבאָסטע איר געהייסן זיך זעצן ביים טיש. זיצט זי, זלאַטע, מיט גרויס דרך־ארץ אויף אַ שפיץ ביינקל ביים ברעג טיש און דאָס חניפה־שמייכעלע גייט איר ניט אַראָפּ פון די ליפּן.

ביילע, איז דאָס צווייטע דינסט־מיידל. זי טוט די גאַנצע שווערע אַרבעט אין הויז, באַדינט אַ געזינדל פון 9 מענטשן. און דאָך — ווען די באַלעבאָסטע שטעלט זי פאַר פאַר אַ פרעמדן מענטשן, זאָגט זי מיט אַ גראַם: — דאָס איז מיין „פּאָקאָיאָווע״; אַזוי איז זי אַ וואוילע, נאָר אַ ביסל אַ פוילע . . .

ווען די ווייבער דערזעען ביילען גייענדיק צום טייך מיט אַ שווערן קלומעק נאַסע וועש אויף די פּלייצעס, איבער וועלכע עס הייגען אַראָפּ אירע לאַנגע, שוואַרצע צעפּ, טוט זיי ווי ס׳האַרץ, און מען וואַרפט זיך

איבער מיט רייד — אַזאַ יונגגס און דאָס דאַרף שוין אויסגעריסן ווערן ביי יענעם.

— וואָס דען זאָל זי טאָן, אַז זי איז אַ קיילעכדיקע יתומה?

— לאָם איך האָבן די גוטע יאָר, וואָס איר וואָלט גיכער געפּאַסט צו זיין די מאַדאַם אײדער די דינסט.

— ביילע! — רופט די באַלעבסטע — קום זעץ זיך אויך ביים טיש, ווי אַ מענטש.

אַ דאַנק — ענטפערט ביילע — איך זיץ אין קיך אויך ווי אַ מענטש.

—אַ געבוירענע דינסט, זאָגט די מאַדאַם מיט פאַראַכטונג. זי וועט בעסער עסן אין קיך אויפן טאָפּטשאַן, אײדער מיט מענטשן גלייך.

פון אַ פערדישן ווײדל וועסטו שוין קיין שטריימל ניט מאַכן, זאָגט אײנע פון די געסט, מיט שוואַרצע געלע פלעקן אויפן פנים ווי „פעטשאַ" מיט שואוואַקס.

— מיט וואָס דער טאָפּ שמעקט זיך אָן, מיט דעם ווערט ער צעבראָכן — לייגט אַ צווייטע צו אַ קנייטל.

— גאָט האָט זיי שוין באַשערט — זאָגט דער באַלעבאָס. היינט רעדט מען ניט פון קיין דינסטן! היינט איז פורים. אַ גרויסער יום־טוב. עפּעס אַ קלייניקייט, אידן זיינען פטור געוואָרן פון אַ המן? . . . טאָ לאָמיר טרינקען „לחיים" און זאָל דער אויבערשטער העלפן, אַז די איצטיקע המנ'ס זאָלן אויך איינבנעמען אַ מיתה משונה, און מיר אידן, זאָלן שוין אויך אַמאָל קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

— אָמן! — זאָגן אַלע, טרינקען אויס די גלעזלעך בראָנפן און פאַר־בייסן מיט די באָ'טעמ'טע, דרייעקיקע המן־טאַשן.

אויפן טיש ליגט זיך דערווייל דער שיינער זאַפּראַנדיקער פורים־קוילעטש, באַפּוצט מיט ראָזשינקעס און מיט מאַנדלען און גרויסט זיך אַנטקעגן די קליינע המן־טאַשן . . .

זלאַטע, די קעכין, ברענגט אַריין אַ פּאַלומעסעק מיט הייסע, געפילטע פיש, מיט אַ סך יויך, אין וועלכער עס שווימען אַרום ריפּטעלעך מערן ווי פאַרבלאָנדזשעטע שיפן אויפן ים. די באַלעבאָסטע טיילט אויס די פיש, דער באַלעבאָס גיסט־אָן די גלעזלעך, און דער זאַפּראַנדיקער פורים־קוי־לעטש, מיט די הייסע פעפערדיקע פיש, רייצן אַזוי דעם אַפּעטיט, אַז דאָס קליינוואַרג איז פון אייזן אויסצוהאַלטן ביז מ'דערוואַרט זיך אויפן פאָטער'ס צייכן, אַז מען מעג שוין אַרויסנעמען די הענט פון אונטערן טיש און אויך איינטונקען . . .

ביים עסן רעדט מען און מען לאַכט, נאָר זלאַטע די קעכין זיצט מיט

אַן אייגנגעהאַלטענעם אָטעם און קיינער קוקט ניט אין איר ווינקל. דערפאַר נעמט שוין חנה׳לע פון איר קיין אויג ניט אַראָפּ.

זלאַטע עסט מיט אַ פאַרמאַכט מויל. נאָך יעדן ביסן, ווישט זי זיך אָפּ די אונטערשטע ליפּ מיט צוויי פינגער, לאָזט איבער פון יעדן געריכט אויף דרך ארץ און רוקט אָוועק דעם טעלער.

נאָך דער סעודה ווינטשט זלאַטע אירע באַלעבאַטים, אַז זיי זאָלן דערלעבן איבער אַ יאָר מיט אַלע זייערע ליבע, זיין רייך און זי, זלאַטע, זאָל ווידער זיצן ביי זייער טיש פּורים צו דער סעודה.

איצט, אַז די קליינע חנה׳לע האָט שוין געזען, ווי אַזוי זלאַטע עסט מיט מענטשן גלייך, ווילט זיך איר אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט ביילע — „די געבוירענע דינסט״ . . .

ביים שיין פון אַ קעראָסין־לעמפּל זיצט ביילע פאַרטיפט אין אַ ביכל. עס קומט אַריין זלאַטע.

זע נאַר, זי לייענט שוין ווידער! ס׳לערנט דיך נאָר ניט אָן? באַהאַלט ס׳ביכל! זי קאָן נאָך אָנקומען — זאָגט זלאַטע מיט שרעק און קוקט צו דער טיר . . .

— זאָל זי אָנקומען — זאָגט ביילע. איך בין ביי איר ניט פאַרקויפט.

— ביסט יאָ פאַרקויפט — זאָגט זלאַטע — וואָס מיינסטו, אַז מען איז ביי יענעם איז מען ביי זיך אין די הענט? דו קאָנסטו זיי נאָך ניט. באַלע־באָסטעס האָבן פיינט אַ געבילדעטע דינסט. מיינסט איך וואָלט ניט געוואָלט קענען? איך האָב זיך אַמאָל אָנגעהויבן לערנען לייענען און שרייבן, איז ווען איך האָב געדאַרפט גיין לערנען, פלעגט זי, די באַלעבאָסטע, אויסזוכן פאַר מיר אַרבעט פון אונטער דער ערד. איינמאָל האָב איך זיך אַרויסגע׳־גנב׳עט . . . ווען איך בין צוריק געקומען, האָט זי פאַר רציחה מיר צעריסן די ביכלעך אויף שטיק־שטיקלעך. האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט: זאָל דאָס גיין אין דער ערד! איך קאָן לעבן אָן דעם אויך, און צום שידוך וועט עס מיר אויך ניט שאַטן. פון דאַן אָן קוק איך ניט אָן קיין ביכל פאַר די אויגן . . .

— ביי דיר, זלאַטע, האָט די באַלעבאָסטע אויסגעפירט, אָבער ניט ביי מיר! איך וועל זיך ניט אויפהערן צו לערנען, האָט ביילע פאַרענדיקט.

חנה דערמאָנט זיך אָן זייער קעכן, און עס קומט איר אויפן זינען איר שכנה, וועמען זי בעט אָפט מיט איר מיטצוגיין צו אַ מיטינג, אָדער לעקציע, און אַלע מאָל קריגט חנה דעם זעלבן ענטפער: — ער וועט ניט לאָזן — דער מאַן.

חנה געדיינקט, ווי אויף מאָרגן נאָך פּורים איז ביילע געשטאַנען איבער אַ באַרג וועש און געפּרעסט. זי האָט אַוועקגעשטעלט ס׳פּרעסל,

אַרויסגענומען אַ ביכעלע פון קעשענע און געכאַפּט אַ קוק אינעווייניק. אין דער מינוט איז די באַלעבאָסטע מיט שטילע טריטעלעך אַריין אין קיך . . .

— זע נאַר, די מויד! ס׳איז שוין ביי איר שבת נאָכן טיש . . .

ביילע, דערהערנדיק דער באַלעבאָסטע׳ס קול, האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, און איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט דאָס ביכעלע צו באַהאַלטן, האָט די מאַדאַם דאָס געגעבן אַ ריס פון ביילע׳ס הענט און אַריינגעוואָרפן אין ברענענדיקן אויוון.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען די מאַדאַם האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טאָפּטשאַן פאַר ביילע׳ן אָנבייסן, האָט זי נאָך געפונען איר וועטשערע.

אַוועק אַ פּאָר טעג, שאַ שטיל, נאָר אויף ביינאַכט האָט זיך ביילע אָנגעהויבן מאַכן איר געלעגער אויפן אויוון. מיט זיך אַרויפגענומען דאָס קעראָסין־לעמפּל, מיט אַ ביכעלע, אַז קיינער זאָל ניט זען ווי זי לייענט . . .

איינמאָל, שפּעט אין אָוונט, האָבן זיך דערהערט שרעקלעכע קולות: אַ שרפה! אַלע שטוב־מענטשן זיינען אַרויס פון די בעטן, ניט טויט ניט לעבעדיק און ביילע׳ן קוים אַרויסגעראַטעוועט פון די פלאַמען.

* * *

אַ וואָך צייט, איז ביילע אָפּגעלעגן אין קיך אויף די ביינקלעך און זיך געלייגט צו די וואונדן קאָמפּרעסן. ווען ס׳איז איר בעסער געוואָרן, איז צוגעקומען די מאַדאַם און זיך אָנגערופן: נאַ מויד! דאָ האָסטו דיינע 12 רובל פאַרן גאַנצן זמן . . . קומסט מיר נאָך אַרויס צוויי וואָכן, נאָר זאָל מיינס איבערגיין . . .

ביילע׳ס אויגן זיינען באַלד פאַרלאָפן מיט טרערן. זי האָט געוואָלט פּראָטעסטירן. וואוהין גיין איצט, ערב פּסח . . .? אָבער אין הויז האָט זיך באַוויזן אַ געזונטע קריסטלעכע דאָרפס־מיידל, מיט רויטע באַקן, ערשט פון דאָרף אַרויס . . .

ווען ביילע איז שוין געשטאַנען לעבן טיר מיטן קלומעק אונטערן אָרעם, האָט זי אַ זאָג געטאָן: אַ גוטן טאָג, מאַדאַם.

— גיי געזונט, האָט איר די מאַדאַם געענטפערט: זאָל דיר גאָט צושיקן אויך אויף ווייטער אַזוינע באַלעבאָסטעס, ווי איך בין. איך בין דיר ניט קיין שונא.

— איך בין אייך ניט קיין שונא — האָט ביילע געזאָגט מיט אַ פאַר־שטיקט קול. הלוואי זאָל אייך אָנקומען כאָטש האַלב, וואָס איך ווינטש אייך . . .

אין אַ הייסן טאָג

שרה איז געשטאַנען אַ פאַרשוויצטע און געריבן די וועש, ווען איר עלטערער זון, בענעלע, האָט זיך אַן אויסגעפּוצטער באַוויזן אין קיך. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער מאַמען און דערזען, ווי טראָפּנס שוויס קייקלען זיך פון איר שטערן און פאַלן־אַראָפּ אין די מוליענעס. ער איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער, אַרויסגענומען פון איר האַנט אַ שטיקל וועש, וואָס זי האָט געהאַלטן אין אויסדרייען, און מיט אַ טאָן פון מיטלייד האָט ער זיך אָנגערופן:

— מאַ, ס'איז היינט שרעקלעך הייס! קום, איך וועל דיך מיטן „פאַ" נעמען צום ים, וועט איר זיך באָדן און האָבן כאָטש איין טאָג „פּלעזשור".

דעם זון'ס ווייכע רייד האָבן דער מוטער פאַרקלעמט ביים האַרצן. טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן. אין דער מינוט איז זי געווען גרייט צו פאַרגעסן אַלע עוולות, וואָס בענעלע איז קעגן איר אַזוי אָפט באַגאַנגען. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן זון מיט אירע גרויסע מידע, אָבער צאַרטע אויגן, און ער, בענעלע, האָט באַטראַכט דער מאַמע'ס אויסגעהאָרעוועטע אָדערדיקע הענט, וואָס וואַשן, פּרעסן, ראַמען, לאַטען — הענט, וואָס ווייסן ניט פון קיין רו...

שרה האָט גענומען צוגרייטן „סענדוויטשעס" און אונטערטרייבן דעם מאַן איר'ן אַז ער זאָל זיך וואָס־גיכער אָנטאָן.

דער מאַן האָט אַ קוק געטאָן אויפן ווייב מיט זיינע פאַררויטלטע אויגן, און זיך אָנגערופן:

— וואָס עפּעס אַזאַ גוטסקייט פון דיין זון? ס'איז געפּגר'ט אַ בער אין וואַלד?...

— ו ו ע ן גאָט דערפרייט, איז ניט צו שפּעט. — האָט שרה זיך אָנגענומען פאַרן זון. — ס'איז זונטיק, וויל דאָס קינד, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן האָבן „פּלעזשור". מיר זיינען דאָך נאָך קיין איינמאָל ניט געפאָרן אין זיין נייעם אויטאָמאָביל.

— נו, און אין זיין אַלטן אויטאָמאָביל ביסטו יאָ געפאָרן? — האָט דער טאַטע נאָך אַלץ ניט אָפּגעלאָזט.

עס האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל „

— בענעלע רופט אונז! — האָט זיך שרה געגעבן אַ כאַפּ ווי אַן אָפּגעבריטע. — קום שוין אַמאָל! — האָט זי זיך געבייזערט אויפן מאַן. — דאָס קינד וואַרט דאָרט, און ער, קוים וואָס ער רירט זיך . . .

גליקלעכע האָבן זיך טאַטע־מאַמע אַריינגעזעצט אין דעם פּרעכטיקן אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיי דערמאָנט אין די קאַרעטעס פון דער אַלטער היים, אין וועלכע נאָר „פּאַמיעשטשיקעס" פלעגן פאָרן.

בענעלע האָט געדרייט ס׳רעדל, און דער אויטאָמאָביל איז פאַרבייגע־לאָפן גרינע פעלדער.

— אַי, איז דאָס אַ ווינטעלע, עס דערקוויקט פּשוט ס׳האַרץ! — האָט שרה אַ זאָג געטאָן צום מאַן.

—נאָר דאָס ווינטעלע? — און די גרינע פעלדער זיינען ביי דיר גאָרניט? גאָט׳ס וועלטל! אַי, אַ וועלטל! — האָט זיך דער מאַן ניט געקאָנט אָפּוואונדערן און זיך געווענדט צום זון, מיט וויכקייט אין טאָן: — הערסטו, בענעלע, דיין מאַשין גייט דאָך עפּעס נאָר ווי אַ פידעלע. אָט אַזוי פאָרן, איז טאַקע אַ „פּלעזשור!"

— וואַרט — האָט בענעלע געענטפערט שטאָלץ. — איך וועל דיר ערשט וויזן ווי מענטשן לעבן!

שרה טראַכט: מענטשן לעבן — אָבער וואָס וויסן זיי פון אַ לעבן? פאַר אירע אויגן זיינען איצט אויפגעשוואומען די לאַנגע יאָרן פון שווערער האָרעוואַניע. אפילו איצט, שוין אויף די עלטערע יאָרן, שקלאָפט דער מאַן אין שאַפּ, און זי אין הויז. מען שטרעקט די דעקן נאָך די עקן און מען קוקט ניט אַן די ליכטיקע שיין . . .

דאָס זשומען פון אַן עראָפּלאַן האָט צעקלאָפּט אירע געדאַנקען, און אויף די גרינע לאַנקעס האָבן זיך בליץ־שנעל געביטן די בילדער: אָט זעט זי, ווי זי מיטן מאַן איר׳ן שטייען פאַרצווייפלטע אין שפּיטאָל, וואו זייער צוויי־יאָריקער בענעלע שוועבט צווישן לעבן און טויט! . . . און שפּעטער — בענעלע׳ס גראַדואירונג פון פּאָבליק סקול, און אָט זעט זי: אַ יונג, ליכטיק פּנים, צוויי לאַכנדיקע אויגן און אַ זיסער שמייכל אויף ווייסע ציין. דאָס איז געווען בענעלע, שוין אַ גרויסער, אַ גליקלעכער, מיט דער קאַלעדזש־דיפּלאָמע, און מיטן גאָלדענעם מעדאַל . . . אָט זעט זי אַ ליב מיידל׳ש פּנים . . . בענעלע׳ס כלה . . . זי איז איצט געזעסן אין אויטאָמאָביל לעבן בעני׳ן, זיך געלאַשטשעט צו אים, אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן, און אויף זיינע עלטערן זיך אפילו ניט אומגעקוקט.

שרה׳ס בליק פאַלט אויפן מיידל׳ס קאָפּ: וויפיל באַליידיקונגען זי האָט שוין אַראָפּגעשלונגען צוליב אָט־דעם מיידל! בענעלע איז דאָך אַזאַ טייער קינד. אָבער ווי נאָר זי קומט, די כלה זיינע, עקזיסטירט שוין

קיינער ניט, חוץ איר. זי שאַפט זיך מיט די שוועסטער און ברידער, ווי מיט שקלאַפן. אויפן פאָטער קוקט דאָן בענעלע, ווי אויף אַן אַנשיקעניש, וואָס פלאָנטערט זיך אונטער די פיס. אָבער מער פון אַלע איז די מאַמע דאָס כפרה־הינדל . . . דאָס פּאָרל לאָזט זיך וואוילגיין ווי אין אַ האָטעל. אין אַלע צימערן זייַנען זיי פול. מען רויכערט־אָן, און די מאַמע גייט נאָך פוס־טריט און ראַמט פון זיי . . .

דאָס עסן מוז זי פאַר זיי סערווירן אין אַ באַזונדערן צימער. וואָלט מען כאָטש צו דער מאַמען אויסגערעדט אַ וואָרט, פון יוצא־וועגן.

* * *

— אַט זייַנען מיר שוין ביים ים — האָט בענעלע פריידיק אויסגערופן. ער האָט אָנגעוויזן די עלטערן, וואו זיי זאָלן זיך באָדן. ער האָט גענומען זיין מיידל ביי דער האַנט און אַוועקגעשפּאַנט ערגעץ ווייט פון זיי.

מאַן און ווייב האָבן זיך דערפילט ווי ניי־געבוירן. זיי זייַנען אַרייַנ־געשפּרונגען אין ים. דאָס וואַסער האָט געטראָגן, די כוואַליעס האָבן געשלאָגן, און זיי האָבן זיך אונטערגעטונקען און אַרייַנגעצויגן אין זיך די פרישע לופט.

— אַ מחיה נפשות, — זאָגט שרה. — אַ גן־עדן! ענטפערט דער מאַן און פאַרטראַכט זיך. — אַ שטייגער, — זאָגט ער — וואָס וואָלט גאָט געאַרט, אַז דער ים זאָל זיך געפינען לעבן הויז און מיר זאָלן אַלע טאָג האָבן אַזאַ „פּלעזשור״?

גוט איז אַ חיי־שעה, — ענטפערט שרה אַ צופרידענע.

אָפּגעקילט זיך פון דער היץ, האָבן מאַן און ווייב געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט די טרוקענע „סענדוויטשעס״. דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אויפן ווייסן זאַמד און איינגעשלאָפן. ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט שוין די זון געהאַלטן אין פאַרגיין.

— וואו קאָנען זיין די קינדער אַזוי שפּעט? — האָט שרה געפרעגט און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. עס האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט. אַ קאַלטער ווינט האָט גענומען בלאָזן, און די קינדער — ווי אין ים אַריין . . .

שרה האָט געקוקט אויף די הויכע, ברויזנדיקע כוואַליעס, ווי זיי יאָגן זיך מיט כעס איינע אויף די אַנדערע, און איר האַרץ איז געווען פול מיט שרעק.

פון דערווייטנס האָבן זיך באַוויזן בענעלע מיט זיין כלה. זייערע קעפּ אויפגעהויבן אַנטקעגן ווינט, די פּנים׳ער — ליכטיקע, פאַרברוינטע פון דער זון. זיי זייַנען צוגעקומען צו טאַטע־מאַמע.

שרה האָט זיי געוואָלט געבן „סענדוויטשעס״, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט.

— מיר וועלן אַלע גיין עסן אין אַ רעסטאָראַן! — האָט בענעלע אויסגע־רופן מיט שטאָלץ.

דורך אַ גרויסן אָפענעם פענצטער פון אַ רייכן רעסטאָראַן האָט מען געקאָנט זען די פאַמיליע זיצן אַרום אַ שיין־געדעקטן טיש. צוויי קעלנער האָבן אַרומגעטאַנצט און צוגעטראָגן פאַרשיידענע פּאַטראַוועס און משקה, וואָס בענעלע האָט באַשטעלט.

— דאָס איז ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס מען באַדינט מיך, — האָט שרה געזאָגט שטיל צום מאַן.

— אַז מען לעבט, דערלעבט מען זיך, — האָט דער מאַן געענטפערט, אַן אויפגעלייגטער, נאָכדעם ווי ער האָט אַ פּאָר מאָל געטרונקען „לחיים״.

— בלויז איין טאָג רו ביים ים און מיינע טאַטע־מאַמע זעען־אויס מיט צען יאָר איינגער און שענער — האָט בענעלע אַריינגעשושקעט זיין כלה אין אויער.

— מיר דאַרפן זיי נעמען צום ים יעדן זונטיק, — האָט דאָס מיידל פאָרגעשלאָגן.

דערהערנדיק די רייד פון זיין כלה, האָט בענעלע אַ גליקלעכער, זי אַרומגענומען און איר אַ צאַרטן קוש געטאָן.

זיך אַרויפגעאַרבעט...

מיר האָבן זיך באַקענט אין אַ זומער־פּלאַץ.

גייענדיק אַזוי ביים וואַלד מיטן שאָטן פון די בוימער, איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ מיטל־יעריקע שלאַנקע פרוי מיט אַן אײדעלן געזיכט, גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט שוואַרצע, עטוואָס־פאַרוויסטע צעפּ, פאַרלייגט איבערן קאָפּ ווי אַ קרוין. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס זיידן קלייד און האָט געטראָגן טייערע בריליאַנטן־רינגען אויף די אויערן און אויף די פינגער.

—ווי שיין דאָ איז! — האָב איך זיך געווענדט צו דער אומבאַקאַנטער פרוי.

—איר זענט דאָ ס׳ערשטע מאָל?

— יאָ. און איר?

— איך קום אַהער אַלע זומער מיט מיין מאַן. ער האָט זייער ליב דעם וואַלד.

— אייער מאַן איז איצט אויך דאָ מיט אייך?

— מיר זײנען ערשט איצט אַהער געקומען.

שמועסנדיק אַזוי, האָבן מיר שוין שפּאַצירט צוזאַמען, ביז מיר זײנען אַרויף אויף אַ בערגל, זיך אַריינגעזעצט אין באַקוועמע שטולן און זיך צערעדט, ווי גאָר אַלטע באַקאַנטע.

זי איז ערשט עטלעכע יאָר פאַרהייראַט צום צווייטן מאַן און כאָטש ער איז פיל עלטער פון איר, זײנען זיי דאָך אַ צוגעפּאַסטע פּאָר.

—און אייער ערשטער מאַן?

— פיל צו דערציילן.

אַלס גרינע מיידל האָט זי געאַרבעט אין אַ בעקעריי פון ציבעלע־קיכלעך. די בעקעריי איז געווען אין אַ פינצטערן קעלער, אָן פענצטער, מיט שוואַרצע, צעלעכערטע ווענט. וואו מייז האָבן אַרומגעשפּאַצירט פראַנק און פריי. דער בעקער, אַן אויסגעוויקטער בחור, האָט באַלד געוואָרפן אַן אויג אויף דער גרינער און איר איינגערעדט, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן איידער זי „געלט זיך אויס” . . .

— צו וואָס זאָלסטו, אַזאַ שיינע בלום, דאָ פאַרוועלקט ווערן? ביי מיר וועסטו תמיד בליען. איך וועל דיך אָפּהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג.

קיין גרויסער פאַרדינער איז דער בעקער ניט געווען, און זי איז באַלד באַלאַדן געוואָרן מיט קליינע קינדער און קוים געקאָנט אויסקומען מיטן מאַנ׳ס פאַרדינסטן. האָט אַ פריינט זייערער, אַ לאַנדרי־מאַן, אויף זיי רחמנות געהאַט און דעם בעקער אַריינגענומען צו זיך אין דער וועשעריי. איר מאַן האָט זיך שנעל אויסגעלערנט די נייע מלאכה, שוין מער פאַרדינט ביי דער אַרבעט, אָבער נאָך אַ טאָג פראַצעווען, האָט ער מיט קיין אבר ניט געקענט אַ ריר טאָן. ווי אַ טויטער פלעגט ער, מיטן אָנטאָן, איינשלאָפן און זי האָט פון אים געדאַרפט רייסן שטיקער, אַז ער זאָל אויפשטיין און זיך לייגן שלאָפן. אַזוי אַלע נאַכט.

— דאָס איז דאָך ניט קיין לעבן, — האָט זי געטראַכט, — מען מוז זיך דערשלאָגן צו עפּעס בעסערס. זי האָט אַריינגענומען אַ פולע שטוב מיט באָרדערס און באָרדערקעס. יעדער באָרדער האָט געבראַכט זיינע היימישע קישענס, מעשענע לייכטער, זינגער־מאַשינעס, טשעמאָדאַנעס, קאָסטנס און אַז זי האָט נאָך אויף ביינאַכט די אייזערנע בעטלעך צעשטעלט, איז שוין ניט געווען וואו אַ שפּילקע דורכצוואַרפן. הייַנט דער זונטיק, איז שוין גאָר געווען פאַר איר חיבוט הקבר. אַ גאַנצן טאָג האָט זי זיך געבראָטן ביים קוילן־אויוון. די באָרדערקעס האָבן געוואַשן וועש, געפּרעסט, גענייט אויף דער מאַשין און געזונגען. די קינדער האָבן געשריען, דער טאַטע האָט זיי געשלאָגן און ס׳איז געווען פריילעך אין הויז. די באָרדערס זיינען אויך ניט געזעסן מיט קיין פאַרלייגטע הענט: איינער האָט געשפּילט טראָמבאָן, אַ צווייטער — קאָרטן, אַ דריטער — אַ ליבע, און דער פערטער האָט גלאַט געזונגען . . . אַ פינפטער האָט זיך געבייזערט, הלמאי מען לאָזט אים ניט שלאָפן.

אַזוי האָט זיך געדרייט דאָס רעדל. פון דעם אָפּפאַל און ברעקלעך פון די באָרדערס האָט מען געשטוקעוועט דאָס אייגן לעבן . . . אָבער צו אַלץ נעמט אַ סוף. דער לאַנדרי־מאַן, ביי וועמען איר מאַן האָט געאַרבעט, האָט גענומען אונטערקריינקען. ער האָט זיי פאַרקויפט די לאַנדרי פאַר האַלב־אומזיסט. זי מיטן מאַן האָבן זיך באַלד איינגעשפּאַנט, געאַרבעט פון באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט און מיט שוויס און מיט בלוט האָט מען געיאָגט ס׳מזל אַרויף. אינגיכן האָט מען געבראַכן אַ וואַנט, פאַרגרעסערט די סטאָר און נאָך שווערער געפּראַצעוועט.

אין יענער צייט פלעגן קיין אַמעריקע אַריינקומען אַ סך מענער אָן זייערע פרויען. ביי עלנטע בחורים׳לעך, אַז עס האָט זיך צעריסן אַ העמד,

אַ זאַק, האָט מען דאָס אָװעקגעװאָרפן. אָדער געטראָגן צעריסענערהייט, האָט זי זיי געװיזן אַ װעג װי אַזוי איבערצוניצעװען די קעלנער, גערעכנט בלויז צען סענט פאַרן פאַרריכטן. צעריסענע העמדער און זאָקן זײַנען געװען געגוג און די צענסענטיקע האָבן זיך געקליבן, געקליבן. זי האָט צוגענומען צו דער אַרבעט אַ דינסט, אַן עלטערע פרוי מיט איין אויג און פאַרן עסן און אַביסל קליינגעלט האָט זי געאַרבעט בײַ איר.

דערנאָך איז איר אײַנגעפאַלן, אַז זי זאָל אויך אָנהויבן צוגרייטן עסן פאַר די אַרבעטער אין דער װעשערײַ און דערפון האָט זי אויך גוט פאַרדינט. אָט אַזוי האָט זי געהאַלטן אין איין צוטראַכטן נײַע סקימס ביז פון דער האַנט־לאָנדרי איז אויסגעװאָקסן אַ גרויסע מעכאַניזירטע װעשערײַ. װאָלט דאָך שוין געמעגט נעמען אַ סוף צו איר פּראַצעװען און זי זאָל שוין אויך װיסן פון אַ װעלט, איז אָבער . . .

מיט אַמאָל װערט איר פּנים פאַרצויגן װי מיט אַ שװאַרצער כמאַרע און זי נעמט װידער דערציילן:

װי נאָר דער מאַן מײַנער האָט דערזען, אַז פון דער לאָנדרי װערט אַ שמאַלץ־גרוב, האָט ער גענומען אַרײַנשװימען אין רײַכן לעבן: אויפגעהערט צו אַרבעטן, געגעסן, געטרונקען פון שענסטן און בעסטן. אַ נײַע הויט איז אויף אים אָנגעװאָקסן. זײַן פאַרזאָרגט, פאַר׳חושכ׳ט געזיכט האָט זיך אויסגעלייטערט, די אויגן האָבן אָנגעהויבן ברענען מיט אַ מאָדנעם פײַערל. ער האָט זיך גענומען פּוצן, געקייט גראָבע ציגאַרן, געלייגט געלט אין באַנק, געשריבן טשעקס און זיך געקריגט מיט מיר.

— װאָס האָט ער געהאַט צו מיר? ער האָט געהאַט טענות צו מיר, הלמאי איך בין תּמיד מיד, אָפּגעלעבט, אויסגעװעפּט. ס׳איז קיין חידוש ניט געװען. איך בין געלעגן אײַנגעלייגט אין דער לאָנדרי און ניט אָנגעקוקט די ליכטיקע שײַן. מורא געהאַט צו פאַרלאָזן דאָס געשעפט אויף פרעמדע הענט.

דער מאַן אירער האָט זי אײנמאָל מיטגענומען אין אַ נאַכט־קלוב. די פרויען, אויסגעפּוצטע נאָך דער לעצטער מאָדע, מיט אויסגערוטע געזיכטער, האָבן דאָרט אויסגעזען זייער יונג, כאָטש זיי זײַנען שוין געװען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן . . . און האָט די מוזיק געגעבן אַ שפּיל, האָבן די ליאַלקעס גענומען שפּרינגען די מענער גלײַך אין די אויגן. איר מאַן איז פּשוט אויסגעגאַנגען נאָך אָט־די װײַבלעך. מיט די אויגן האָט ער זיי געגעסן און אויף איר זיך אפילו ניט אומגעקוקט. זי האָט געזען אין זײַן יעדן בליק, אַז זי איז אים אין װעג . . . ער פלעגט אָנהויבן פאַרפאַלן װערן אויף גאַנצע נעכט. דאָס האַרץ האָט איר געפּלאַצט, אָבער זי האָט געשװיגן.

דאָס שווייגן האָט געגעסן איר לייב אַזוי ווי זשאַווער. זי האָט אָנגעהויבן איינטריקענען פון טאָג צו טאָג, ביז זי איז קראַנק געוואָרן און מען האָט זי אַוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל. ווען דער מאַן פלעגט זי קומען באַזוכן, איז ער געזעסן ווי אויף שפּילקעס און אַלע ווײַלע געקוקט אויפן גאָלדענעם זייגערל . . . שפּעטער האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען צו איר. ווען זי איז אַרויס פון שפּיטאָל האָט זי זיך ערשט דערוואוסט פון איר גרויסן בראָך: דער מאַן אירער האָט פאַרקויפט די וועשערײַ, אַלץ פאַרנומען און איז אַוועק. איר פּראַצע האָט ער אָן אַנדערער אַוועקגעגעבן און איר האָט ער געשיקט אַ גט . . . זי האָט אים אפילו ניט געלאָדן. צו גרויס איז געווען דער פּאַטש אין פּנים, אַז זי זאָל עס קאָנען אַרויסווײַזן פאַר מענטשן.

נאָך ביז היינטיקן טאָג גייט זי אַף קבר אָבות צו איר לאַנדרי . . .

ווען זי האָט זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס, האָט זיך איר געמאַכט אַ שטעלע אין אַ זומער־האָטעל. צווישן די געסט האָט זיך געפונען אַן עלטערער מענטש, וואָס האָט ניט געוואָלט עסן אין עס־צימער, פלעגט זי אים דאָס עסן סערווירן אין אַ פּריוואַטן צימער. אָפטמאָל פלעגט ער זי בעטן צו פאַרבלייבן ביז ער וועט אָפּעסן, ער זאָל האָבן צו וועמען אַ וואָרט אויסצורייידן.

איינמאָל האָט ער זי איינגעלאָדן אויף אַ שפּאַציר אין זיין אויטאָמאָביל. דער שאָפער האָט געטריבן די מאַשין און ער האָט גערעדט צו איר פון וועלט־זאַכן. ער איז געווען זייער אַ קלוגער און געבילדעטער מענטש. האָט זי ליב געהאַט אים הערן ריידן און געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס. פון דאַן אָן פלעגן זיי שוין פאַרברייינגען יעדן אָוונט און זי האָט געפילט, אַז זי ווערט אַלץ מער און מער צוגעבונדן צו אָט־דעם מענטשן. זי האָט אים דערציילט פון איר שווער לעבן — ווי אַזוי זי האָט אַרויפגעאַרבעט אַ גרויס געשעפט און וואָס עס איז געוואָרן פון איר פּראַצע. האָט ער איר אויך דער־ציילט, אַז ער האָט גע׳ירשנ׳ט אַ רייכע ירושה; ס׳ווייב איז ביי אים שוין לאַנג געשטאָרבן, קיין קינדער האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט, איז ער איצט, אויף די עלטערע יאָרן, אַליין, און צי וואָלט זי ניט געוואָלט זיך מיט אים פאַרבינדן. עס וועט איר ניט פעלן פון פויגל־מילך.

אַ שטראָם איז אַריבער אירע גלידער. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן און ניט געקאָנט. זי האָט נאָר אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן צו זען, צי מיינט ער עס אַף אַן אמת . . . ער האָט זי פאַרשטאַנען און מער וועגן דעם ניט גערעדט. פאַרן אַוועקגיין האָט ער זי צערטלעך אַרומגענומען. זי האָט אַ ציטער געטאָן. זי איז אַרויס פון צימער אָן אַ זיי־געזונט.

ערשט אויף מאָרגן, ווען זי האָט אים אַ שיינענדיקע דאָס עסן גע־בראַכט, האָט ער געשיקט נאָך אַ לאַיער און אויף איר נאָמען זיין גאַנץ פאַרמעגן איבערגעשריבן: הייזער, קראָמען און געלט.

* * *

איצט וואוינט זי אין אַ הויז ווי אַ פּאַלאַץ, מיט דינסטן און דינער, וועלכע קניען זיך פאַר איר און רופן זי „מאַדאַם". אָבער איר בעכער איז אַלץ נאָך ניט פול . . . זי האָט די קינדער אויך פאַרשפּילט. דריי זין האָט זי געבוירן און דערצויגן. אָבער „פרעמד איז איר איר אייגן לייב". זי איז אַלע מאָל געווען אַזוי פאַרקאָכט אין געשעפט, אַז זי האָט גאָר קיין צייט ניט געהאַט צו זען, ווי פאַרפרעמדט די קינדער ווערן פון איר. קיין געלט האָט די קינדער ניט אויסגעפעלט, האָט מען זיך ניט געוואָלט לערנען, געהוליעט ביינאַכט און געשלאָפן בייטאָג, און אַז די מאַמע איז אַוועקגעפאַלן און דער טאַטע איז אויסגערונען, איז זיך שוין יעדערער געוואָרן אַ מענטש פאַר זיך.

מיט אַ פאַרשטיקט קול מאַכט זי אַ חשבון פון אירע דריי זין:

— איינער איז אַוועק מיט אַן אַקטריסע און כ'ווייס ניט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. דער צווייטער איז געוואָרן אַ מאַטראָס און זעלטן ווען איך הער פון אים. דער דריטער האָט געאַרבעט, געווען אַ טייער קינד, אָבער זינט איך האָב חתונה געהאַט וויל ער מיך ניט קענען. ער איז געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער ביי די אַרבעטלאָזע, רעדט אויף גאַסן־ראָגן און גייט נאַקעט און באָרוועס. איינמאָל האָב איך אים אָפּגעוואַרט אויף אַ ראָג, וואו ער האָט געדאַרפט ריידן. ווען איך בין אַהין צוגעקומען, זיינען שוין געשטאַנען הונדערטער מענטשן און געוואַרט אויף אים, און ווען מען האָט אים דערזען איז געוואָרן אַזאַ פּאַטשעריי, ווי אַ קייסער וואָלט געקומען. דאַכט זיך, אַ קוק טאָן אויף אים, איז קוים וואָס ער לעבט: אויסגעדאַרט אויסגעקוואַרט, דאָס פּנים — ווייס ווי קרייד, די באַקן איינגעפאַלן, נאָר אויגן האָט ער — פלאַם־פייער! ער איז אַרויף אויף אַ לייטער און גענומען ריידן. אָבער דאָס איז ניט געווען גלאַט גערעדט. איך ווייס גאָר ניט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ קראַפט, אַזאַ היץ, אַזאַ ברען.

— און איך, די מאַמע בין געשטאַנען פונוייטן, אויסגעפוצט אין די רייכע קליידער און זיך געשעמט צוגיין צו מיין זון. ווען ער איז אַוועק, בין איך אים נאָכגעגאַנגען. ווען ער האָט זיך פאַרקירעוועט אין אַ שמאָל, פינצטער געסל, האָב איך אים אָפּגעשטעלט:

— קינד מיינס, — האָב איך זיך ביי אים געבעטן, — זע ווי אָפּגעריסן

דו ביסט. נעם ביי מיר אַ פּאָר דאָלער און באַקלייד זיך. ס׳ברענט דאָך מיר ס׳פּנים פון דיין הילוך.

— איך קאָן ניט נעמען אַזאַ געלט, — האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

— וואָס הייסט,אַזאַ געלט ? איך האָב דאָס דען גע׳גנב׳עט ?

— נאָך ערגער ווי גע׳גנב׳עט, — האָט ער געענטפערט, און איז אַוועק.

פון אירע לעצטע רייד האָט זיך געפילט דער אָטעם פון טרויער און פון מענטשלעכן אומגליק. אַ ווײַלע זיינען מיר געזעסן און די שטילקייט איז אויף אונז ביידן געפאַלן שווער.

* * *

די זון, אַ מידע פון גליען אַ גאַנצן טאָג, האָט פאַרן זעצן זיך געוואָרפן אַ שטראַל און אויסגעטריקנט אַ טרער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון דער מוטער׳ס אויג.

עס האָט זיך דערהערט דער גלאָק, וואָס רופט צו אָוונט־ברויט עסן. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איר פאַרכמורעט פּנים האָט זיך צעשיינט :

— אָט קומט מיין מאַן !

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און דערזען : אַ פעסט־געבויטער מאַן מיט אַ גרייז־גרויען קאָפּ, אַ ליכטיקן פּנים, איז ער געפאָרן אין אַ וויגל־שטול, געדרייט מיט די הענט די רעדער פון שטול — אַ פּאַראַליזירטער אויף ביידע פיס . . .

נחת פון דער שוויגער

אַלע האָבן ליב מיין שוויגער, אפילו אירע דריי שניר. ניט ליב האָבן זי, איז אוממעגלעך. זי וואוינט אין דער זעלביקער דירה שוין אַ שאָק מיט יאָרן, און די שכנים האַלטן פון איר אַ וועלט. פרעגט, צי האָט זי עמיצן פון זיי געזאָגט, „אַט קרום גייסטו". זיי קומען זיך מיט איר האַלטן אַן עצה, בעטן אַ טובה, און אפילו שאלות פסק'ענט זי פאַר זיי.

איינמאָל קומט אַריין אַ יונג ווייבעלע שטאַרק פאַרזאָרגט: זי האָט געעפנט אַן עוף און געפונען אין פופיקל אַ נאָדל. רופט זיך אָן מיין שוויגער: „גיי, טאָכטער, אַהיים. דאָס פופיקל וואַרף אַרויס. די נאָדל מעגסטו נוצן".

און זאָל זיך מיין שוויגער דערוויסן, אַז דער לענדלאָרד האָט גע־סטראַשעט אַן אַרבעטלאָזן מיט אַ אַרויסשטעלן פון דער דירה, נעמט זי באַלד קלאַפּן טרעוואָגע: רופט צוזאַמען די שכנים און מען געפינט אַ מיטל, ווי אַזוי דורכצוקומען מיטן לענדלאָרד.

אָדער, אַ שטייגער, זאָל אינמיטן נאַכט ביי אַ שכנה חלילה קראַנק ווערן אַ קינד. וועמען וועקט מען אויף אין מיטן נאַכט? מיין שוויגער? און טאָמער וועט איר זי וועלן אָפּהאַלטן, אַז ס'איז ניט פאַר אירע כחות, וועט זי אייך ענטפערן: „וואָס פאַר אַ וועלט וואָלט דאָס געווען, ווען איין מענטש זאָל ניט העלפן אַ צווייטן?".

— צי איך האָב אַ שווער? נאָך אַ מין שווער! אַ שיינער איד און אַ לייטישער, אַ גרויסער למדן. אָבער מיין שוויגער איז אָפּגעפרעמדט פון אים. שוין יאָרן, אַז זי טראָגט אויף אים אַ שווער האַרץ. קיינער ווייסט ניט מיט וואָס דער שווער האָט זיך פאַרזינדיקט. אפילו פאַר די אייגענע קינדער איז דער סוד פאַרשלאָסן אויף טויזנט שלעסער. פונדעסטוועגן, אַז עס קומען געסט, איז דער טיש שיין געגרייט, דער שווער זיצט אויבן־אָן און די שוויגער גיט אים אָפּ גרויס כבוד.

זי איז זייער אַ שטאָלצע, מיין שוויגער. זי מעג ווי בייַנקען נאָך די קינדער און די אייניקלעך, וועט זי אַליין ניט קומען, סיידן מען לאַדט זי איין. „איך האָב פיינט", זאָגט זי, „אַריינפאַלן ווי אַ יון אין סוכה".

דערפאַר, ווען זי קומט צו־גאַסט, ווערט פריילעך אין אַלע ווינקעלעך.

אַלע מאָל האָט זי אייך עפּעס צו דערציילן, אַז מען קאָן זיך קאָטשען פאַר געלעכטער. היינט דאָס אָנטאָן אירס: דאָס קאָפּטל איז ווי געפּאַלענער שניי, די באַזילבערטע האָר גלאַט פאַרקעמט, מיט אַ שרונט, פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּ און פאַרלייגט איבער׳ן קאָפּ ווי אַ קרוין. דאָס זיסע שמייכעלע גייט איר ניט אַראָפּ פון די ליפּן, די אויגן גלאַנצן ווי ביי אַ יונג מיידל.

אַמאָל ווילט זיך אַ שטיף טאָן מיט מיין שוויגער, זאָג איך צו איר: „שוויגער, איר בליט דאָך, קיין עין־הרע, ווי אַ רויז". מאַכט זי אַ כלומר׳שט בייזע מינע און זאָגט: „מכשפה, ביסט מיך חושד?"

איינמאָל האָב איך פאַרקלאָגט מיין מאַן פאַר זיין מאַמען, אַז ער וויל מיר נישט קויפן קיין נייע ראַדיאָ, ווייל די אַלטע ראַדיאָ כאָרכלעט. האָט זי געגומען מוסר׳ן דעם זון:

„פאַרוואָס קויפסטו איר ניט קיין ראַדיאָ? וואָס נאָך פאַר פאַרגעניגנס האָט זי ביי דיר? די זיידענע קליידער, וואָס זי גייט ביי דיר אָנגעטאָן, די ברילִיאַנטן, וואָס זי טראָגט, די דאַטשעס, וואָס זי פאָרט ביי דיר?"

מיין מאַן האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט בלויז געקוקט מיט ליבשאַפט אויף זיין מאַמען און געשמייכלט. ערשט ווען מיר זיינען געבליבן אַליין, מאַכט די שוויגער צו מיר:

„צו וואָס טויג דיר אַ ראַדיאָ, אַז דו ביסט אַליין אַ ראַדיאָ? דו זינגסט און שפּילסט מאַנדאָלינע און דו האָסט אַזאַ געשליפן צינגל צו ריידן — אַן אמת׳ע ראַדיאָ!"

עֶר האָט ליב געהאַט אַ קערטל

אַ מאַן אַ געמבלער, הערט איר, איז געגליכן צו אַ קאַנסער. ניט פון קאָפּ זאָגט מען עס אייך, נאָר פון „עקספּיריענס״, פון אייגענער דערפאַרונג, הייסט עס. ווי גייט דאָס ווערטל: „פרעג ניט דעם רופא, פרעגט דעם׳ חולה״.

איך געדיינק, ווען איך האָב זיך נאָר באַקענט מיט מיין באַשערטן, האָב איך באַלד געזען, אַז ער איז אַ פאַרברענטער קאָרטן־שפּילער. נאָר ווען ער האָט מיר שפּעטער פאָרגעשלאָגן חתונה צו האָבן מיט אים, האָב איך פונדעסטוועגן געטראַכט: ניט געפערלעך; אַ ווייב קאָן אַ מאַן אָפּגעוואוינען פון אַ סך זאַכן. אַ ווייב קאָן שטעלן אַ מאַן אויף די פיס און קאָן אים אומוואַרפן פון די פיס. און מיט וואָס וואָלט געווען בעסער, אַז ווען ניט קאָרטן וואָלט ער געווען פאַרקאָכט אין פערדלעך? נאָך אַלעמען, איז דאָך חתונה האָבן אויך אַ שטיקל געמבל. מען ציט אויס די האַנט נאָכ׳ן צוקער, און מען קריגט דעם פעפער. דער עיקר, ער איז אַ שיינער, אַ גוטער פאַרדינער און נאָך מיר נעמט ער איין די כפרה. איז וואָס נאָך קאָן איך פאַרלאַנגען? איך דאַרף זיך נאָר אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, ווי אַזוי אים מאַכן פאַר אַ מענטשן נ אָ ך דער חתונה. ס׳ערשטע, האָב איך געקלערט, וועל איך ביי אים צונעמען אַלע וואָך די גאַנצע פּעידע מיטן פאַרמאַכטן קאָנווערטל. איך וועל אים געבן יעדן טאָג אַ דאַים אויף קאַרפעיר, מיטאָג וועט ער מיטנעמען פון דער היים. און אַזוי ווי ער דוויכערט ניט, איז צו־וואָס דאַרף אַ מענטש זיך האַלטן מיט געלט? און ווי באַלד ער וועט ניט האָבן קיין „פּאָדים״, וועט ער אויס קאַפּעליוש־מאַכער און קומט גלייך פון דער אַרבעט אַהיים.

אָט אַזוי האָב איך מיר געהאַט דעם׳ גאַנצן פּלאַן אַ פאַרטיקן. הכלל, אויף מאָרגן נאָך דער חופּה האָט מיין מאַן זיך ברייטלעך אַריינגעזעצט אין דער וויג־שטול, מיך האָט ער אַוועקגעזעצט אויפן שויס און אַזוי ווי ער איז אַ וואויל־געלערנטער, מיין מאַן, האָט ער מיט אַ בליי־פעדער אויסגערעכנט ביז צו אַ סענט וויפיל א י ך דאַרף יעדע וואָך אויף דער הוצאה. און ניט לאַנג געטראַכט, האָט ער, ווי אַן אמת׳ער דזשענטלמאַן,

מיר גלייך דערלאַנגט זעקס דאָלער מיט דריי און דרייסיק סענט. „אָט אַזוי, מאַכט ער, וועסטו ביי מיר קריגן אָט־די גאַנצע סומע יעדע וואָך און דו וועסט ביי מיר לעבן ווי אַ פּרינצעסין . . . דאַרפסט נאָר געדיינקען, האָט ער צוגעגעבן, אַז ווען דו גייסט עפּעס איינקויפן, מוזטו זיך גוט דינגען. אַז ווען יענער זאָגט דיר אַ דאָלער, דאַרפסטו ענטפערן: „איר נעמט פערציק סענט — אַניט, גיי איך אַוועק". ווארים די פּעיקערס, אַז זיי דערזעען אַ יונג ווייבעלע, קאָנען זיי אָפּשינדן די הויט".

אָפּגעזאָגט, האָט ער מיך אַראָפּגעלאָזט פון שויס, ווי מען לאָזט אַראָפּ אַ קאַץ, און מיר באַפוילן זיך נעמען צו דער באַלעבאַטישקייט. דאָס איז געווען דער ערשטער אַרויספאָר. מיט צוויי טעג שפּעטער בין איך שוין געזעסן ביים שיין־געגרייטן טיש, אַן אָנגעהאָרעוועטע און אַן אויסגעפּוצטע און געוואַרט אויף מיין מאַן מיטן סאַפּער.

ערשט נאָך האַלבע נאַכט איז ער אַריינגעקומען אין הויז, מיט שטי־לינקע טריטעלעך ווי אַ גוטער איד, וואָס טוט אַ קוש די מזוזה, און מיט אַ שמייכעלע, ווי ניט אים מיינט מען, זייער איידל אַ זאָג געטאָן: „שלאָפסט נאָך ניט אַזוי שפּעט? ניט געדאַרפט אויף מיר וואַרטן. איך בין שוין אַן אָפּגעגעסענער".

דאָס האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט אַ פּאָר מאָל אין וואָך. ס׳האָט ניט געהאָלפן קיין וויינען און קיין קלאָגן. ער פלעגט נאָר ענטפערן מיט אַ שמייכעלע: „הער־אויף וויינען, דיינע שיינע בלויע אויגן וועלן ווערן רויט. און איך האָב ניט ליב קיין פרוי מיט רויטע אויגן". האָב איך אים גע־סטראַשעט, אַז איך וועל אַנטלויפן, וואוהין די אויגן וועלן מיך טראָגן. האָט ער געענטפערט: „צו־וואָס דאַרפסטו לויפן, קאָנסט גיין פּאַמעלעך, איך האַלט דיך דען צו?"

אַמאָל פלעג איך נעמען ריידן מיט אים מיט גוטן, ביז ס׳איז מיר טרוקן געוואָרן אין האַלז, און ער זאָל כאָטש ענטפערן אַ וואָרט. געזעסן געקוקט אויף מיר מיט אַ קלוגיטשקן שמייכעלע, כאָטש האַק אים און בראָק אים.

— „וואָס שווייגסטו?! — האָב איך איינמאָל אויסגעשריען און בין גרייט געווען אים צערייסן אין שטיקער. „ס׳איז ניט שיין — האָט ער געזאָגט, אַריינפאַלן יענעם אין די רייד, ווען איינער רעדט צו דיר".

— „שלאָג מיט אים כפּרות, מיין קינד"! פלעגט די מאַמע מיר פאַלן צו די פיס, „מיט וואָס דער טאָפּ שמעקט זיך אָן, מיט דעם ווערט ער צעבראָכן".

ס׳איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט . . . האָב איך געהאָפט, ס׳וועט קומען אַ קינד, וועט עס אים ציען אַהיים. איז געקומען אַ קינד, און נאָך

אַ קינד, און איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט, בין איך שוין געווען אַ מאַמע פון פיר קינדער, ווי די ליכטיקע שטערן. די הוצאה איז כסדר געוואָרן גרעסער, און ער האָט מיר אַלץ געציילט די גרויפּן אין טאָפּ. וואָלט ער כאָטש אַזוי אָפּט ניט געווען פאַרשפּילט די שכירות, וואָלט איך נאָך ווי עס איז געווען געשטרעקט די דעקן נאָך די עקן. אָבער קוים איז ער געקומען אַהיים ריין ווי אַ טעלער, איז כאָטש פון בריק אין וואַסער.

איר וואָלט אים געווען געדאַרפט אָנקוקן נאָך אַ נאַכט געמבלען, — אַ שענערן לייגט מען אין קבר. דאָס פּנים געל ווי פאַרמעט, די אויגן רויט, אונטערגעבעט מיט געשוואָלענע קישעלעך, פלעגט ער אַ שווייגנדיקער זיך אַ וואַרף טאָן אויפ׳ן בעט מיט׳ן אָנטאָן, מיט אַלעמען, און אַזוי אָפּשלאָפן דעם גאַנצן טאָג. ערשט אין אָוונט האָב איך פון אים געמוזט רייסן שטי־קער, אַז ער זאָל אויפשטיין און לייגן זיך שלאָפן ווי אַ מענטש. אין אַזוינע טעג האָב איך געדאַרפט באַרגן און לייען. און אַז מען האָט מיר מער ניט געוואָלט געטרויען, איז געווען כאָטש פאַרוואַרף די ציין אויף דער פּאָליצע.

איינמאָל איז ביי מיר קראַנק געוואָרן אַ קינד. אַ פּאָר טעג האָט עס געברענט ווי אַ העליש־פייער, און איך האָב ניט געהאַט אויף אַ דאָקטאָר. בעט איך זיך ביי מיין מאַן, אַז ער זאָל מיר געבן זיין זייגער אויף צו פאַרזעצן. „איך האָב ניט קיין זייגער" — האָט מיין מאַן קאַלט געענט־פערט. — „וואָס הייסט, דו האָסט ניט קיין זייגער?..." — „מען האָט אים ביי מיר אַרויסגעגנב׳עט אין סאָבוועי", ענטפערט ער, און זאָל ער דערביי כאָטש אַ פינטל טאָן מיט אַן אויג. „ווייזט אויס", — זאָגט איך, — „אַז דער גנב איז דיר נאָכגעגאַנגען ביז אַהיים. וואָרים ס׳פעלן מיר די גאָלדענע אוירינגלעך אויך, אונזער רחל׳עס לאַקעטל, און ס׳איז מיר שוין איצט אויך קלאָר, וואו דיינע גאָלדענע ציין זיינען".

אוי, מיין פריינט, איך וואָלט אייך געקענט דערציילן און דערציילן צו וואָס געמבלעריי קאָן דערפירן אַ מענטשן. נאָר איך וויל גאָר אַזוי ווייט ניט רעדן. גענוג פאַר אייך, אַז איך האָב אָפּגעפינצטערט מיינע יונגע יאָרן, ניט אָנגעקוקט די ליכטיקע שיין. און די קינדער? ווי נאָר זיי האָבן זיך געשטעלט אַביסל אויף די פיס, האָבן זיי חתונה געהאַט און אַנטלאָפן פון הויז, ווי פון אַ שריפה.

— וואָס מיין מאַן טוט איצט? הלואי האָלט איך שוין אַזוי מיט אַלע געמבלערס, חוץ זיין שאָדן. אָט וועל איך אייך געבן אַ פּאָרטרעט פון אים:

זיינע געדיכטע, שוואַרצע האָר זיינען שוין לאַנג אויסגעפאַלן; זיין ברייטער שטערן איז ווי צעאַקערטע ערד; די ברענענדיקע אויגן זיינען פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן, די באַקן איינגעפאַלן, די ציין אַרויסגענומען צוליב זיין רומאַטעס; פון כסדר טאַשעווען די קאָרטן ציטערן ביי אים די

הענט; פון אַזויפיל אַרומלויפן חלש'ן אים די פיס, זיצט ער שוין איצט אין הויז און וויל נאָר, אַז איך זאָל זיצן מיט אים. ווי נאָר ער דערזעט, אַז איך וויל אַריבערטרעטן די שוועל, מאַכט ער: „זע נאָר, זי גייט שוין! נאָר ס'טראָגט זי אַרום, ווי דריי וואָכן אין איין העמד". שווייג איך. אָבער אַ מענטש האָט דאָך אַ גאַל און גאַל איז ביטער, זאָג איך צו אים, דוקא אין גוטן מוט: „איציק, — זאָג איך, — איך בין שוין מיינס אין שטוב אָפּגעזעסן, ווען די קינדער זיינען געווען קליין און איך האָב געמוזט אַנקומען צו דיין לאַסקע. אָבער איצט, — זאָג איך, — אַז די קינדער זאָרגן שוין פאַר אונזביידן, איז ביז וואַנען נאָך דאַרף איך זיין צו דיר פאַר־קויפט?"

אָפּגעזאָגט, גיי איך אַוועק מיט אַ שכנה צו אַ קאָנצערט, אָדער אין אַ מואווי. איך קום אַהיים, מיין מאַן זיצט אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטער אין דעם וויג־שטול און איך זע, ווי ער ברענט פון רציחה. מיטאַמאָל פּלאַצט ער אַרויס: „צו הערן אַ קאָנצערט האָט עס געדאַרפט געדויערן ביז האַלבע נאַכט?" — „וואָס בין איך שולדיק, — זאָג איך, — אַז די זינגערין זאַהיקעט זיך?"

מיין מאַן האָט דערפילט מיין סאַרקאַסטישן שטאָך, איז ער אויפ־געשפּרונגען ווי אַ ווילדע חיה, האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס בילד, אויף וועלכן מיר זיינען אַראָפּגענומען אַלס חתן־כלה, און טראַך אין טשיינע־קלאָזעט אַריין. פון'ם געבראַזג זיינען זיך די שכנים צוזאַמענגעלאָפן ניט טויט, ניט לעבעדיק:

— „וואָס טוט זיך דאָ?!"

— „ניט אייער טאַטנ'ס עסק!" — רופט זיך אָפּ מיין מאַן און איז אַוועק פון הויז. און אַזוי שוין פינף נעכט, אַז ער שלאָפט ניט אינדערהיים. זאָגן שכנים: „אַ שיינע ריינע כפּרה".

איר ווייסט דאָך, אויף אַ געפּאַלענעם בוים שפּרינגען אַלע ציגן. אַז אַ מענטש איז אַלט, קראַנק, צעבראָכן, מיט די קינדער אויך צעריסן, קאָן ער דאָך אַזוי אַוועקפאַלן אין גאַס, און קיין האָן זאָל אַפילו ניט קרייען. וואָלט ער כאָטש געהאַט ביי זיך אַ פּאָר סענט, וואָלט ער זיך געקענט אַריינכאַפּן ערגעץ „נעמען אַ האַנט". ער וואָלט זיך ווידער דערפילט ווי אַ פיש אין וואַסער.

* * *

די אונטערשטע שורה: אַ קאַנסער דאַרף מען אויסשניידן, ווען מען איז נאָך יונג. איצט איז שוין צו־שפּעט . . .

דאָס איז נאָך גאָרניט...

אָוונט. סערע, אַ יונגינקע, ווי אַ שול־מיידל, אָנגעטאָן אין אַ ליכטיק קלייד, די האָר פֿאַרקעמט מיט אַ הויכער פֿריטשאָסקע ווי אַ קרוין און מיט אַ ווייסער בלום אין די האָר, זיצט אין שיין־מעבלירטן עס־צימער און אירע גרויסע אומעטיקע אויגן קוקן ערגעץ אין דער וועלט אַריין. זי זעט אויס ווי אַ פֿויגל מיט געבונדענע פֿליגל. ס׳דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. סערע גיט זיך אַ צאַפּל און לויט עפֿענען. ס׳קומט אַריין איר שוועגערין זלאַטע, אַ מיטל־יאָריקע פֿרוי, די גרויע האָר גלאַט פֿאַר־קעמט. זי איז בלאַס פֿון אויפֿרעגונג.

זלאַטע: ניט געווען דאָ מיין סעם?

סערע: ניט געווען. וואָס איז דען?

זלאַטע: נו, קאָן מען לעבן פֿון אַזאַ מאַן? מיר עסן נאָר אָפּ סאַפּער, מאַכט ער צו מיר: „קום, וועלן מיר צוגיין צו סערע׳ן״. פֿרעג איך אים אָקאָרשט: „וואָס עפּעס אינמיטן דערינען צו דער שוועסטער? אַ בער איז געפּגר׳ט אין וואַלד?״ זאָגט ער: „כ׳האָב געהערט, אַז ס׳איז דאָרט ניט גלאַטיק״. זאָג איך: „טאָ וואַרט, אָט וועל איך נאָר צעוואַשן ס׳געשיר״. זאָגט ער: „איך וועל וואַרטן אויפֿן סטופּ״. זאָג איך: „מיט וואָס בין איך באַוואָרנט, אַז דו וועסט זיך ניט אַריינכאַפּן ערגעץ נעמען אַ האַנט?״ טוט ער עפּעס אַ געשריי גיט אַ קלאַפּ מיט דער טיר און אַנטלויפֿט. לויף איך אים נאָך, אָבער ער איז שוין ווי אויסגערונען. איך שטיי און וואַרט און וואַרט, ניטאָ פֿון אים קיין סימן: קלער איך, אפֿשר איז ער אַליין אַוועק צו דער שוועסטער? ערשט, ער איז דאָרט אויך ניטאָ. איז וואו האָט ער געקענט אַהינקומען? נאָך אַלעמען איז דאָך אַ מענטש ניט קיין שפּילקע.

סערע: ס׳וועט זיך אָפּזוכן דער שאָדן. זיצט. (טראָגט איר אונטער אַ בענקל).

זלאַטע: ניין! איך מוז לויפֿן אַהיים. ער קאָן זיך נאָך דאָרטן לייגן שלאָפֿן און מיר וועט דערווייל אָפּגיין ס׳האַרץ.

סערע: און מאָרגן וועט ער אַנטלויפֿן?

זלאַטע: גוט צו זאָגן „מאָרגן״. אַניט לאָזט ער זיך דען ריידן? אינדערפֿרי, אַז איך וויל אים אַמאָל אָפּשפּילן ווי אים קומט, זאָגט ער:

„אָ, זי מאַכט מיר שוין אַ פּאַטשאַטעק אויפן ניכטערן האַרצן".

ווען ער קומט פון דער אַרבעט איז ער דאָך הונגעריק, טאָר מען אים ווידער ניט אָנרירן. נאָך סאַפּער, ווי איך עפן נאָר ס'מויל, מאַכט ער: „טאָמער גיט זי מיר שוין עסן, דאַרף איך עס אויסקריינקען". און פון זונטיק איז דאָך אָפּגערעדט. זונטיק דאַרף ער רוען. טוט ער זיך אָן בגדי מלכות און גייט אַוועק אין אַ שוויץ און איך קוק אים ניט אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט . . . אָבער היינט וועט ער זיך שוין פון מיינע הענט ניט אַרויס־דרייען. מיינסט, אַז עס איז ס'ערשטע מאָל? ער האָט מיר שוין אַמאָל אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל, וואָס איך וועל דאָס ניט פאַרגעסן ביז'ן טויט! אויב איך האָב דיר שוין דערציילט, שטעל מיך אָפּ אינמיטן. ס'איז געווען זומער, אין אַ הייסן זונטיק, מאַכט צו מיר מיין סעם: „היינט פאָרן מיר קיין קוני איילאַנד. טו אָן די קינדער און איך וועל אַרונטערלויפן עפּעס אַרויפכאַפּן פאַר סענדוויטשעס. נו, איז ער אַוועק, ווי דער שבת קודש גייט אַוועק. די קינדער רייסן פון מיר די הויט: „וואו איז פּאַפּאַ?" און ער — ווי אין ים אַריין! איך פיל, אַז ס'קלייבט זיך אין מיר דער כעס, אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן, אַז טאָמער קומט ער אָן, צערייס אך אים אין שטיקער. נעם איך שוין די קינדער און וויל גיין אָן זייער שיינעם טאַטן, טו איך זיך אַ כאַפּ, ער האָט אויסגעליידיקט מיין בייטעלע ביז אַ סענט. די אונטערשטע שורה — אַהיים איז ער געקומען אויף מאָרגן אינדערפרי, ריין ווי אַ טעלער. פון דאַן אָן, ווען ער ציט זיך אויס פאַר מיינע אויגן, גלויב איך אים ניט פון דאַנען אַהין. די „פּעידע" מוז ער מיר אַוועקגעבן מיטן פאַרמאַכטן קאָנווערטל, און איך האַלט ס'געלט אונטערן שלאָס. דאָס שליסלעלע טראָג איך אויפן האַלז. זעסט? (ווייזט איר ס'שליסעלע). נו, די נאַכט שטייט ניט. מען דאַרף לויפן אַהיים. (גייט־צו צו דער טיר און קערט זיך אום) שאַ, און וואו איז דיין טשאַרלי אַזוי שפּעט?

סערע: (מיט אַ פיינלעכן שמייכל): איך האָב אים געבעטן זיין איין אָוונט מיטן קינד אין הויז, געוואָלט זיך ערגעץ דורכגיין. זינט ס'קינד איז געבוירן געוואָרן, בין איך ווי אין אַ שטייג. האָט ער זוך אַרויסגעכאַפּט קויפן סיגאַרעטן און פאַרגעסן אַפּנים דעם אַדרעס אויף צוריק.

זלאַטע: דיין טשאַרלי וואָלט ביי מיר געקייט די ערד פאַר אַזאַ זאַך.

סערע: דאָס איז נאָך גאָרניט. איך האָב אייך שוין דערציילט, וואָס ער האָט מיר אָפּגעטאָן ביי־יאָר?

זלאַטע: ווען דערציילסטו דען עפּעס? ביי דיר איך דאָך אַ קניפּ אין באַק, אַז די פאַרב זאָל שטיין. אָבער האָב קיין מורא ניט, ווענט האָבן אויערן און גאַסן האָבן אויגן. אַנדערע ריידן שוין פאַר דיר.

סערע: (דערשטוינט) מען רעדט? וואָס רעדט מען?!

זלאַטע: אַ דאגה מיר. זאָלן זיי ריידן פון דיר געזונטערהייט און פון זיך קראַנקערהייט. דערציייל בעסער, וואָס דיין טשאַרלי האָט דיר אָפּגעטאָן.

סערע: ניי־יאָר אָוונט קומט מיין טשאַרלי אַהיים אַ פריילעכער, אַ זינגענדיקער, פּוצט זיך אויס, אַזש אין פּנים אים ניט אריינצוקוקן. „סערע־לע״, מאַכט ער און דריקט מיך צו צום האַרצן, „דו ווייסט, היינט איז דאָך פּונקט אַ יאָר נאָך אונזער חתונה, לויף איך שוין אַרונטער קויפן אַ פלאַש וויין, וועלן מיר טרינקען אַ לחיים אויף וואָס די וועלט שטייט!״

אַזוי ווי ער איז אַוועק נאָכ׳ן וויין, בין איך אַריין אין מיין חופּה־קלייד און אין קרענצעלע בלומען, וואָס איך האָב געטראָגן צו מיין חתונה, און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן ווי אַ כּלה צום באַדעקנס. וואָס איז געווען דער סוף? ווען מיין טשאַרלי איז געקומען אַהיים, איז שוין געווען ווייסער טאָג, און איך בין נאָך אַלץ געזעסן אָנגעטאָן אין חופּה־קלייד און אין קרענצעלע בלומען אויפן קאָפּ. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

נאָך ניי־יאָר האָט ער זיך געמאַכט אַ מאָדע, מיין טשאַרלי, קומען שפּעט פון דער אַרבעט און אַלע מאָל מיט אַן אַנדער תּירוץ. דאָס האָט ער געהאַט אַ שאַפּ־מיטינג, אַניט האָט ער געוואַרט אויף פּעידע, אַן עקסי־דענט אין סאָבוועי. זאָג איך צו אים: „צו וואָס דאַרפסטו זיך פאַר־ענטפערן? ווען דו קומסט, ביסטו ביי מיר אַ גאַסט״ . . . איז ווייל איך האָב ניט געוואָלט הערן, האָט ער זיך גראַד געלייגט אין דער לענג און דער ברייט, אַז איך זאָל אים גלויבן, ביז — דער בלאָטער האָט געפּלאַצט... איינמאָל קומט מיין טשאַרלי אַהיים, גיט זיך אַ וואָרף אויפן לאונדזש (סאָפע) מיטן אָנטאָן, מיט אַלעמען, און דאָס פּנים איז ביי אים טויט ווי ביי אַלע טויטע. לויף איך צו און פרעג אים, צי ער איז קראַנק. אָבער איך זע, אַז ער קאָן ניט ריידן. גלעט איך זיין שיינעם קאָפּ, ווי אַ מאַמע גלעט אַ קינד. מיט אַמאָל גיט ער אַ פּלאַץ אַרויס: „איך בין פאַרליבט אין אַן אַנדערער״.

איך האָב דערפילט, ווי מען וואָלט מיר דערלאַנגט מיט אַ מעסער אין זייט. איך האָב זיך אָבער געמאַכט האַרץ: „ס׳טרעפן זיך אַזוינע זאַכן — האָב איך געצויגן די ווערטער — ליבע איז דאָך נאָר אַן איבערגאַנג. ס׳גייט איבער פון איינעם צום צווייטן. אָט ביסטו דאָך אין מיר אויך געווען פאַרליבט. איז דיין ליבע פון מיר איבערגעגאַנגען צו אַ צווייטער און פון דער צווייטער וועט עס איבערגיין צו אַ דריטער. אָט וועסטו זען״, האָב איך אים געטרייסט. אָבער ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער וואַנט. זיך געשעמט מיר קוקן אין די אויגן.

זלאַטע: אוי, דו האָסט גאָר מיין שוועסטער׳ס פּעקל! איר ברויט־געבער האָט זיך דאָך אויך פאַרליאַפּעט אין אַן אַנדערער. אָבער מיר זיינען

ניט אַזוינע גלאַטע לונג־און־לעבערס ווי דו. מיין שוועסטער האָט איר מאַן געבערענט די טריט: אים אויפגעהערט צו געבן עסן, געלאָזט אים שלאָפן אָן אַ קישן, פאַרשלאָסן די ריינע וועש, אים אָנגערופן מיט די ערגסטע נעמען, און אַז ס׳האָט ניט געהאָלפן און ער פלעגט נאָך אַלץ פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע נעכט, איז זי אַוועק זיך קילן ס׳האַרץ ביי דער ליובאַוו־ניצע. יענע איז גראַד געווען אַליין אין הויז. מיין שוועסטער האָט צוערשט אָנגעהויבן מיט גוטן: „צעברעך ניט אונזער לעבן, האָט זי זיך געבעטן ביי דער מכשפה. איך האָב אים ליב און מיר האָבן אַ קינד״.

„אַזוי, דו האָסט אים ליב און איר האָט אַ קינד״ — האָט די מכשפה גע׳חוזק׳ט, „און ווי איז דער דין, אַז מיר האָבן זיךביידע ליב און איך קאָן אים אויך האָבן אַ קינד?״

מער האָט שוין מיין שוועסטער ניט געדאַרפט. זי איז אַריין אין די „געקוירלטע״ האָר און אויסגעריסן גאַנצע זשמעניעס. יענע האָט אָנגע־כאַפּט מיין שוועסטער ביים האַלז. אַ נס איז געווען, וואָס עמיצער האָט געעפנט קלאַפּן אין טיר.

דער סוף? מיין שיין שוואָגערל האָט זיך שוין לאַנג איבערגעקליבן צו דער ליובאַוויצע, מיין שוועסטער האָט ס׳קינד אַריינגעגעבן אין אַ „היים״, און אַליין גייט זי אַרום ווי אַ שאָטן.

* * *

ס׳קומט אָן טשאַרלי. זלאַטע וואַרפט אויף אים אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג און גייט אַוועק אָן אַ „זיי־געזונט״.

טשאַרלי גייט־צו צום ווייב, נעמט זי אין זיינע אָרעמס און זי ווערט זיך ניט. ס׳דערהערט זיך אַ געוויין פון אַ קליין קינד. ביידע גייען אָפּ אין אַ זייטיקן צימער . . .

(פאָרהאַנג פאַלט).

ראָזע

ניט ווייט פונם פּלאַץ, וואו איך וואוין, געפינט זיך אַ הייזער־פּראָיעקט, ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אויף דעם פּלאַץ געווען אַ זומפּ פאַר גיפטיקע פליגן . . . אַרום די פערצן־שטאָקיקע געביידעס שטייען אויסגעשטעלט בענק, און די איינוואוינער און פאַרבייגייער זיצן אויף זיי און וואַרעמען זיך אַנטקעגן דער זון. דאָס פּלאַץ איז אויך באַצירט מיט שיינע ביימער און בלומען.

אין טעג פון רו זיץ איך דאָרט און קוק אויף די גרין־באַבלעטערטע ביימער מיט זייער וויגנדיקן גערויש פון מילדע ווינטעלעך אין דער שיין פון דער זון. אין זכרון וועקן זיך לאַנג־פאַרגעסענע טעג און יאָרן. איך פאַרגלייך די שיינע געביידעס פונם „פּראָיעקט" מיט די אַמאָליקע טענע־מענט־הייזער אויף דער איסט־סאַיד, וואו מען האָט פאַר די אויגן ניט געזען קיין ביימל, קיין גרעזעלע, ווער רעדט שוין פון בלומען. אינדערפרי, ווען מען איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס האָט מען געקענט זען בערגלעך אָפּפאַל אויף ביידע זייטן הייזער, און הונגעריקע קעץ, וואָס האָבן פון זיי געהאַט חיונה . . . זומער, אין די שטיקנדיקע אָוונטן, זיינען די איינציקע „רעזאָרט־פּלעצער" געווען די דעכער און די „פייער־עסקעיפּס" . . .

פאַר די אויגן שטייט מיר שטענדיק אַ טענעמענט הויז, וואו איך האָב אָפּגעוואוינט אַ שאָק מיט יאָרן. אין יענעם הויז האָב איך קינדער געבוירן, זיי אויפגעצויגן, חתונה־געמאַכט. האָבן זיך קינדער אויסגעבויט די קינדער פאַ־מיליע־נעסטן, זיך צעפלויגן ווי די פייגעלעך און איבערלאָזט טאַטע־מאַמע אַליין צווישן די אומעטיקע פיר ווענט.

אין לויף פון די יאָרן האָבן זיך דאָרט איבערגעוואָרפן פאַרשיידענע שכנים: אייניקע פון זיי — איידעלע נשמות, וואָס האָבן געקאָנט אויפכאַפּן דעם שטילסטן וויי־געשריי פון אַ ליידנדיקן, און אַנדערע האָבן געהאַלטן טיר־און־פענצטער פאַרהאַקט. אַ מענטש האָט געקאָנט אויסגיין פאַר זייערע אויגן, האָט עס זיי געאַרט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי . . .

איינמאָל איז אָפּגעליידיקט געוואָרן אַ דירה פון דריי צימערן, זייט־ביי־זייט לעבן מיין וואוינונג. זיינען געקומען חתן־כלה און געדונגען דעם

אַפּאַרטמענט. צוויי בילד־שיינע מענטשן. זי האָט געהייסן ראָזע און ער — מישע. ער האָט געהאַט קלוגע, לאַכנדיקע אויגן, און ראָזע האָט געהאַט אַ שיינעם, שמייכלענדיקן פּנים, וואָס האָט זיך געבעטן: „האָב מיך ליב״.

אַ פּאָר טעג פאַר דער חתונה איז געקומען דאָס פּאָרל אויסשטעלן דאָס מעבל, וואָס משפּחה האָט געשײנקט דרשה־געשאַנק. מיט שטראַלנדיקע פּנים׳ער און פול מיט האָפענונג אויף גליק האָבן זיי זיך געשפּילט אין יעדן שטיקל מעבל. דערביי האָבן זיי געשטיפט און געלאַכט ווי קליינע קינדער.

אַ וואָך נאָך דער חתונה איז מישע צוריק אַוועק אין שאַפּ. ראָזע איז געפאָרן באַזוכן שווער־און־שוויגער. דאָס אַלטע פּאָר־פאָלק האָט געוואוינט ווייט פון שטאָט, געהאַלטן אַ שפּייז־געוועלב און קוים געצויגן ס׳שטיקל ברויט.

דאָס געוועלבל האָט פאַרמאָגט איין צימער, אָן פענצטער. דאָס איינ־ציקע ליכט און ביסל לופט איז אַריינגעקומען פונם קליינעם פענצטערל, וואָס איבער דער טיר, וועלכע האָט געפירט צו דעם שפּייז־קרעמל.

ווען ראָזע איז אַריין אין דעם טונקל־פאַרדומפּענעם צימער, האָט זי געטראָפן די שוויגער אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטע אין בעט. די שוויגער האָט געברענט פון פיבער. די לופט אין צימער איז געווען איבערגעפּילט מיט פּאַרע, וואָס האָט געשלאָגן פון אַ קעסל אויפן קויל־אויוון. די פּאַרע האָט זיך צעלייגט אויף די ווענט, ווי אין אַ שוויץ־באָד. ניט לאַנג געטראַכט, האָט ראָזע איינגעוויקלט די אַלטע פרוי און זי גענומען אין אַ „טעקסי״ צו זיך אַהיים.

אַריין אין דער לופטיקער, ריינער שטוב, מיט דער ליבער וואַרעמקייט פון „סטים־היט״, האָט די קראַנקע פרוי אָפּגעאָטעמט. ראָזע האָט פון דער שוויגער אַראָפּגענומען די קליידער, איר אָנגעטאָן אַ וואַרעם נאַכט־העמד און זי אַריינגעלייגט אין איינעם פון די צוויי בעטן אין שלאָף־צימער. דערנאָך האָט זי גערופן אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט דעם חולה גוט באַטראַכט און געזאָגט, אַז מען דאַרף אַכטונג־געבן, ס׳זאָל זיך ניט אַנט־וויקלען קיין לונגען־אַנטצינדונג.

טעג און נעכט האָט ראָזע געוואַכט איבער דער קראַנקער שוויגער, אויסגעפּילט דעם דאָקטאָר׳ס באַפעלן, און צוריקגעשטעלט די אַלטע אויף די פיס.

אַ צייט האָט דאָס יונגע פּאָרל אָפּגעלעבט ווי די טויבן. קיין הויך וואָרט האָט מען פון זיי ניט געהערט. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן גרויס כבוד איינער דעם אַנדערן און זיך געקוקט אין די אויגן, ווי ערשט פון דער חופּה געקומען. און ווען ראָזע האָט נאָך געבוירן אַ שיין אינגעלע, איז

ווער איז דאַן געווען צו מישע׳ן גלייך? אַ גאַנצע וואָך שכירות האָט ער אויסגעגעבן אויף אַ הויך קינדער־וועגעלע. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער, איז ווען ער האָט ס׳קינד געפירט אין וועגעלע, האָט מען דעם פאָטער אינגאַנצן ניט אַרויסגעזען.

מישע איז ניט געווען קיין גרויסער פאַרדינער. אָבער ווען זיינע פאַרדינסטן זיינען אַריין אין זיין ווייב׳ס הענט, איז געווען אַ מזל־ברכה. דאָס ווייבל האָט געהאַט גילדענע הענט: אַליין גענייט פאַר זיך און פאַרן קינד, און דאָס הויז אויסגעצירט מיט אויסגענייטע און געהעפטע קישעלעך, טישטוכער, געשטריקטע פאַרהאַנגען, וואָס האָבן צוגעגעבן דער שטוב אַ היימישע געמיטלעכקייט. און אַזוי ווי ראָזע איז תמיד געווען אַ פריילעכע, און מישע — אַ זינגענדיקער, האָבן מענטשן ליב געהאַט קומען אין זייער דירה. און ווען מען איז אַהין ניט אַריינגעפאַלן איז מען געווען ווילקאָמען, און אַן עסן און טרינקען האָט מען פון דאָרט ניט אַרויסגעלאָזט.

יעדן פרימאָרגן פלעגט ראָזע זינגען, ווען זי האָט געטאָן איר הויז־אַרבעט. נאָך איצט קלינגט מיר אין די אויערן איר זיס קול. אירע באַ־ליבטע לידער זיינען געווען: „און דו אַקערסט און דו זייסט" און „קירכן־גלאָקן".

איין פרימאָרגן האָב איך ניט געהערט ראָזע׳ן זינגען . . . בין איך אַריינגעלאָפן זען וואָס עס איז געשען. ראָזע׳ס גרויסע, שוואַרצע אויגן זיינען געווען רויט פון וויינען. האָט זי אויפגעווישט אַ טרער, וואָס האָט געבריט איר אויג, און מיך באַגריסט מיט אַ שמייכל . . . האָב איך גאָרניט געפרעגט. געווען זיכער, אַז זי וועט אַליין אויסגיסן פאַר מיר איר ביטער האַרץ. אָבער דער סוד איז ביי איר געבליבן פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

אָבער — „ווענט האָבן אויערן און גאַסן האָבן אויגן". האָב איך זיך דערוואוסט פון אַ זייטיקן מענטשן, אַז מישע האָט זיך אַריינגעלאָזט אין געמבלעריי, און אַז ראָזע האָט זיך שוין פאַרבאָרגט — ביי דער זון און דער לבנה . . . איצט, אַז איך בין שוין געוואָרן אַ שותפ׳טע צו ראָזע׳ס סוד, האָב איך געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף דער שטוב — צי פעלט דאָרט חלילה ניט ס׳שטיקל ברויט . . .

ראָזע׳ס שוויגער האָט געהאַט פיר פאַרהייראַטע טעכטער — אַלע גרויסע אָרעמעלייט, און דערצו נאָך באַפאַלן מיט קליינע קינדער. ווען די שוויגער האָט זיך אין עפּעס געניטיקט, פלעגט זי זיך ווענדן צו דער שנור. איצט האָט זי איר פאַרטרויט, אַז זי ווערט פשוט דערפרוירן אין דעם שפּייז־קרעמל. איז אויב נאָר מעגלעך, זאָל זי, די שנור, איר קויפן אַ וואַרעמען „סוועטער". ראָזע האָט געליען עטלעכע דאָלאַר ביי אַ שכנה און געקויפט פאַר דער שוויגער אַ וואָלענעם „סוועטער", וואָלענע אונ־

טערוועש און וואָלענע זאַקן. אינדערפרי האָט זי זיך געבעטן ביים מאַן, אַז היינט זאָל ער אומבאַדינגט קומען מיט די שכירות גלייך אַהיים, ווייל זי מוז אומקערן דעם חוב צו דער שכנה, דערנאָך וועט ער בלייבן מיטן קינד, און זי וועט אָפּפירן די וואַרעמע זאַכן צו זיין מאַמען. יענע פרירט דאָרט נעבעך.

— יאָ, מיין בריליאַנט! — האָט מישע אַ גלעט געטאָן ס׳ווייב. — פאַרנאַכט קום איך אַהיים, זאָל אפילו וואַרפן מיט שטיינער. און ווייסט דאָך, אַז אויף מיין וואָרט קאָן מען שטעלן מויערן.

אַ גאַנצן טאָג האָט ראָזע געפיבערט. צי וועט מישע טאַקע האַלטן וואָרט. קוים דערלעבט זעקס אַזייגער, דאַן זיבן . . . די שעה׳ן האָבן זיך געצויגן ווי אייביקייטן, ביז — דער זייגער האָט דערגרייכט 9, און מישע איז נאָך אַלץ ניט געקומען. אַ געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן אין ראָזע׳ס מוח. זי האָט גענומען ס׳שלאָפנדיקע קינד, אַריינגעלייגט אין וועגעלע, און אַריינגעפירט צו אַ שכנה מיט אַן אויסרייד, אַז איר מאַן האָט היינט אַ שאַפּ־מיטינג און זי מוז ערגעץ צופאָרן, זייער נויטיק . . .

שפּעט אין אָוונט האָט זי זיך אומגעקערט אַהיים. די געגנט איז שוין געשלאָסן. זי האָט געמוזט דורכגיין אַ פּאַרק, וואו מען האָט ניט געזען קיין לעבעדיקן נפש. אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט איר גאַנץ וועזן, איז זי געלאָפן אַהיים, ווי געטריבן פון אַ שטורם. אין שטוב האָט זי שנעל און שווער געאָטעמט. דאָס צעטעלע מיטן אָונטברויט, וואָס זי האָט אָנגעגרייט פאַר׳ן מאַן, זיינען ניט געווען גערירט . . .

ווען ראָזע איז אַריין צו דער שכנה נאָכ׳ן קינד, איז איר שטערן געווען פאַרשוויצט, די באַקן פאַרפלאַמט און אירע אויגן — צוויי ליכטיקע פייערן. אַ קלייניקייט: איר שוויגער וועט שוין מער ניט פרירן אין גראָסערי . . .

יענע נאַכט איז מישע געקומען אַהיים מיטן טאָג, און — אַן אַ סענט . . .

אין איינעם אַ שבת האָט דאָס פּאָרל זיך אויסגעפּוצט צו גיין צו אַ חתונה. ראָזע איז צוגעגאַנגען צום שופלאַד, וואו ס׳איז געלעגן פאַרשלאָסן איר גילדן זייגערל מיט דער קייט. ווען זי האָט דאָס קעסטעלע מיט דעם צירונג ניט געפונען, האָט זי זיך געגעבן אַ צאַפּל, ווי אַ בין וואָלט זי אַ ביס געטאָן . . . „ניטאָ מיין זייגערל מיט דער קייט!“, האָט זי אויסגערופן מיט ווייטיק אין טאָן.

„וואָס הייסט ס׳איז ניטאָ?“, האָט מישע אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אויפן ווייב. ער איז צוגעלאָפן צום שופלאַד, איבערגעקערט אַלץ האָרע־קאָרע, און דערביי געשריען הויך אויף אַ קול:

„וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטוב ? מען וועט שוין באַלד אַרויסטראָגן פֿון דאַנען ס׳ווייסל פֿון אויג ! . . .״

„נו, זאָל שוין זיין היינט אָן דעם זייגערל״, האָט ראָזע געזאָגט, מיט אַ ציטעריק קול, „קום, ס׳ווערט שפּעט. לאָמיר ניט פֿאַרשטערן די שמחה. מען וועט אויף אונז וואַרטן״.

שפּעטער מיט אַ טאָג איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון מישע׳ס אַ שוועס־טער, אַז דער מאַן אירער איז פֿאַרשוואונדן, מען האָט אים שוין געזוכט וואו ערגעץ אַן אָרט — און ניטאָ. ווי אין וואַסער אַריין. נאָך אַלעמען איז דאָך אַ מענטש ניט קיין שפּילקע. דערווייל האָט זי ניט פֿון וואַנען אַ טאָג איבערצולעבן. זאָל ער, דער ברודער, זיך דערבאַרעמען און איר העלפֿן מיט וויפֿיל ער קאָן . . . האָט ראָזע גענומען די לעצטע פֿאַר דאָלאַר און געגעבן דעם מאַן, ער זאָל אַוועקשיקן צו זיין שוועסטער אַ „מאָני אָרדער״. עס האָט ניט לאַנג גענומען און ס׳איז געקומען אַ צווייטער האַרץ־רייסנדיקער בריוו פֿון דער שוועסטער, אַז „דער קאָפּ פֿון שטוב גייט אַוועק, גייט אים נאָך ס׳מזל״ . . . צוויי פֿון אירע קינדער ליגן געפּערלעך קראַנק, און זי האָט ניט מיט וואָס זיי צו ראַטעווען . . .

מישע האָט איבערגעלייענט דער שוועסטער׳ס בריוו, און זיך אָנגע־רופֿן : „מיר האָבן דאָך געשיקט דאָס לעצטע, וואָס מיר האָבן געהאַט. מען קאָן דאָך קיין לעבערדיקן זאַק ניט אָנשטאָפּן״ . . . אָבער אין אַ ווינקל פֿון ראָזע׳ס מוח האָט געעגבערט אַ חשד, אַז מישע האָט ס׳געלט ניט אַוועקגעשיקט . . .

ביינאַכט, ווען מישע איז שוין געשלאָפֿן, האָט זי געמאַכט אַ רעוויזיע איבער׳ן מאַנ׳ס קעשענעס. קיין קבלה פֿון דעם „מאָני אָרדער״ האָט זי טאַקע ניט געפֿונען. זי האָט אָבער יאָ געפֿונען אַן אַדרעס, וואו מישע האָט פֿאַרזעצט איר גילדן זייגערל מיט דער קייט . . .

שרה און אירע לידער

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, ווען די אַלטע שרה האָט זיך געשלעפּט איבער פאַרשלאָפענע, בייגאַכטיקע גאַסן, לעבן אַ האַלב־באַלויכטענעם הויז. זי האָט מיט אירע ציטערדיקע פינגער אויפגעשלאָסן די טיר און איז אַריין. איר שטוב איז איצט געווען פּוסט און זי אַליין אויך ווי אַן אויסגעליידיקטע. עפּעס אַזאַ מידקייט האָט זי היינט געפילט אין אַלע אירע גלידער. זי האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן און גערעדט אין זיך: „שוין ניט פאַר מיינע כוחות מיטצוהאַלטן מיט די יונגע און זיך שלעפּן ביינאַכט צו מיטינגען".

איר פּנים איז איצט געווען מאַט און בלאַס, מיט אַ נעץ פון קנייטשן אַרום די אומעטיקע אויגן און מיט איר צאַרטן קערפּער האָט זי אויסגעזען ווי אויסגעטריקנט פון אַלע זאַפטן.

שפּעטער, שוין אויפן געלעגער, האָט זי געעפנט איר צייטונג, איבער־געקוקט די נייעס, נאָכדעם די נאָטיצן פון אָרגאַניזאַציעס, ווי ס'איז געווען איר טבע, און שוין געוואָלט אָוועקלייגן די צייטונג, ווען ס'האָט אַ שיין געטאָן פאַר אירע אויגן אַ מעלדונג, אַז ס'ווערט איצט געפייערט דער געבורטסטאָג פון אירן אַ באַליבטן דיכטער. דאָס שטיקל נייעס, האָט שרה'ן אַריינגעבראַכט ווי אין אַן אַנדער וועלט. זי האָט פאַרגעסן אין איר מידקייט און ס'האָבן גענומען אויפוואַכן אין איר זכרון טעג פאַרגאַנגענע, גליקלעכע, וואָס וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן. „אָך וויפיל שמחות זי האָט באַשיינט מיט אָט דעם דיכטער'ס לידער. יעדעס ליד זיינס, איז דאָך פאַר איר געווען ווי אַ בלום וואָס זי האָט איינגעפלאַנצט אין איר האַרצן... און דאָרט וועלן זיי שוין בליען אייביק . . ."

נאָך אַלס קינד, אין דער אַלטער היים, האָט אַ מומע זי געלערנט זינגען פאָלקס־לידער. פלעגן די ווייבער זי שלעפּן פון איין פריזבע צו דער צווייטער און זי האָט פאַר זיי געזונגען: „אוי, זונעניו, גיי אין חדר, גיי מיין תכשיט, גיי מיין לעבן; קוק אַריין, לערן כסדר, אַ שיינע כלה וועט מען דיר געבן" — און: „צי האָט איר געהערט, אַ נייעס אויף דער וועלט, אַז אַ בחור זאָל זיצן ביז 25 יאָר?" — ווי אויך „האַלט מיך, קינדער, אונטער".

אָבער ערשט אין אַמעריקע, שוין אַלס דערוואַקסן מיידל, האָט איר טאַלאַנט געפונען אַ תיקון. דאָ האָט זי זיך באַקענט מיט לידער פון וועלט־באַרימטע דיכטער און פלעגט מיט זיי אויפטרעטן אויף ליטעראַרישע אָוונטן וואו מען האָט זי געקרוינט אַלס קינסטלערין. און ניט נאָר אַלס יונגע מיידל, נאָר אפילו, ווען זי איז שוין געווען אַ מאַמע פון אַ פּאָר קינדערלעך, האָט זי אויך ניט אויפגעגעבן אָט־דעם קונסט־געביט.

שרה מיט איר מאַן, מישאַ, זיינען געווען אַ גוט־צוגעפּאַסטע פּאָר. איינער אָן צווייטן האָט קיין טראָט ניט געמאַכט. פלעגט מישאַ גערן באַגלייטן דאָס ווייב צו ליטעראַרישע אָוונטן. און ווען זי איז געשטאַנען פאַר אַן עולם און געזונגען, איז מישאַ זיך געזעסן אין אַ ווינקל, מיט זיינע שמייכלענדיקע אויגן און זי האָט געפילט ווי וואַרעמע שטראָמען וואָלטן זיך געצויגן פון אים צו איר.

שרה איז געווען פון מיטעלן וואוקס, אַ שטאַלטנע ברונעטקע, מיט אַ ברייטן שטערן, די האָר פאַרליגט אין צוויי צעפּ ווי אַ קרוין און מיט אירע ליכטיקע, גוטע, אויגן, האָט זיך איר פּנים ממש געבעטן: „האָב מיך ליב”.

נאָך אַ ליטעראַרישן אָוונט, איז מישאַ׳ס האַרץ געווען פול מיט פרייד פאַר זיין שרה׳לען. און נעמענדיק זי אונטער׳ן האַנט, האָט ער זי צערטלעך געפירט אַהיים.

אָט, אין איינעם פון די גליקלעכע טעג, האָט ביי מישאַ׳ן פלוצלונג אָפּגענומען אַ האַנט. שרה האָט מיט שרעק געקוקט אויפן מאַנ׳ס טויטער האַנט, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען ווי אַן אָפּגעבראָכענער צווייג פון אַ שיינעם געזונטן בוים . . . שפּעטער, האָבן גענומען ביי מישאַ׳ן אָפּשטאַרבן אַנדערע גלידער. האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה דאָקטוירים, ספּעציאַליסטן, רפואות, אָבער אַלע מעדיצינישע מיטלען זיינען געווען אומזיסט. איז שרה געווען געצוואונגען איבערצולאָזן דעם קראַנקן מאַן און ווערן די ברויט־געבערין פאַר דער פאַמיליע.

נאָך אַ טאָג אַרבעט אין שאַפּ, פלעגט זי זיך ערשט אַ נעם־טאָן צו דער הויז־אַרבעט: צוגרייטן ריינע זאַכן פאַר אירע קינדער, באַזאָרגן שפּייז פאַרן מאָרגנדיקן טאָג און מישאַ איז זיך געזעסן אונטערגעשפּאַרט מיט קישע־לעך און אַ טיפער טרויער האָט זיך געגאָסן פון זיינע אויגן . . .

פון שרה׳ס אויפטרעטן אויף ליטעראַרישע אָוונטן, האָט שוין איצט, פאַרשטייט זיך, קיין רייד ניט געקאָנט זיין. אָבער אינגאַנצן זיך פאַרבויגן האָט זי אויך ניט געקאָנט. איז ווי נאָר זי האָט געפונען אַ פרייע מינוט, האָט זי זיך אויסגעלערנט אַ ניי ליד און מיט איר זינגען, אַריבערגעשריגן אין שאַפּ דעם רויש פון די מאַשינעס.

איינמאָל האָט שרה געעפנט אַ באַנד לידער פון אַ באַרימטן דיכטער און איר אויג איז געפאַלן אויף אַ ליד „אַ פראַגע‟, וואו דער דיכטער פרעגט:

„גראַמען וואָס איך האָב געקליבן,
פערזן וואָס איך האָב געשריבן,
לידער וואָס איך האָב געזונגען,
טענער וואָס איר האָט געקלונגען.
זאָגט מיר: וואָס וועט פון אייך זיין,
ווען איך וועל אין גרוב אַריין?
וועט זיך ווער געפינען,
מיט אַ האַרץ און מיט אַ זינען
און אייך, מיינע ליבע גראַמען,
קלייבן, פלעכטן אייך אין קראַנץ
מיט אַ צאַרטער האַנט צוזאַמען,
אַז בלייבן זאָלט איר אייביק גאַנץ?
צי איר וועט גיין פאַרלאָרן
ווי קיינמאָל ניט געבאָרן?

שרה האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן לייענען און ס'איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז זי קאָן גאָר ווערן די „צאַרטע האַנט‟. זי וועט צוזאַמענעמען די אָרעמע קינדערלעך פון איר בלאָק און זיי לערנען זינגען און דעקלאַמירן אָט דעם דיכטער'ס לידער, ווי אויך אַנדערע לידער.

נאָך דעם זעלבן טאָג, האָט שרה געלאָזט וויסן אַ שכנה וועגן איר פאַרטראַכטן פּלאַן. די שכנה האָט מיטגעטיילט אַ צווייטער, די צווייטע אַ דריטער, און ס'איז געוואָרן פריילעך אין שטעטל.

אַלע זונטיק, אין אַ באַשטימטער שעה, פלעגן קומען צו שרה'ן אין הויז מיידעלעך און אינגעלעך, אָנגעטאָן אין קאָלירטע זומערדיקע קליידער און זיך אויסגעזעצט אויפן טעפּיך, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אויף דעם דיל. האָט דאָס בילד געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ בלומענגאָרטן פון אַלערליי שאַטירונגען. די קינדער האָבן זיך גערן געלערנט זינגען און דעקלאַמירן. דערצו זיינען אייניקע געווען באַשאָנקען מיט דער פעאיקייט איבערצונעמען אַ ליד, נאָכ'ן ערשטן און צווייטן מאָל איבערזינגען. יענע וואונדערלעכע זונטיקס נעמט שרה איצט אַרויס פון איר זכרון, ווי מען נעמט אַרויס צירונג פון אַ פּליושן קעסטעלע און מען שפּיגלט זיך אין דעם.

אַט שטייט פאַר אירע אויגן דער צען יאָריקער סעמעלע, ווי ער דעקלאַמירט:

„די אויגן פול צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט!
די הערצער זיי שלאָגן, מיט קראַפט און מיט מוט!"

און אברהמ'עלע דעקלאַמירט, מיט אייגענער באַגאַבטקייט:
„אַסוף זאָל דאָס נעמען צו נאָדל און שער!
איך בין מער קיין שניידער,
איך אַרבעט ניט מער"!

און איר אייגענער זון, יאָסעלע, מיט די ברענענדיקע אויגן, דעקלאַמירט:

„באַמבלט זיך דאָס קייטעלע, פריילעך אויף מיין ברוסט,
וועקט עס דאָרט, מאָנט עס דאָרט, האָפענונג, לעבן־לוסט.
צי דאָס איז אַ זילבערנע, צי דאָס איז פון גאָלד,
געגעבן האָט דאָס די כלה מיר, און איך האָב זי האָלד".
און די שיינע פּערעלע דעקלאַמירט:
„די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק ניטאָ".

און אַז דער גאַנצער כאָר פלעגט געבן אַ זינג: „אַך וואָס קלינגט איר, קירכן־גלאָקן, הערט שוין אויף! גענוג געשראָקן"!... פלעגט זיך דאָס געזאַנג צעטראָגן דורך די אָפענע פענצטער אין גאַס אַריין, און מענטשן פלעגן זיך אָפּשטעלן קוקן אויף דעם פאַר'כישופ'טן הויז, מיט די אָפּגעקאַלופּעטע ווענט, פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט דאָס שיינע געזאַנג.

איינמאָל האָט אַן אַלטע שכנה חתונה געמאַכט די מיזינקע. איז ווען אַלע מחותנים האָבן זיך פאַרזאַמלט, איז שרה אַריין אַהין מיט איר קינדער־כאָר און אָפּגעזונגען דער מחותנת'טע „די מיזינקע אויסגעגעבן". די מחותנים האָבן מיטגעזונגען און צוגעפּאַטשט מיט די הענט און די אַלטע האָט אויסגעגלייכט דעם איינגעבויגענעם רוקן און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ, מיט אַלע זיבן חנ'ען.

שרה האָט געלערנט די קינדער דאָס אידישע ליד, און צווישן איר און די שכנים האָט זיך אַ גרויסע פריינטשאַפט געוועבט. די שכנים האָבן זיך גענומען אינטערעסירן מיט שרה'ס לעבן, געהיט אירע קליינע קינדער אין

גאָס, אַז זיי זאָלן חלילה ניט איבערגעפּאָרן ווערן און אויך אָפּט אַריינגעטראָגן אַ וואַרעם לעפל געקעכץ פאַר איר קראַנקן מאַן, ווען זי, שרה, איז געווען ביי דער אַרבעט.

נאָך אַ זומער לערנען זיך, האָבן שוין די קינדער אַליין באַשיינט משפחה־שמחות מיט די לידער, וואָס שרה האָט זיי אויסגעלערנט.

ליגט זי איצט, די אַלטע שרה, אויף איר בעט און טראַכט: אַז יענע קינדערלעך מוזן דאָך שוין איצט אַליין זיין טאַטע־מאַמע. צי לערנען זיי זייערע קינדערלעך דאָס אידישע ליד? זי וואָלט אויך אַ בעלן געווען וויסן, צי וועלן די מענטשן, וועמען זי האָט אַזוי געטריי געדינט מיט איר טאַלאַנט, זי אַמאָל דערמאָנען?

מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אָפּגעריסן פון דער וועלט, דעקלאַמירט זי:

„ווען איך גיין פאַרלוירן,
ווי גאָר קיינמאָל ניט געבוירן,
ווי פון יוגנט די חלומות,
ווי אין שול די אַלטע שמות,
ווי אַ וואָלקן אין דער הויך,
ווי אַ ווינט און ווי אַ רויך?“ . . .

די טייערסטע מתנות

רחל האָט אין איר לעבן געקראָגן אַ סך מתנות פון פאַר־הערער, פון פריינט, פון אָרגאַניזאַציעס און, נאַטירלעך, פון איר מאַן.

יעדע מתנה איז ביי איר ווי אַ ליד וואָס דערמאָנט די צייט, די סביבה, וואו מען האָט דאָס ליד צום ערשטן מאָל געהערט. אָפט מאָל שטעלט זי זיך אָפּ ביים שופלאָד וואו עס ליגן די פּליושענע קעסטעלעך מיט צירונג. זי עפנט יעדן קעסטעלע, לייענט איבער די צעטעלעך פון די מענטשן, וואָס האָבן איר די מתנות געגעבן, און דערמאָנט זיך, אַז דאָס זייגערל מיט דער האַלבער לבנה פון דימענטענע שפּריצלעך איז אַמאָל אַזוי „געלאָפן", אַז עס האָט זי געמאַכט אַלט פאַר דער צייט . . . איצט ליגט עס מיט איין ווייזערל, ווי אַ פייגעלע מיט אַן אָפּגעבראָכן פליגעלע. און אָט די בראַסליעטן פלעגט איר חתן איר אַליין אָנטאָן. און זיינע אויגן האָבן בשעת מעשה געקוקט צו איר און געפינקלט. אירע הענט זיינען דאַן געווען ווייסע און גלאַטע, ווי סאַמעט. איצט זיינען זיי אויסגעהאָרעוועט, צע־קנייטשט, מיט אָנגעצויגענע אָדערן ווי סטרונעס און זיי ציטערן פון שוואַכקייט.

— זי קוקט לאַנג אויף די שנירלעך פּערל, וואָס אַ קינדערש הענטעלע האָט אויף איר אַמאָל צעריסן. די פּערל האָט איר מאַן גע׳ירשנ׳ט פון זיין מאַמע׳ן און זיי געהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. און ווען ער האָט זיי איר אָנגעמאָסטן, האָבן זיך זיינע הענט פאַרהאַלטן אַרום איר האַלז און זי האָט דערפילט, ווי עס ציטערט אַ פאַרליבט האַרץ.

כמעט אַלע רחל׳ס מתנות האָבן שוין לאַנג פאַרלאָרן זייער אָריגינעלן גלאַנץ, פונקט ווי איר אויסזען. נאָר אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן זאָגן נאָך עדות וועגן איר אַמאָליקער שיינקייט.

צוויי מתנות, וואָס רחל האָט געקראָגן צו איר חתונה, זיינען אויף שטענדיק געבליבן ניי און זייער בליאַסק איז ניט געמינערט געוואָרן דורך די אַלע יאָרן. דאָס זיינען די ביכער פון אַ גרויסן קינסטלער. אין אָט־די ביכער האָט רחל געפונען אמת׳ע פּערל, וואָס האָבן באַשיינט און באַרייכערט איר לעבן. זי איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכע לייענערין. האָט זי זיך צו

די ווערק צוגעכאַפּט ווי אַ וואַנדערער צו אַ ריינעם וואַסער־קוואַל, געטרונ־קען און ניט געקאָנט שטילן איר דאָרשט.

אַט די ביכער זיינען געוואָרן פאַר רחל׳ען אַ קוואַל פון באַקאַנטשאַפט מיט דער וועלט, פון וועלכער זי האָט פריער ניט געוואוסט. די קינסטלער האָבן געמאָלן דאָס לעבן פון פאַרפּייניקטע, באַרויבטע און דערנידעריקטע, און זי, מיט איר חוש פאַר גערעכטיקייט, האָט מיטגעלעבט מיט די העלדן פון די ווערק.

רחל׳ס מאַן איז געווען אַן אַרבעטער אין די אַמאַליקע סוועט־שעפּער, וואו עס איז אָנגעגאַנגען די ערגסטע עקספּלואַטאַציע. נאָך אַ טאָג אַרבעט פלעגט רחל׳ס מאַן קומען אינגאַנצן אַן אויסגעשעפּטער, אַן אומעטיקער, און אָן אַ וואָרט צו זאָגן — זיך שווער אַראָפּלאָזן אויף אַ שטול און אַריינ־קוקן אין אַ צייטונג. נאָכ׳ן „סאַפּער״ פלעגט ער אָפט איינשלאָפן זיצנדיק, דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען אין אַ זייט און זי האָט אים געדאַרפט וועקן, אַז ער זאָל אויפשטיין זיך לייגן שלאָפן. אַזוי אַלע טאָג . . . זונטיק איז געווען דער איינציקער טאָג, וואָס רחל האָט געקאָנט ריידן צו איר מאַן און טיילן מיט אים אירע איינדרוקן פון די ביכער, וואָס זי האָט געלייענט, און ער האָט מיט דאַנקבאַרע בליקן איר געקוקט אין מויל, ווי פּערל וואָלטן פון דאָרטן זיך אַרויסגעקייקלט.

ווען זייער ערשט קינד איז געבוירן געוואָרן, פלעגט רחל זיצן מיט דעם גאַנצע טעג אין פּאַרק און שפּינען איר אייגענע פילאָזאָפיע, ווי אַ געניטער געשעפטסמאַן פאַרגרייט זיך מיט סחורה, ווען די פּרייזן זיינען בידעריק, כדי שפּעטער צו קאָנען מאַכן הויכע פּראָפיטן, ווען די פּרייזן וועלן שטייגן.

אַט אַזוי, האָט זי געטראַכט, דאַרף זי זיך איצט פאַרגרייטן מיט וויסן, ווען איר אינגעלע שלאָפט שעה׳ן־לאַנג דורכ׳ן טאָג און זי האָט אַזוי פיל פרייע צייט. ווער ווייסט, אפשר וועט איר קינד אַמאָל דאַרפן אי לערנען, אי פאַרדינען זיין ברויט. וועט זי קאָנען אים אַנטקעגן־קומען מיט איר בילדונג, וואָס זי וועט זיך איצט דערווערבן.

אַט דער געדאַנק איז געווען ווי אַן אָנזאָג אויף פריידיקע טעג צווישן איר און איר קינד. האָט זי געלייענט און געלערנט, אָפּגעשפּאָרט צייט פון איר רו אין די אָוונטן, אויפגענומען קורסן און זיך געגרייט צו דער צוקונפט, ווי מען גרייט זיך צו אַ זייער וויכטיקן עקזאַמען.

רחל׳ס מאַן איז פרי אַוועק פון דער וועלט און האָט זי איבערגעלאָזט מיט אַ פּאָר קינדער אויף גאָט׳ס באַראָט . . . האָט זי פאַרנומען זיין פּלאַץ אין שאַפּ און אַליין דערנערט אירע קינדער. די קינדער האָבן ליב געהאַט די מאַמע און איר יעדעס וואָרט איז ביי זיי געווען אַ געזעץ. רחל איז

טאַקע געווען אַזאַ, וואָס ניט ליב האָבן זי, האָט מען ניט געקאָנט. און ווי די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן, האָט זי זיי אַרויסגעפירט אויפן ברייטן שליאַך פון בילדונג. און דאָס וואָס זי האָט פאַר זיך ניט געקראָגן, האָט זי אין זיי אַריינגעגאָסן.

אָנגעהויבן האָט זי מיט אַן אַרבעטער־צייטונג, וואָס זי פלעגט לייגן צום טיש פונקט ווי ברויט . . . חברה האָבן אַריינגעקוקט און ביסלעכווייז האָבן זיי זיך באַקענט מיט אַלע פראַגן, וואָס רירן אָן דאָס לעבן פונם אַרבעטער־מענטש. שפּעטער זיינען זיי אַריינגעטראָטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַריינגעוואַקסן אין איר סביבה, דורכגעדרונגען זיך מיט אַ וועלט־אָנשויאונג און אַנטוויקלט אַ סך פון די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. און רחל איז געוואַקסן מיט זיי.

אָפטמאָל פאַרקוקט זיך רחל אויף די יונגע מאַמעס, וואָס זיצן אין פּאַרק לעבן זייערע שלאָפנדיקע עופה׳לעך. זיי לייענען ניט קיין ביכער, ניט קיין צייטונגען, זיי ריידן נאָר צווישן זיך אָן אַ שיעור. פרעגט זיי וועגן וואָס . . . און רחל דערמאָנט זיך וועגן דער ערשטער וועלט־מלחמה: זי זיצט אין פּאַרק, איר צוויי־יאָריק אינגעלע שלאָפט אין וועגעלע און די זון קושט זיינע ראָזעווע בעקעלעך. זי האָט געעפנט אַ צייטונג און איר בליק איז געפאַלן אויף אַ שטיקל נייעס, אַז אין שלאַכט זיינען געפאַלן אַכציק טויזנט סאָלדאַטן. דאָס שטיקל נייעס האָט רחל׳ען גערירט ביז טרערן; ס׳האָט איר אַזש גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. די צייטונג איז איר איצט פאַרגעקומען ווי אַ שלאַכט־פעלד. די אותיות, ווי די געפאַלענע סאָלדאַטן, און זי האָט אפילו געקאָנט הערן דאָס קראַכן פון מאַשין־ביקסן, וואָס האָבן פאַרשניטן אַזוי פיל יונגע לעבנס. אין דעם מאָמענט האָט אַ יונגע מאַמע, וואָס איז געזעסן ניט ווייט פון רחל׳ען, זיך צעטאַנצט און צעזונגען מיט איר אינגעלע. „אָווערדהער, אָווערדהער, די יענקס אַר קאָמינג״ . . . *)

— איך בעט אייך, הערט אויף זינגען! — האָט רחל זיך גענומען בעטן ביי דער יונגער מוטער און איר אָנגעוויזן אויף דעם שטיקל נייעס אין דער צייטונג: — אַכציק טויזנט מאַמעס וועלן קלאָגן ביז׳ן גרוב. און מיט וואָס זיינען מיר זיכער, אַז אונזערע זין וועלן זיך ניט געפינען אַמאָל „אָווער ד׳הער״, און מען וועט וועגן זיי אויך ניט זינגען „דהי יענקס אַר קאָמינג?״ מיר האַלטן זיי איצט גאַנצע טעג אויף דער פרישער לופט,

*) „דאָרט, אָ דאָרט — קומען־אָן די יענקיס״. דאָס איז געווען אַ פּאָפּולערע ליד אין אַמעריקע, אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ווען ענדלעך די האָפֿענונג ויאען די גריידליכבט. די שוואַכערע נעמט מען דאָך ערשט דאַן, ווען מען הרג׳עט אויס די שטאַרקערע.

אָבער דאָס איז דאָך שוין די לעצטע מלחמה, — האָט די יונגע מאַמע געזאָגט מיט זיכערקייט אין טאָן . . .

* * *

יאָ, רחל האָט שפּעטער שוין איבערגעלעבט די צווייטע וועלט־מלחמה אויך, וואו אירע אייגענע קינדער האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס. זי האָט נאָך ניט פֿאַרגעסן, ווי זי פֿלעגט זיך וואַרפֿן אין אַנגסטן אויפֿן געלעגער דורך די נעכט, מיט טרערן נאַס געמאַכט איר קישן, און בענקשאַפֿט האָט צוזאַמענגעקרעמפּט איר האַרץ וועגן דעם גורל פֿון אירע קינדער אויף די פֿראָנטן. און איצט לויערט שוין אַ דריטע וועלט־בראַנד אויף יונגע קעפּ, דיינקען נאָך אַלץ די יונגע מאַמעס, אַז זיי וועט עס ניט אָנרירן? . . .

פֿאַר רחל׳ס אויגן שטייען־אויף די צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס פֿלעגן קומען צו די מאַסן־מיטינגען אויסצודריקן זייער צער און צאָרן, קעגן די מלחמות און די לעבנס וואָס זיי ברייינגען־אום. זי אַליין, רחל, האָט אַ סך מאָל גערעדט אויף די מיטינגען. זי געדיינקט נאָך ווי זי האָט איינמאָל, ביי אַזאַ געלעגנהייט געזאָגט: „אויב ס׳איז אמת, אַז מוטערשאַפֿט איז די שענסטע קרוין אויף דער פֿרוי׳ס קאָפּ, איז פֿאַרוואָס שווייגן די מיליאָנען מאַמעס, וואָס מען פֿירט זייערע זין צו דער שחיטה?״ מענטשן האָבן זי דאַן געהערט ריידן און באַוואונדערט: „אַזאַ יונגע נאָך! ווי האָט זיך צו איר גענומען אַזאַ פֿייער, אַזאַ ברען, אַזוי פֿיל וויסן?! . . .

און קיינער האָט דאַן ניט געוואוסט, אַז רחל שעפּט איר גייסטיקע יניקה פֿון די טייערסטע מתנות, פֿון די ביכער, וואָס זיינען געווען פֿאַר איר ווי אַ קאָרידאָר, דורך וועלכן זי האָט געפֿונען אַ וועג צום זינען פֿון לעבן . . .

נײַן ביכער

נאָך אַ הייסן זומער־טאָג אין שאַפּ איז ביילע געגאַנגען פון דער אַרבעט אַ דורכגעווייקטע פון שוויס. די זון האָט שוין געהאַלטן בײַם אונטערגיין און באַפּאַרבט מיט גינגאָלד אַ גאַנצן שטיק הימל. לעבן אַ גרויסן טענעמענט הויז, אויף אַ ליידיקן „לאָט", האָבן קינדער צעלייגט אַ פייער פון שטעקלעך און הילצערנע קעסטלעך. די שטעקלעך האָבן געטרעשטשעט, די קעסטלעך האָבן געקנאַקט און אַ געדיכטער רויך מיט שוואַרצע קנוילן האָט זיך געקייקלט און געצויגן איבער די קינדערשע קעפּ. לעבן פייער האָבן זיך צוויי אינגלעך געריסן איבער אַ בוך. דער האָט געשלעפּט צו זיך, דער צו זיך, ביז בײַ איינעם זײַנען געבליבן די טאָוולען און בײַם צווייטן די בלעטער. האָט ער די בלעטער אַ וואָרף געטאָן אין פייער און זיך גענומען אויפהויבן נאָך ביכער, וואָס זײַנען געווען צעוואָרפן איבער'ן „לאָט". ער איז שוין געווען גרייט די ביכער אַרײַנוואַרפן אין פייער, איז אַנגעלאָפן ביילע און האָט אים אָפּגעשטעלט. זי האָט אויפגעהויבן די טאָוולען, וואָס דאָס צווייטע אינגל האָט אַוועקגעוואָרפן און מיט ווייטאָק איבערגעלייענט די גאָלדענע אותיות: „אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים"...

— ווי קומען אַהער די ביכער? — האָט ביילע אויסגעשריען, ווי ניט מיט איר קול.

— אַ לעידי האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון פענצטער, — האָט איינער פון די אינגלעך געענטפערט, און איז אַוועק.

ביילע האָט אויפגעהויבן פון דער ערד 9 ביכער, זיי אַוועקגעלייגט אויף איר האַנט, אַרומגענומען מיט דער צווייטער ווי מען נעמט אַרום אַ ליב קינד און זיך געלאָזט מיט זיי אַהיים. בײַם הויז האָט זי אַ שכנה אָפּגעשטעלט:

— וואָס זײַנען דאָס פאַר אַ שמוציקע ביכער, וואָס איר טראָגט? זעט, ווי איר האָט אײַנגעשמירט אײַער קלייד!

— איך האָב די ביכער געפונען אויף אַ ליידיקן „לאַט", — האָטביילע געענטפערט מיט אַ פאַרשטיקט קול.

— אַ בעלן אויפצוהויבן ביכער פון מיסט און זיך שלעפּן מיט זיי אין אַזאַ היץ. וואָס־זשע, עס פעלט אייך אויס ביכער אין אַמעריקע?

ביילע האָט ניט געענטפערט. זי האָט נאָר פאַרביסן די ליפּן און איז אַריין אין הויז. די ביכער האָט זי אַוועקגעלייגט אין קיך אויפן טיש, זיי גוט אַרומגערייניקט און זיי נאָכדעם אויסגעשטעלט אין ביכער־שאַנק. ערשט שפּעטער, שוין אויפן געלעגער, האָט זיך ביילע ווידער דערמאָנט אין די אַרויסגעוואָרפענע 9 ביכער.

ביילע קומט פון אַ קליין שטעטל אין אַלטן רוסלאַנד, וואו ס'איז געווען בלויז איין „קאַזיאָנע אוטשילישטשע" פאַר קריסטלעכע קינדער. די רייכע פלעגן אַראָפּברענגען לערער פון דער גרויסער שטאָט פאַר זייערע זין און טעכטער.

אַ פעטער האָט ביילע'ן אויסגעלערנט אַ ביסל לייענען און שרייבן אידיש, אָבער דאָס האָט זי ניט באַפרידיקט. פלעגט זי קוקן מיט אַ פאַר־קלעמט האַרץ אויף די סטודענטקעס, ווען זיי זיינען געגאַנגען אין דער „אוטשילישטשע", אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער מיט ברוינע פאַרטוכער און מיט ביכער אונטער'ן אָרעם, און טרערן פלעגן זיך איר שטעלן אין די אויגן פון ווייטאָק. האָט זי זיך געלאָזט מאַכן אַ ווייס קלייד מיט אַ ברוינעם פאַרטוך און פרייטיק פאַרנאַכט, אָנגעטאָן אינם קאָסטיום איז זי געגאַנגען צום פּאַקן־טרעגער אַרויסנעמען ביכער אויף „פּראָקאַט". די ביכער פלעגט זי טראָגן אונטער'ן אָרעם, און געהאַט ס'געפיל, כאָטש איינמאָל אין וואָך, אַז זי איז אויך אַ סטודענטקע . . .

די ביכער זיינען געווען שמר'ס ראָמאַנען: „דער רייכער בעטלער", „די בלוטיקע אַדיע", „די שיינע בערטע", און אין יעדן בוך האָט זיך דער־ציילט, ווי באַנקירן, גראַפן, און באַראָנען פאַרליבן זיך אין אָרעמע מיידלעך און מאַכן זיי גליקלעך.

איינמאָל האָט אימיצער פאַרשלעפּט „דאָס קליינע מענטשעלע", פון מענדעלע'ן. איז ס'בוך געגאַנגען פון שטוב צו שטוב ביז ס'איז אויך אַריינגעפאַלן צו ביילע'ן אין די הענט. ביילע איז דאַן געווען אַלט פערצן יאָר און האָט נאָך ניט געקענט די קליינע מענטשעלעך מיט פאַרקויפטע נשמות. דאָך איז איר ס'בוך געפעלן צוליב'ן שטילן הומאָר. איר איז געפעלן די מעשה, ווי דאָס לערן־אינגל פרעסט דער נגידעסטע'ס קלייד און ברענט אויס אַ שטיק פונקט אויפן בויך פון מלבוש. דער שניידער וויל דעם יונג נאָר דורס זיין. אָבער דאָס בחור'ל גיט דעם באַלעבאָס אַן

עצה, אַז ער זאָל אָנגייען אַ קעשענע אויפֿן אויסגעברענטן אָרט און זאָגן דער נגידעסטע, אַז דאָס איז דער נייער פֿאַסאָן פֿון פּאַריז. דער סוף איז, אַז ווען די ווייבער דערזעען דעם נייעם פֿאַסאָן ביי דער נגידעסטע, קומט יעדע פֿרוי צום שניידער, אַז ער זאָל איר מאַכן אַ קלייד מיט אַ קעשענע אויפֿן בויך . . . דער שניידער זעט אינם לערן־אינגל, אַז ער וואַקסט אַ חכם און קאָן נאָך אַמאָל ווערן זיין קאָנקורענט, טרייבט ער אים אַרויס פֿון שטוב . . .

וועןביילע איז אונטערגעוואָקסן און האָט זיך דערוואוסט, אַז אין אַמעריקע קאָן מען קריגן פֿרייע בילדונג, האָט זי פֿאַרקויפֿט די שטוב, וואָס איז איר געבליבן פֿון אירע פֿאַרשטאָרבענע טאַטע־מאַמע, און איז אַוועק צו אַן אָנקל אין אַמעריקע.

ביילע איז פֿון דער היים געווען אַ נייטערן, איז איר ניט שווער געווען דאָ צו קריגן באַשעפֿטיקונג. בייטאָג האָט זי געאַרבעט און ביינאַכט גע־לערנט די שפּראַך פֿון לאַנד. אין סקול האָט זי זיך באַפֿריינדעט מיט אַ יונג מיידל אין אירע יאָרן, וועמען מען האָט גערופֿן פּערל. דאָס איז ניט געווען אַ פּערל, נאָר אַ ברילויאַנט. אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט גרויסע פּאַר־חלום׳טע אויגן און דאָס גוטסקייט אַליין. אין קלאַס איז זי אַלע מאָל געקומען אָנגעטאָן אין אַ שניי־ווייס בלוזקעלע מיט אַ שטייפֿן קעלנערל, אַ שוואַרץ שליפּעלע ביים האַלז, און די געדיכטע שוואַרצע צעפּ פֿאַרלייגט איבער׳ן קאָפּ, ווי אַ קרוין.

פּערל איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע ביי אָרעמע עלטערן, דאָך האָבן זיי אָנגעשטריינקט אַלע כוחות צו געבן איר אַ גוטע בילדונג. זי האָט געענדיקט אַכט קלאַסן גימנאַזיע, איידער זי איז מיט דער פֿאַמיליע געקומען קיין אַמעריקע. דאָס מיידל האָט אויך באַהערשט עטלעכע שפּראַכן. דאָך האָט זי שטאָלצירט מיט איר שיין אידיש ריידן.

ווען ביילע פֿלעגט קומען פֿון סקול, זיינען שוין אַלע אין שטוב גע־שלאָפֿן. כדי ניט צו שטערן די מידע מענטשן, וואָס האָבן געמוזט זיך אויפֿהויבן זייער פֿרי צו דער אַרבעט, פֿלעגט זי אַרויפֿקלעטערן אויפֿן זעקסטן שטאָק, וואו ס׳האָט געברענט אַ ליכט די גאַנצע נאַכט, און דאָרט, אויף די טרעפּ, האָט זי צוגעגרייט איר „היים־אַרבעט" פֿאַרן קלאַס.

ביילע האָט פֿלייסיק געלערנט און אויסגענוצט יעדע פֿרייע מינוט, כדי אָנצוזאָגן דאָס, וואָס זי האָט פֿאַרשפּעטיקט.

איינמאָל, אין אַ זונטיק, האָט פּערל איינגעלאַדן ביילע׳ן מיטצוגיין צו איר קולטור־קלוב, וואו מען וועט דיסקוסירן דעם „בלויען פֿויגל" פֿון מעטערלינג׳ען. די ווערטער „קולטור", „קלוב", „דיסקוטירן" האָבן גע־

קלונגען אינגאַנצן פרעמד אין ביילע׳ס אויערן. דאָך איז זי מיטגעגאַנגען. יענע נאַכט, נאָך דער דיסקוסיע, האָט זיך ביילע׳ן געחלומ׳ט איר קליין שטעטל: אינמיטן גאַס באַווייזט זיך אַ בלויער פויגל און סטודענטקעס, אין ווייסע קליידער מיט ברוינע פאַרטוכער, יאָגן זיך נאָך אים, און זי איז אויך אינדערמיט! . . .

אַז ביילע האָט איינמאָל באַגעגנט פּערלען מיט אַ דיקן בוך אונטער׳ן אָרעם, האָט זי געפרעגט מיט נייגיר:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ בוך?

— דאָס איז פּרצ׳עס שריפטן — האָט פּערל געענטפערט. אויב איר האָט נאָך ניט געליינט פּרצ׳ן, מוזט איר אים לייענען! איר קאָנט קריגן פּרצ׳ן אין ביבליאָטעק.

אויף מאָרגן האָט ביילע זיך פאַרשריבן אין ביבליאָטעק, און אויף פּערל׳ס אָנווייזונגען האָט זי זיך באַקענט מיט די אידישע קלאַסיקער, נאָכדעם — מיט די רוסישע, און מיט ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור.

פּערל איז אין אַמעריקע אויך געוואָרן אַ שאַפּ־אַרבעטערין און גע־שטעלט אין דינסט איר בילדונג דער יוניאָן פון איר פאַך. אין יעדן אַר־בעטער־קאַמף איז זי געווען אין דער ערשטער ריי. און כאָטש זי איז ניט לאַנג געווען אין לאַנד, האָט זי געוואוסט וואו אַ טיר עפנט זיך צו יעדער קולטור אינסטיטוציע, וואו מען האָט פאַר שפּאָט ביליק געקאָנט זען טעאַטער פאַרשטעלונגען, הערן לעקציעס און אפילו קריגן ביליקע אָפּעראַ־בילעטן.

אומעטום, וואוהין זי איז געגאַנגען, האָט זי מיטגענומען ביילע׳ן. שווער געווען צו דערגיין, וואָס עס האָט די גרויס־שטאָטישע גימנאַזיסטקע צוגע־בונדן צו דער קליינשטעטלדיקער מאָדיסטקע. איז דאָס געווען ביילע׳ס לאַכנדיקע אויגן, איר זיסער שמייכל, צי איר טיפער חוש פאַר הומאָר? צי אפשר האָט פּערל דערשפּירט, אַז ביילע פאַרמאָגט ערגעץ אין דער טיף אַ גרויסע בייגקשאַפט נאָך אַ רייך גייסטיק לעבן, צו וועלכן ס׳האָט פּערל׳ען אויך געצויגן? אַזוי צי אַזוי, די צווי מיידלעך זיינען געוואָרן ווי דער סיאַמער צווילינג, ניט אָפּצוטיילן. און ווען ביילע איז אַמאָל געלעגן קראַנק אין שפּיטאָל, האָט איר פּערל געבראַכט אַ באַנד „שלום עליכם״. האָט זי דאָס בוך ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט, געליינט און געלאַכט אויפן קול. די נוירס האָט זיך דערשראָקן און געוואָלט מיט גוואַלד אַוועקנעמען ס׳בוך, איז אָנגעקומען דער דאָקטאָר. ווען ער האָט אַ קוק־געטאָן אויפן בוך, האָט ער געזאָגט צו דער נוירס:

— „לאָז זי לאַכן, לאַכן איז געזונט. דאָקטוירים הייסן לאַכן.״

ביילע האָט ווייטער געוואָלט ציען די אָפּגעלאָזטע קייט מיט יאָרן, ווען זי האָט גענומען לייענען די אַרויסגעוואָרפענע 9 ביכער, האָבן אָבער אירע אויגן זיך גענומען קלעפּן. ווען זי איז איינגעשלאָפן, האָט זיך איר גע־חלומ׳ט, אַז זי האָט געפונען 9 היימלאָזע קינדער זיך וואַלגערנדיק אין בלאָטע, האָט זי זיי גענומען צו זיך אַהיים. און ווען זי האָט זיי אַרומגע־וואַשן, האָבן זיי פאַרשיינט איר שטוב און דערפרישט איר שווער געמיט.

* * *

שוין יאָרן ווי ביילע האָט ניט געזען פּערל׳ען, דאָך טראָגט זי נאָך איצט אין קאָפּ און אין האַרצן דאָס בילד פון איר יוגנט־פריינדין, וועלכע האָט באַלויכטן מיט זון־שטראַלן דעם וועג פון איר לעבן.

#ביילע'ס יום־טוב

ביילע איז אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ שיינעם קאָפּ זילבער־ווייסע האָר, וואָס מאַכט איר ליכטיק פּנים נאָך ליכטיקער. זי פאַרמאָגט אויך אַ פּאָר שיינע שוואַרצע אויגן מיט אַ ליבן שמייכל, וואָס געווינט פאַר איר דעם צוטרוי פון מענטשן.

ביילע קאָן ניט לעבן בלויז צוליב זיך אַליין. זי איז נאָר דעמאָלט גליקלעך, ווען זי קאָן לינדערן איינעמס ליידן, אָדער פאַרשאַפן אימיצן פרייד.

זי איז אַ וואויל־קענעוודיקע, ביילע. זי באַהערשט עטלעכע שפּראַכן און איז באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור. אָבער צום ליבסטן איז איר דאָס אידישע לשון און די אידישע ליטעראַטור.

ווען זי קומט אַריין אין אַ אידיש הויז און געפינט דאָרט ניט קיין אידיש בוך, טוט עס איר ווי. זי וואָלט געוואָלט, אַז אין אַלע אידישע הייזער זאָלן זיך געפינען אידישע ביכער, מיט וועלכע די עלטערן זאָלן באַקענען זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן ניט וואַקסן ווי ווילד־גראָז.

דעריבער, ווען ביילע דערוויסט זיך, אַז אירער אַ באַקאַנטער שרייבער גיט אַרויס אַ בוך, הייסט זי זיך שיקן אַ האַלב טוץ אַבאָנענטן־ביכלעך. דער שרייבער רופט זיך גלייך אָפּ, און אַנשטאָט זעקס ביכלעך, שיקט ער ביילע'ן צוועלף . . .

ביילע פאַרלירט ניט קיין צייט און שיקט אַרויס צו אַלע אירע פריינט און באַקאַנטע די „סובסקריפּשאָן"־ביכעלעך. צו יעדן ביכעלע לייגט זי צו אַ שיין בריוועלע, אין וועלכן זי פאַרזיכערט דעם לייענער, אַז דאָס איז אַ בוך צום לייענען און צום לערנען.

גייען אַוועק טעג און וואָכן און מען הערט ניט און מען זעט ניט. ווי אין ים אַריין. איז ביילע ניט פויל אויף דער פּען און שיקט אַרויס קאַרט־לעך, ווי אַ דערמאָנונג. און אַז קיין ענטפער קומט אַלץ ניט, הויבט זיך אָן אַ סדרה פון טעלעפאָן־רופן. ביילע רופט אָפּ די ערשטע פריינדין, אַ ליב־האָבערן פון דער אידישער ליטעראַטור, און פרעגט זי, צי יענע האָט דערהאַלטן אַ „סובסקריפּשאָן"־ביכעלע.

— דערהאַלטן, אודאי דערהאַלטן, — ענטפערט יענע בייז, און פרעגט:

— ביז וואַנען וועסטו, ביילע, נאָך פּעדלען מיט פרעמדע ביכער ?

די ווערטער „פּעדלען מיט פרעמדע ביכער" גיבן ביילע׳ן אַ ברי ביים האַרצן, און זי טעלעפאָנירט שוין צו אַ צווייטער.

יענע וויצלט זיך :

— ביילע סערדצע, זאָג מיר נאַר, וואָס מוטשעסטו מתים ? דו מיינסט טאַקע, אַז די שרייבער, פאַר וועמען דו רייסט זיך אַ פּאַלע, וועלן דיר שטעלן אַ גילדענע מצבה ? וואָס איז, אַ שרייבער דאַרטן וויל באַגליקן די וועלט מיט זיין בוך, דאַרפסטו איינלייגן וועלטן ? און אַז ער זאָל ניט אַרויסגעבן קיין בוך, וואָלט געוואָרן אַ לאָך אין הימל ? אַי, ביילע, איך האָב מורא, אַז פון דיר וועט שוין קיין לייט ניט זיין.

נאָך איינע וויל וויסן : ווי האָט ביילע ניט קיין גאָט אין האַרצן, און נעמט איר שווער־פאַרהאַרעוועט געלט און פאַרשווענדט עס אויף פּאָסט־מאַרקעס, קאַרטלעך און טעלעפאָן־רופן ? וואָס מיינט זי זיך, אַז ס׳פעלן ביכער אין אַמעריקע ? קאַרג ביכער וואַלגערן זיך אין די הייזער און מען לייענט זיי אפילו ניט ! . . .

הערט ביילע די פריינטלעכע רייד און בעט, אַז מען זאָל איר בלויז אָפּשיקן די „סובסקריפּשאַן"־ביכעלעך.

אָבער מיט ליידיקן אָפּקומען ביילע׳ן שעמט מען זיך פאַרט, שיקט מען איר אָפּ די ביכעלעך מיט די פאַר דאָלאַר פאַר׳ן בוך, ווי איינער רעדט : „נאַ, נאַ און טשעפּע זיך אָפּ".

איינמאָל האָט ביילע איינגעאָרדנט אַן אָוונט אין איר אָרגאַניזאַציע לכבוד דער דערשיינונג פון אַ נייעם בוך. זי האָט אַנגאַזשירט זינגער, שפּילער און טענצער. איז געקומען אַ גרויסער עולם צו באַגריסן דעם מחבר. ביילע האָט געעפנט דעם אָוונט, דערקלערט די באַדייטונג פון דעם נייעם בוך און פאַרגעשטעלט דעם שרייבער. אַ יונגערמאַן, מיט אַן איי־דעלער בלאַסקייט אויפן פּנים. האָט ער זיך טיף פאַרנויגט פאַר די געסט און גענומען לייענען פון זיין בוך. ער האָט געלייענט הויך, אָבער מיט אַ טאָן פון צערטלעכקייט. אין זאַל איז געווען שטיל און ס׳האָט געהערשט אַ יום־טוב׳דיקע שטימונג. נאָכ׳ן לייענען האָט אַ קאָלעגע־שרייבער געגעבן אַן אָפּשאַצונג פונם ווערק און אַפּעלירט צום עולם צו קויפן ס׳בוך. האָבן זיך געהויבן אַ סך הענט, און ביילע האָט מיט גרויס פרייד צוגעטראָגן יעדן אַ בוך.

שפּעט אין אָוונט, ווען די פּראָגראַם איז שוין געווען אינגאַנצן אויסגע־שעפּט, האָבן די מוזיקער אויפגעשפּילט אַ פריילעכס. דער עולם האָט זיך אַ הויב געטאָן פון די שטולן, און מ׳האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ.

געטאַנצט האָבן אויך יענע צווישן עולם, מיט גרויע קעפּ, אָבער מיט יונגן פייער אין די אויגן.

ביילע האָט דאָס צוגעזען און אין די שוואַרצע טיפקייטן פון אירע אויגן האָבן מאָדנע פייערלעך אַרויסגעלויכטן.

זי האָט איצט געשוועבט ווי אין אַן אַנדער וועלט. ס׳איז איר געקומען אויפן זינען איר קינדהייט, און זי האָט זיך דערמאָנט אין איר פאָטער. ער האָט גע׳שמ׳ט אין שטאָט מיט זיין לערנען. ער פלעגט אַזוי אויס־טייטשן אַ בלאַט גמרא, אַז אפילו פּשוט׳ע אידן האָבן געקענט באַנעמען דעם טיפן זין. האָט מען טאַקע פאַר לייב׳ן געהאַט גרויס דרך־ארץ, ווי פאַר אַ למדן.

ביילע׳ס פאָטער האָט אויך געוואוסט ביי וועמען ס׳פעלט ברויט צו דער זעט, און אין וואָסערע שטיבער מען פרירט און ס׳איז ניטאָ אפילו אַ פּאָר שפּענדלעך אויף אויפקאָכן אַ ביסל וואַסער. און האָט אַ חתן ניט געוואָלט גיין צו דער חופה ביז מען וועט אים פריער ניט דערלאַנגען דעם צוגעזאָגטן נדן, — צו וועמען איז מען געלאָפן? צו ר׳ לייב׳ן, ביילע׳ס טאַטן.

ר׳ לייב איז געווען ווייט פון אַ גביר. ער האָט אָבער געקאָנט רירן שטיינערנע הערצער פון נגידים.

איינמאָל האָט ער געשיינקט אַ ספר תורה אין שול. ער האָט געטראָגן „די ריינקייט" אויף די הענט, ווי מען טראָגט אַ ליב קינד. אַ קאַפּעליע קלעזמער האָט געשפּילט און מענטשן האָבן געטאַנצט אין די גאַסן. נאָך דעם איז ביי זיי אין הויז געווען אַ לעקאַך־און־בראָנפן. דער פאָטער איז געזעסן אויבן־אָן, און אַרום גרויסן טיש — די געלאַדענע געסט, אָרעם און רייך. ביילע׳ס מוטער האָט אַ פריילעכע דערלאַנגט צום טיש אַלערליי טאָרטן, לעקאַך און בראָנפן, וויין און ווישניק. די משקה האָט געפינקלט אין די גלעזער און זיך געשפּילט אויף יעדנס פּנים. ס׳האָבן געהילכט לחיים׳ס, ס׳האָבן געקלונגען די כוסות און מען האָט געווּאונטשן ביילע׳ס טאַטן נאָך אַ סך לאַנגע יאָר. און דער בעל־שמחה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשיינקט יעדן זיין ליבן שמייכל און ליכטיקן בליק.

יענער טאָג האָט איבערגעלאָזט אויף ביילע׳ן אַ רושם, וואָס איז ניט צום אָפּמעקן. איר פאָטער׳ס מענטשלעכקייט, באַהאַרצטע וואַרעמקייט, איז דאָס סאַמע וועדטפולסטע אין ביילע׳ס לעבן, וואָס זי געדיינקט.

אימיצער האָט ביים שרייבער־יום־טוב ביילע׳ן אַ טאַרע געטאָן. זי האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף ווי פון אַ טיפן שלאָף. זי וואָלט שווערן, אַז פּונקט אַזוי גליקלעך איז איר טאַטע געווען יענעם טאָג, ווען ער האָט געשיינקט די ספר תורה אין שול . . .

אין אַן אַפּרו־היים

אין איינעם פון די שענסטע געגנטן אין איסט־ווינ, ניו יאָרק, געפינט זיך די עלטסטע אידישע אינסטיטוציע, די „לאָועב מעמאָריעל־האָום", אויסגעבויט אויף אַ ברייטן שטח פון אַכט און זעכציק אַקער לאַנד. די אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1904 פון דער לאָועב פאַמיליע, אין אָנדיינק פון זייערע עלטערן, וועלכע שטאַמען פון די באַרימטע דייטש־אידישע פאַמיליעס, וואָס זיינען אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע אין ניינצנטן יאָרהונדערט. דער אַנשטאַלט איז ניט אָפּ־הענגיק פון קיין צדקה־ביישטייערונגען. ער פירט אָן זיין אַרבעט מיט די פאָנדן, וואָס זיינען פאַרזאָרגט געוואָרן פון זיינע גרינדער. אַ חוץ די אַכט ווייסע, קעגן זון בליאַסקענדיקע קאַטעדזשעס, זעט מען אַ בלויען הימל, גרינע ערד, פעלדער, וועלדער און גערטנער.

אַהער קומען פּאַציענטן נאָך רו, דירעקט פון די שפּיטאָלן, וואו זיי האָבן דורכגעמאַכט שווערע אָפּעראַציעס. מען קומט אַהער מיט רויע וואונדן, בלאַסע פּנים׳ער, מיט שטאַרע אויגן פול מיט צער. אָבער קוים נעמען די דאָקטוירים און די נוירסעס אָט־די צעבראָכענע שאַרבנס אין זייערע הענט אַריין, שטעלט מען זיי גיך אויף די פיס: די באַקן קריגן ווידער קאָליר און די אויגן נעמען גלאַנצן, עפּעס נאָר ווי דורך אַ כישוף.

עס קומען אַהער אויך שוואַכע פרויען פון הויז און פאַבריק; אַלט און גרוי־געוואָרענע פאַר דער צייט, מיט רוקנס געבויגענע ווי ווערבעס, און מיט אַ טיפן טרויער אין די אויגן. צווישן די פרויען געפינען זיך אַ סך אַנטלאָפענע פון דעם נאַצי־גיהנום, אויסגעהונגערטע, צום טויט־פאַרפּיי־ניקטע. די אויגן ביי זיי איבערגעצויגן ווי מיט אַ וואָלקן, קוקן זיי ערגעץ ווייט־ווייט, פאַרטראַכט. אַ שטילער, שטומער טרויער ליגט אויסגעגאָסן אויף זייערע שטערנס. און ווען זיי ריידן, קוקן זיי זיך אַרום, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן פאַר זייער אייגענעם שאָטן.

אַרויסגעריסן זיך פון זייער אָרים־פאַרשקלאַפּט וועלטל, דערפילן זיך דאָ די הויז־פרויען ווי ניי־געבוירן. די זויבערקייט אין די קאַטעדזשעס, די ווייכע, ריינע בעטן, לעבן גרויסע, אָפענע פענצטער, וואָס גייען אַרויס

אין גאָרטן, וואָס איז פול מיט פּרוכט־בוימער, דערקוויקן דאָס אויג. אין די געדיכטע צווייגן האָבן פייגעלעך זיך געמאַכט זייערע נעסטן. און ווען עס הויבט אָן צו שאַריען אויף טאָג, דערהערן זיך זיסע טענער, וואָס צעגיסן זיך אין אַלע גלידער.

אינדערפרי באָדן זיך די פרויען אין הייסע און אין קאַלטע וואַנעס. מען טוט זיך אָן ריינע קליידער. מען לאָזט זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר. די לופט איז פול מיט בשמים. שפּאַנט מען צווישן סאָסנאָווע בוימער, באַגלייט פון פייגל־געזאַנג, ביז ס׳דערהערט זיך דער גלאָק, וואָס רופט צו פרישטיק.

דער עס־צימער פאַרמאָגט אַ סך גרויסע, ברייטע פענצטער, אַרומגעשטעלט מיט וואַזאָנעס, וואָס בליען סיי זומער און סיי ווינטער. שטייען שוין געדעקטע קיילעכדיקע טישן און אויף יעדן טיש — פריש־געשניטענע, שמעקנדיקע בלומען. ווייסע סאַלפעטקעס, זילבער־געשיר, — אַלץ שיימערירט. נאָכ׳ן עסן גייט מען אַרויס אויף די גרינע לאָנקעס, מ׳זעצט זיך אַריין אין באַקוועמע שטולן און מען באַקט זיך אַנטקעגן דער זון.

די באַליבטסטע טעמע ביי די פרויען איז צו ריידן פון זייערע אָפּעראַציעס. איינע דערציילט: „איך האָב זיך יאָרן־לאַנג געמאַטערט און ניט געוואָלט גיין אונטער׳ן מעסער, ביז ס׳איז געקומען אַזוי ווייט, אַז מען האָט מיך געמוזט נעמען אויף אַ „סטרעטשער״ אין שפּיטאָל אַריין. צוויי מאָל האָט מען מיר געגעבן בלוט און ערשט נאָכדעם אָפּערירט״.

— האָט איר טאַקע מזל, — זאָגט אַ צווייטע, מיט אַן אויסגעטריקנט פּנים. — מיר ווילן די דאָקטוירים אינגאַנצן ניט אָפּערירן. צו־לאַנג געוואַרט . . . נאָך זייער חשבון קומט אויס, אַז איך דאַרף מיך שוין אַזוי מאַטערן ביז׳ן טויט.

— עפּעס ביי לייטן האָט מען דאָס אַזוי מורא פאַר דער הויט, — מישט זיך אַריין אַ דריטע. — דריי אָפּעראַציעס האָב איך שוין געהאַט און דאַרף איגגיכן ווידער גיין אין שפּיטאָל. וואָס איז ווייטער? מען דאַרף מיר נאָך עפּעס „צופּיקסן״, עפּעס צורעכט מאַכן — דאַן וועל איך שוין לאַכן פון דער וועלט!

אין דער „לאָועב־האָום״ קומען אויך אַ סך אָפּגעצערטע יונגע מיידלעך. ביים עסן קאָן מען גלייך דערקענען די שלעכט־דערצויגנקייט זייערע. וואָס מען זאָל זיי ניט דערלאַנגען צום טיש, גיט מען אַ שמעק, אַ לעק און אַ שליידער אַוועק דעם טעלער, מיט שאַרפע אויסרופן: „פרוי! איי העיט איט! וואָט קאַינד אָוו עי . . . איז דהיס?״ דערביי מאַכן זיי אַזעלכע פאַסקודנע מינעס, אַז עס פאַרגייט ביי אַ צווייטן דער אַפּעטיט!

די אויפזעער האַלטן אָן אויג אויפן יונגוואַרג, גייט מען צו צום טיש

און מען טרעט ניט אָפּ, ביז די מײדלעך עסן אויף יעדן ביסן. אַט־די שפּיל חזר׳ט זיך איבער אַ פּאָר מאָל, ביז די טעכטערלעך זעען־איין, אַז דאָ האָבן זײ ניט צו טאָן מיט דער מאַמען אין דער הײם, װעמען זײ דערגײען די יאָרן, הױבן זײ אָן עסן װי נאַרמאַלע מענטשן און זײ בעטן נאָך אַ צװײטע פּאָרציע אויך; און מען הויבט אָן געװינען װאָג.

דאָס ערגסטע בײ אַט־די מײדלעך איז, װאָס מען נעמט פֿון זײ אַװעק די רוזש, ליפּסטיק און סיגאַרעטן. די מײדלעך װאַרפֿן זיך, פּראָטעסטירן און שרײען מיט חוצפּה: „װאָט איז איט, עי קאָנסענטרעישאָן קעמפּ?״ — ס׳איז אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער?

די אױפֿזעער זאָגן אָן די פּאַציענטקעס, אַז מיט זײערע נאַשערײען זאָלן זײ זיך ניט װאַרפֿן אין די אויגן פֿון די, װעלכע קאָנען זיך ניט דער־לױבן אַזאַ לוקסוס. דערפֿאַר, אַז מען באַקומט בריװ פֿון די מענער און געליבטע, לײענט מען זײ הױך אויף אַ קול, און מען קימערט זיך ניט פֿאַר יענע, װאָס גײען אױס פֿון בײנקשאַפֿט נאָך אַ צערטלעך װאָרט.

צװײ מאָל אין װאָך פֿאָרן אַװעק געזונטע פּרויען און עס קומען קראַנקע — װי אַ שטענדיקע קװאַליע, װאָס שטעלט זיך ניט אָפּ. צװישן די נײ־אָנגעקומענע באַװײזט זיך אַ סקעלעט אין אַ פּרויען־געשטאַלט — מיט אַ לאַנגן, דאַרן האַלז, אויף װעלכן ס׳האַלט זיך אַ קעפּל, װי אױף ספּרוזשינעס; די האָר גרױ און צעפּאַטלט, װי בײ אַ מכשפה, דאָס פּנים אַש־קאָליר, איבערגעשראָקענע אויגן און דער אײנגעשרומפּענער גוף — אין טראַנטעס.

אויף מאָרגן איז שוין דאָס פּאַרזעניש ניט צו דערקענען. די פּרויען פֿון דער הײם האָבן זי שוין אַרײנגענומען אין די הענט אַרײן. אײנע האָט איר צוגעשוירן אַביסל די האָר, אַ צװײטע האָט איר אָנגעטאָן אַ לײענטע אַרום די האָר, אַ דריטע האָט איר געגעבן אַ שײן קלײד, אַ פּערטע — אַ פּאָר שיך. די זון האָט איר געשײנקט אַ ברױנע הױט, און זי איז שוין אַ מענטש מיט מענטשן גלײך.

די פּאַרװײלונגען אין דער „לאָועב־האָום״ באַשטײען מערסטנס פֿון קלאַסישע קאָנצערטן: די „סאָשעל דירעקטאָרשע״ באַזיצט אַ פֿײנעם חוש פֿאַר הומאָר, שאַפֿט זי צוערשט אַ פֿרײלעכע שטימונג, נאָכדעם הויבט זיך אָן דער קאָנצערט. מיט טיפֿן ערנסט הערן די פּאַציענטן זיך אײַן צו די מײסטערװערק פֿון בעטהאָװען, װאַגנער, טשאַיקאָװסקי און אַנדערע.

ס׳איז סוף זומער און עס בליען נאָך דאָ אַלערלײ בלומען, נאָר די בוימער האָבן געביטן זײער קאָליר: פֿון גרין אויף רויט, און די בלעטער — אויף אַלע קאָלירן פֿונם רעגנבויגן. אָבער מער פֿון אַלץ זעען זיך אַרויס די געדיכטע עפּל־בוימער. פֿון דער שװערער משא עפּל ציט עס די צװײגן

אַראָפּ ביז צו דער ערד. קומט צופליען אַ ווינט ווי אַ וויכער, גיט אַ שאָקל די צווייגן, פאַלן גרויסע רויטע עפּל אָן אַ שיעור. אַזוי פיל עפּל! און עסן טאָר מען זיי ניט. איז דאָך אָבער פאַרבאָטענע פרוכט זיס, עסט מען די זויערע האַרטע עפּל און מען קריגט נאָכדעם בויך־ווייטיק . . .

אַזוי ווי אין אַ טייך זיינען דאָ פאַרשיידענע פיש, אַזוי וואַרפן זיך דאָ דורך פאַרשיידענע פרויען: אידישע און ניט־אידישע, געבילדעטע און אומוויסנדיקע, אויך אַרבעטער־קעמפּעריננס און צוריקגעשטאַנענע. אָבער וועגן איין פּונקט זיינען דאָ אַלע איניק: צוריקצוקריגן די פאַרלאָרענע כחות.

ווען עס קומט צום געזעגענען זיך, קושט מען זיך ווי לייבלעכע שוועס־טער און מען לאָזט דערביי אַ טרער. פאַר די עטלעכע וואָכן, וואָס מען פאַרברענגט אין דער „לאָועב האָום״, ווערט מען זיך נאָענט און מען דער־פילט זיך ווי קינדער פון איין גרויסער משפּחה, אָדער ווי לאַנדסלייט פון איין שטאָט. ער ווערן איינגעשטעלט פריינטלעכע פאַרבינדונגען, וואָס אייניקע האַלטן אָן פאַר אַ לאַנגער צייט דורך קאָרעספּאָנדענץ אָדער באַ־געגענישן.

אָבער דער שטאַרקסטער כח, וואָס דערנענטערט די מערסטע פון זיי, איז — דער ווילן צו לעבן.

דער סוד

„די אַלטע", אַזוי האָבן זי גערופן די שכנים פונם טענעמענט הויז, וואו זי האָט געוואוינט מיט איר זון, אַ סטודענט.

זי — אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע, מיט אַ ציכטיק פּנים, אַ זילבערנעם קאָפּ האָר און גוטמוטיקן שמייכל, וואָס גייט איר ניט אַראָפּ פון די ליפּן. דער זון, ווידער — אַ יונג אַ ריז, מיט אַ סימפּאַטישן פּנים, שוואַרצע פאַר׳חלום׳טע אויגן, אונטער שוואַרצע, לאַנגע וויעס און פּעך־שוואַרצע האָר.

אינדערפרי האָט מען געקענט זען אָט־דאָס פּאָרל פאַרלאָזן ס׳הויז. זי און ער מיט אַ פּאַק ביכער. דער טאָג האָט זיי אַוועקגעטראָגן און די נאַכט האָט זיי צוריקגעבראַכט.

איינמאָל, שפּעט אין אָוונט, האָט אַ שכנה באַגעגנט אין קאָרידאָר די אַלטע. „וואוהין לויפט איר אַזוי שפּעט?" האָט זי געפרעגט.

—איר וועט זיכער לאַכן — האָט די אַלטע געענטפערט. איך בין שוין געלעגן אין בעט, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב פאַרגעסן קויפן אַ שטיקל קעיק. און אָן קעיק וועט מיין סעמעלע ניט טרינקען קיין קאַווע אינדערפרי. ער גייט דאָך אין קאָלעדזש, האָט זי צוגעגעבן מיט שטאָלץ.

און ס׳איז טאַקע געווען מיט וועמען צו שטאָלצירן. יעדן יאָר האָט דער בחור באַקומען אויסצייכענונגען אין קאָלעדזש. איז ער אַריין אין לאָו־סקול. פלעגט ער טרייסטן די מוטער, אַז ווען ער וועט ענדיקן אַלס לאָיער, וועט זי שוין מער ניט דאַרפן אַרבעטן. אַרבעטן וועט ער שוין און זי וועט רוען. ער וועט איר קויפן אַ פּריוואַטע הויז מיט אַ גאָרטן, וועט זי זיצן אַנטקעגן דער זון און וואַרעמען אירע מידע גלידער . . .

דערווייל איז זי געזעסן אין שאָפּ, איינגעבויגן אין דרייען און גענייט קנעפּלעך, העקעלעך, גיך, גיך. אָט אַזוי האָט דאָס קליינע מאַמעלע מיט אירע פאַרדינסטן אויסגעהאַלטן אַ היים און דעם זון אין סקול. איר איינציקער פאַרלאַנג איז געווען, אַז ער זאָל האָבן אַ גרינגער לעבן, ווי זי האָט.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען די אַלטע איז געשטאַנען אין קיך ביים סינק

און געריבן אַ טעפּל, איז צו איר צוגעגאַנגען דער זון און מיט אַ ציטעריק קול געבעטען, אַז זי זאָל זיך אָוועקזעצן. ער מוז מיט איר עפּעס ריידן. האָט די אַלטע אָפּגעווישט די הענט און מיט נייגיר זיך אַוועקגעזעצט צו הערן וואָס דער זון האָט איר צו דערציילן. און איר סעמעלע האָט מיט געצויגענע ווערטער איר דערציילט, אַז ער האָט מיט אַ צייט צוריק זיך פאַרליבט אין אַ מיידל און ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט מיט איר געמוזט חתונה האָבן. וויל ער, אַז זי, די מאַמע, זאָל אים דערלויבן צו וואוינען דאָ ביי איר מיט זיין ווייבל, ביז ער וועט פאַרענדיקן זיין שטודירן.

די נייעס האָט דער אַלטער דערלאַנגט ווי מיט אַ האַמער אין קאָפּ אַריין. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן דעם זון, האָט זיך איר דער צונג פאַר־האַקט. זי האָט נאָר געפּילט, אַז אַלע אירע האָפענונגען אויף אַ גרינגערן לעבן זיינען מיט אַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. איז זי צוגעפאַלן צום זון, איר קאָפּ אויף זיין ברוסט און זיך שטיל צעכליפּעט.

דער מאַמע׳ס טרערן זיינען געפאַלן אויפן זונ׳ס האַרץ ווי שווערע שטיינער. ער האָט אָבער ניט געקאָנט געפינען קיין איין טרייסט־וואָרט פאַר איר . . .

אויף מאָרגן האָט סעמעלע געבראַכט אַהיים זיין ווייבל. „מאַמע, דאָס איז מיין אסתר!“ האָט ער זי פאַרגעשטעלט. די אַלטע האָט זייביידן אַרומגענומען מיט אירע דאַרע הענט, און מיט ווייכקייט געזאָגט: „מזל־טוב אייך, קינדער“!

אסתר איז געווען אַ הויכע, שלאַנקע ברונעטקע, מיט לאַכנדיקע אויגן און מיט איר שמייכל האָט זי געקאָנט פאַרכישופ׳ן אַ מענטשן. אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען שוין געקאָנט זען, ווי זיי אַלע דריי פאַרלאָזן ס׳הויז.

לאַנג האָט אָבער אסתר ניט געקאָנט אַרבעטן. סאיז געקומען די צייט, ווען זי האָט געמוזט בלייבן אין הויז. און ווען די אַלטע פלעגט קומען אַהיים נאָך אַ טאָג אַרבעט, האָט זי שוין געפונען אַ שיין־געגרייטן טיש, אַ געשמאַקע וועטשערע און אַלץ אויף וואָס סאיז געפאַלן איר בליק, איז איר געווען צום האַרצן. איז איר די שנור ליב געוואָרן ווי אַן אייגן קינד, און זי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַן אייניקל.

אסתר האָט געבוירן אַ מיידעלע, אַ סך פריער ווי די אַלטע האָט גע־רעכנט, אָבער זי האָט דערפון ניט געמאַכט קיין וועזן. מיט באַבעשער פרייד האָט זי דאָס נפש׳ל אָפּגעבאָדן, אַנגעטאָן אין ווייסע, נייע זאַכן, און דאָס דערלאַנגט דער מאַמע, זי זאָל איר געבן די ברוסט. אָבער ווען אסתר האָט זיך איינגעקוקט אין דעם קינד׳ס פּנים׳ל, האָט זי דאָס אָפּגעשטופּט פון זיך און אַרויסגעלאָזט אַזאַ קוויטש, אַז אַלע שטוביקע זיינען פאַרצי־טערט געוואָרן. איז סעמי צוגעלאָפן, זי געגלעט און געקושט. אסתר האָט

זיך געטוליעט צו אים ווי אַן איבערגעשראָקן קינד און אויסגעמידן זיין בליק. נאָר ווען ער האָט זיך גענומען ביי איר בעטן, אַז זי זאָל דעם קינד געבן זויגן, האָט זיך איר בליק עפּעס פאַרצויגן, גלייך זי וואָלט ניט געהערט, וואָס מען רעדט צו איר.

„וואָס קאָן דאָס זיין?" האָבן מוטער און זון זיך אָנגעקוקט מיט שרעק אין די אויגן. דער דאָקטאָר האָט זיי געטרייסט, אַז ס'טרעפט אָפט ביי יונגע מאַמעס אַזאַ מין נערוון־דערשיינונג, און אַז ס'וועט איבערגיין.

אָבער אסתר איז געוואָרן מעלאַנכאָליש, מיט יעדן טאָג אַלץ מער, און דאָס קינד ניט צוגעלאָזט צו זיך. די אַלטע האָט אויפגעגעבן דעם שאַפּ, געלאָזט אין גאַנג אַלע אירע כחות צו דערציען ס'קינד און געהאַלטן אַן אויג אויף דער קראַנקער, יונגער מאַמע. און ווען זי האָט געזען, אַז ניט נאָר די שנור זינקט, נאָר אויך איר שטוב גייט צו גרונט, און אַז דער דלות האָט זיך באַזעצט ווי אַ באַלעבאָס ביי איר טיש, האָט זי מיט צער אין די אויגן זיך געווענדט צום זון, אַז ער זאָל אויפגעבן דאָס לערנען און זוכן וואו צו פאַרדינען אויף ברויט.

אַן ווערטער האָבן מאַמע און זון זיך אָנגעקוקט, ווייל דאָס האָט באַדייט: „אויס לאַיער, אויס קאַריערע, פון אַלע חלומות האָט זיך אויסגע־לאָזט אַ טייך". די איינציקע פרייד אין שטוב איז געווען דאָס קינד, וואָס איז געוואַקסן שיין און געזונט ווי אַ בלום. צו צוויי יאָר האָט זי שוין גענומעןריידן ווי אַ דערוואַקסענע. זי האָט געהאַט אַ קאָפּ לאַנגע, בלאָנדע האָר ווי זאַנגען, גרויסע, בלויע, לויטערע אויגן ווי דער הימל, מיט אַ טיף חן־גריבעלע אין איר גאַמבעלע. אָט־דאָס מיידעלע מיט איר חן האָט אַריינגעגאָסן אַ פרישקייט פון אַ נייעם לעבנס־קוואַל אין די הערצער פון מאַמע און זון.

אָפט פלעגן זיך מענטשן אָפּשטעלן און באַוואונדערן דאָס קינד. האָט געטראָפן, אַז איינער האָט וואויל־יונגעריש געפרעגט ביים פאָטער: „סעם, ווי קומט גאָר צו דיר אַן „איריש בלאָנד?" . . . סעם האָט זיך פון דער פראַגע געגעבן אַזאַ קאָרטשע צענויף, ווי אַ מעסער וואָלט זיך אין זיין לייב אַריינגעשניטן. און פון אסתר'ס פּנים האָט געשטראָמט אַ שטומער געוויין און פון אירע ליפּן איז דאָס בלוט אויסגערונען. נאָך דער סצענע האָט זי ניט געוואָלט מער אַרויסגיין פון שטוב, כדי צו זיין געשיצט פון פּוסטע צינגער, וואָס זיינען גערן צו פלאַפּלען, אַז גאָט באַשערט זיי עפּעס.

ווען סעם מיט אסתר'ן פלעגן אַמאָל אַרויסגיין פון הויז, פלעגן שכנות זיך דורכריידן:

— ווי, ווי, וואָס פון דעם ווייבל איז געוואָרן! אַ שאָטן פון אַ מענטשן.

— מען זאָגט, אַז דאָס פירט ער זי צו אַ פּסיכיאַטער.

— וואָס הייסט אַ פּסיכיאַטער ?

— אַזאַ דאָקטאָר, וואָס גיט ניט קיין מעדיצין. ער שלינגט נאָר צע־נערלעך און ציט אייך פאַרן צונג איר זאָלט אים זאָגן, וואָס אייך קוועטשט. איז אָבער די צרה, וואָס דער סוד איז ביי איר פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

— ווען מען פרעגט מיך, איז עס אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. אפילו אַ בלינדער וואָלט געקענט זען, אַז דאָס קינד איז עפּעס פון אַ בלאָנדן אייריש־מאַן. נאָר אַ שאָד, וואָס זיי ציען פון זיך די קליי. וואָרים, ווי קאָן ער זי היילן, דער פּסיכיאַטער ? ער וועט איר דען אָפּשפּרעכן אַ גוט אויג ?

איינמאָל, אַ זונטיק, איז דער אַלטער איינגעפאַלן צו פאָרן אויפן הייליקן אָרט בעטן איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, אַז ער זאָל זיך מיען פאַר זיין קראַנ־קער שנור. אין באַן האָט די אַלטע ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון אַ בלאָנדן בחור, וואָס איז איר געזעסן אַנטקעגן. ער איז איר פאָרגעקומען באַקאַנט, אָבער זי האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, וואו זי האָט אים פריער געזען. מיט אַמאָל האָט איר אַ בליץ געטאָן אין מוח איר איניקל ! יאָ, ווי צוויי טראָפּן וואַסער . . . און וואָס מער זי האָט געקוקט אויפן בחור, אַלץ קלאָרער איז איר געוואָרן דער קוויטש, וואָס די שנור האָט אַרויסגע־לאָזט, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען דאָס קינד.

ווען די אַלטע איז אַהיימגעקומען, האָט זי אויסגעזען בלאַס און צע־וויטיקט פון דער באַגעגעניש אין באַן. זי האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און אָפּגעזיפצט. דער זון, וואָס האָט גוט געקענט זיין מוטער׳ס יעדע מינע, האָט גלייך אַראָפּגעלייענט פון איר פּנים, אַז עפּעס האָט מיט איר געטראָפן. „וואָס איז דיר, מאַמע ?" האָט ער געפרעגט דערשראָקן. „גאָר ניט, מיין קינד, בלויז אַ קאָפּווייטאָק", האָט די אַלטע געענטפערט.

פון זינט דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן האָט די אַלטע עס געהאַלטן ביינאַכט אין איר צימער. אַז די מוטער, וואָס האָט אויף דעם קינד געקוקט ווי אויף איר שונא, זאָל מיט דעם, חלילה, ביינאַכט עפּעס ניט אָפּטאָן. פלעגט זי דעריבער אויף ביינאַכט שטענדיק פאַרשליסן די טיר פון איר צימער. איינמאָל האָט זי פאַרגעסן פאַרשליסן די טיר. ווען זי האָט זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט, האָט זי דערזען די קראַנקע טיף אַריבערגעבויגן איבער׳ן קינד׳ס בעטעלע. אַ טויט־שרעק איז דער אַלטער באַפאַלן . . . אומבאַמערקט פון דער שנור האָט זי צוגעאיילט צום בעטעלע, און מיט־אַמאָל האָט איר פּנים אויפגעשיינט : דורך טרערן פון פרייד האָט זי צוגע־קוקט, ווי אסתר האָט צום ערשטן מאָל געגלעט און צערטלעך געקושט דאָס קינד . . .

„אַ דאַנק פֿאַרן רופֿן"

נאָך מיט אַ וואָך פֿריער האָט אסתּר, זיצנדיק ביי דער אַרבעט, געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי זי וועט אויסנוצן דעם פֿיר־טאָגיקן יום־טוב. אַ קלייניקייט, פֿיר טעג ניט דאַרפֿן גיין צו דער אַרבעט! מען קאָן דאָך דעם רוח דעם קאָפּ אָפּדרייען. זי וועט האָבן צייט צו לייענען וויפֿיל איר האַרץ גלוסט, ענטפֿערן אויף בריוו, זיך אַרומקוקן אויף איר ווירט־שאַפֿט, אויך באַזוכן פֿריינט.

דעם ערשטן טאָג יום־טוב איז זי אויפֿגעשטאַנען גאָר פֿרי און גענומען אויספּוצן איר היים: איבערגעצויגן ס׳בעטגעוואַנט, אויפֿגעהאַנגען ווייסע פֿאַרהאַנגען אויף די פֿענצטער און זיך געוואָרפֿן פֿון איין אַרבעט צו אַ צווייטער, ביז ס׳האָט געפֿינקלט מיט ריינקייט אין יעדן ווינקעלע. איבער דער גאַנצער שטוב האָט זיך איצט געפֿילט דער יום־טוב. אָבער פֿאַר אסתּר׳ן איז געווען ווינציק אַ יום־טוב פֿאַר זיך אַליין, האָט זי געגרייט דעם טיש מיט ווין און לעקאַך, טאָמער קומט אַריין אַ מענטש. נאָר דעם גאַנצן טאָג האָט קיינער ניט אַריבערגעטראָטן איר שוועל. אפֿילו די שכנה, וואָס האָט ליב אַריינצוקוקן אין יענעמס טעפּל, האָט מען אויך ניט אָנגע־קוקט אין די אויגן.

דעם צווייטן טאָג יום־טוב איז שוין אסתּר אַוועק אין אַ דערבייאיקן פּאַרק. דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער, אַ וואַרעמער, איז דער פּאַרק געווען פֿול מיט אויסגעפּוצטע מענטשן, און געפֿילט האָט זיך עפּעס אַ מין שטילער, ליבער, האַרציקער יום־טוב, ווי קיינמאָל פֿריער.

אסתּר האָט זיך געפֿונען אַן אָרט אונטער אַ געדיכטן בוים און זיך פֿאַרטיפֿט אין אַ בוך. זי האָט געשלונגען איין קאַפּיטל נאָכ׳ן אַנדערן און גאָרניט באַמערקט ווי דער טאָג איז אַוועק. די זון האָט זיך געזעצט און איז באַלד פֿאַרשוואונדן הינטער אַ שוואַרצן וואָלקן. ס׳האָט גענומען בלאָזן אַ פֿוילער ווינט, וואָס איז געקראָכן אין די ביינער. אסתּר האָט דערפֿילט אַ קעלט אין אַלע גלידער. האָט זי פֿאַרמאַכט ס׳בוך און זיך געלאָזן גיין אַהיים. אין הויז האָט זי זיך דערוואָרעמט מיט אַ הייס לעפֿל געקעכץ און

זיך צוגעשפּאַרט צו כאַפּן אַ דרימל, דערנאָך וועט זי ערגעץ גיין. אָבער ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט.

דעם דריטן טאָג האָט אסתר געשריבן בריוו צו אירע קינדער. זי האָט זיי דערציילט וועגן איר גנזעלשאַפטלעכער אַרבעט און געטיילט מיט זיי אירע איינדרוקן פון די ביכער, וואָס זי האָט לעצטנס געלייענט.

ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט די לאַנגע בריוו, האָט זי זיך ערשט געכאַפּט, אַז ס׳זיינען שוין אַוועק באַלד דריי טעג פונעם יום־טוב, און זי האָט נאָך מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אַ בייגקשאַפט האָט אַרומגעכאַפּט איר גאַנצן וועזן. ס׳האָט זיך איר איצט אַזוי געוואָלט פאַר־ברענגען אין אַ הויז מיט מענטשן. אַמאָל, ווען איר מאַן האָט נאָך געלעבט און די קינדער זיינען נאָך געווען אין דער היים, פלעגן יום־טוב קומען צו איר געסט. איר מאַן, אַ קלוגער מענטש, פלעגט פאַרפירן אַ אינטערעסאַנטן שמועס, און זי, אַן אויפגעלעבטע, פריילעכע, פלעגט דערלאַנגען כיבוד צום טיש. האָט מען געגעסן, געטרונקען, נאָך דעם געטאַנצט און געזונגען, געוואוסט פון אַ לעבן צו זאָגן.

איצט איז אסתר אַליין. די קינדער אויסגעגעבן, וואוינען זיי אין ווייטע שטעט, און יעדער פירט זיך זיין אייגן וועלטל. אָבער אסתר באַרימט זיך תמיד, אַז זי איז טאַקע אַליין, אָבער ניט איינזאַם״ . . . זי האָט אַ סך פריינט, וואָס יעדער פון זיי וואָלט פאַר איר געלאָפן אין פייער, און צו ווען זי זאָל ניט אַריינפאַלן וואָלט זי געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. האָט זי אָבער פיינט אַריינצופאַלן ווי אַ יון אין סוכה. זי האָט ליב, ווען מען לאַדט זי איין צו זיך און עמיצער וואַרט אויף איר. אפילו נאָך אַלס קינד האָט זי ליב געהאַט צו עסן מיט כבוד. אַז ווען איר פאָטער האָט אַ רוף געטאָן: „קינדער, קומט עסן!״, האָט זיך דאָס מיידעלע ניט גערירט פון אָרט, ביז זי האָט ניט דערהערט דאָס צאַרטע קול פון איר מאַמען: „אסתר׳ל, קום, מיין קינד, צום טיש״, ערשט דאַן האָט זי זיך געזעצט עסן.

איז זי איצט אויך צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן מיט דער זיכערקייט, אַז ווען זי זאָל ניט רופן, וועט מען זי פאַרבעטן צו זיך אין הויז. אָנגעקלונגען דער ערשטער פריינדין, האָט יענע זיך שטאַרק דערפרייט מיט אסתר׳ס קול, אָבער זי האָט זיך אַנטשולדיקט, אַז זי איז פאַרנומען. ביי איר איז איצט אַ פולע שטוב מיט געסט. האָט אסתר געענטפערט, אַז אויך זי איז פאַרנומען . . . און יענע האָט פאַרענדיקט מיט „טענקס פאַר קאָלינג״ — אַ דאַנק פאַרן רופן.

זי האָט אָנגעקלונגען אַ צווייטער פריינדין, וועלכע האָט זיך געהייסן

אָפּגעבן מזל־טוב. איר טאָכטער איז אַ כלה געוואָרן, און זי וואַרט איצט אויף די מחותנים. זי האָט ניט פאַרגעסן צו זאָגן: „טענקס פאָר קאָלינג".

אַ דריטע פריינדין האָט געזאָגט: „ווען זעען מיר זיך, אסתר?" — „ווען מיר'ן האָבן טעלעוויזיע", האָט אסתר געענטפערט, און ווידער — „טענקס פאָר קאָלינג" . . .

נאָך די אַלע טעלעפאָן־רופן האָט זיך אסתר'ן געדאַכט, אַז עפּעס אַ בייזער גייסט אין דער לופט האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער, און געהאַלטן אין איין ווידערהאָלן: „טענקס פאָר קאָלינג, טענקס פאָר קאָלינג" . . . זי איז אַרויס פון שטוב. אין גאַס האָט אויף איר געוואָרט אַ שטאַרקער ווינט, וואָס האָט מיט רציחה געריסן די ביימער לעבן איר הויז, געבראָכן צווייגן און זיך אַלע ווײַלע פאַרגאַנגען אין אַ יאָמערדיקן פּיף, ווי ער וואָלט עמיצן באַוויינט. און דער הימל, אַ פאַר'חושכ'טער, ווי איינער וועמען ס'שטיקן די טרערן אין האַלז. ס'האָט זיך טאַקע באַלד דערהערט אַ קנאַל פון אַ דונער און אַ בליץ און ס'האָט אָנגעהויבן גיסן מיט שעפל און מיט לעפל. אסתר איז שוין געווען ווייט פון איר היים. האָט זי זיך אומגעקערט אַ דורכגעווייקטע, און ווי זי האָט נאָר געעפנט איר טיר, האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגען. אָבער ס'איז געווען אַ „ראָנג נאָמבער" — אַ פאַלשער נומער, וואָס עמיצער האָט דורך אַ טעות אָנגעקלונגען.

דעם פערטן טאָג יום־טוב איז אסתר אַוועק צו אַ לוויה פון אירער אַ גוטער באַקאַנטער. ס'איז געקומען אַ גרויסער עולם צו דער לוויה. האָט מען זיך באַגריסט פון דער ווייטן, אָן אַ וואָרט צו זאָגן איינער דעם צווייטן.

נאָך די שבחים פאַרן מת האָבן זיך מענטשן אַריינגעזעצט אין אויטאָ־מאָבילן און זיינען נאָכגעפאָרן דעם טויטן־וואָגן ביז'ן הייליקן אָרט. אינם אויטאָמאָביל, אין וועלכן אסתר איז געפאָרן, זענען געזעסן קרובים פון דער פאַרשטאָרבענער, און מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי געקייט האַרטע אייער און פאַרטרונקען מיט סאָדע־וואַסער.

ווען אסתר איז געקומען אַהיים, איז שוין געווען גוט פינצטער. אין שטוב איז נאָך פאַרבליבן דער יום־טוב: אויפן טיש איז געשטאַנען די פלאַש ווײַן, די פינקלדיקע גלעזלעך און דער לעקאָך — אומבאַרירט — וואָס האָט געוועקט אומעט און בענקשאַפט . . .

אויפן געדאַנק איז איר אַרויפגעשוואומען איר אַלטע שכנה, וואָס איז געשטאָרבן. קיינער האָט פון איר גאָרניט געהאַט און קיינעם האָט זי ניט אויסגעפעלט ביים לעבן, און דאָך, ווען זי איז געשטאָרבן, האָט וויי געטאָן . . .

אסתר האָט גאָרניט געהאַט פון די פיר טעג יום־טוב, אַ חוץ לאַנג־

וויליקייט. דאָך האָט איר באַנג־געטאָן, וואָס זי זיינען שוין אַוועק — און מאָרגן וועט זי שוין ווידער זיצן אין שאַפּ איבער דער מאַשין, אַן איינגעבויגענע, ווי אַ ווערבע, האָט זי אָנגעהויבן אונטערברומען דאָס באַקאַנטע לידל:

„מאַמע, מאָרגן —
ווידער זאָרגן;
אין דער קראָם
קלינגען גלעקער —
קלינגען גלאָקן:
בים, בים, באָם!“

די משפחה

. . . פֿאַראַן משפּחות, וואָס באַדן זיך דאַכט זיך אין אַלדאָס גוטס, און דאָך פֿירט מען צווישן זיך אַ צעריסן לעבן. מען איז שטענדיק אויפֿגעטראָגן איינער אויפֿן אַנדערן, און דער ריס ווערט מיט יעדן יאָר אַלץ גרעסער. אָט מיר, זעט איר, זיינען גראָד ניט קיין נגידים. גאָר ניט — „מען מאַכט אַ לעבן". אָבער מען איז זיך איבערגעגעבן ביז גאָר. איינער וועט פֿאַר דעם צווייטן אין פֿייער לויפֿן. איך געדיינק ווי אין די קריזיס־יאָרן, ווען ס׳איז ניט געווען וואו צו פֿאַרדינען אַ סענט, כאָטש נעם און פֿאַרוואַרף די ציין אויף דער פּאָליצע, איז איינער דעם אַנדערן אַנטקעגן געקומען, אויסגעהאַלטן ביי זיך ווען מען האָט גע־דאַרפֿט און זיך געטיילט מיטן ביסן.

ווען איך האָב מיט מיינער חתונה געהאַט, זיינען מיר געווען אָרעמע קינדער. אָבער, אַז גאָט וויל — בין איך אין צען יאָר צייט שוין געווען אַ טאַטע פֿון אַכט קינדערלעך. האָב איך אָנגעהויבן שווימען אין 8 פּאָר שיכלעך אַ יאָר, און גאַרניטערלעך און מאַנטעלעך. און געאַרבעט האָט מען זעכציק און זיבעציק שעה אַ וואָך און ניט געפֿרעגט קיין קשיות. אמת, אַלץ איז דאַן געווען האַלב אומזיסט. פֿאַר אַ וואוינונג אין בראָנזוויל, האָבן מיר געצאָלט 11 דאָלאַר אַ חודש, און יעדע 6 חדשים האָט מען אונז אויס־געפּאַרבט אַלע צימערן און נאָך צוגעגעבן אַ חודש פֿריי . . . דערצו איז נאָך מיינע אויך ניט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט. חוץ אירע אייגענע קינ־דער, האָט זי געהאַלטן פֿרעמדע מענטשן. געקאָכט פֿאַר זיי, געוואַשן פֿאַר זיי און געשפּאָרט יעדן סענט אויף די סלעק־וואָכן, ווען איך האָב גאַרניט פֿאַרדינט. וואָרום קיין זאַך אין דער וועלט האָט זי אַזוי ניט געשראָקן ווי דאָס וואָרט „סלעק". און פּונקט ווי זי האָט געהיט יעדן סענט, אַזוי האָט זי געהיט יעדע מינוט, אַז עס זאָל איר סטייען צייט אויף וואַשן, פּרעסן, קאָכן, ראַמען און לאַטען . . . און איז זי געשטאַנען איבער אַ באַרג וועש און געפּרעסט, האָט זי געקוקט אויפֿ׳ן זייגער. אַ העמד האָט ביי איר ניט געטאָרט נעמען אויסצופּרעסן מער ווי פֿינף מינוט. אַלץ האָט זי געטאָן מיט

אַ סדר און מיט אַ פּלאַן. און פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט, האָבן אירע הענט ניט גערוט.

איך דערמאָן זיך מיט וואָס פאַר אַ פרייד זי און די קינדער פלעגן מיך באַגעגענען נאָך אַ טאָג אַרבעט. דער טאַטע איז ביי זיי געווען אַ גאַנצער יום־טוב. און ווי הונגעריק מען איז ניט געווען, האָט מען דאָך געוואַרט מיטן עסן אויף מיר. אַן אָרעמע היים געווען, אָבער אָנגעפילט מיט אמת׳ער ליבע. ווען די אינגלעך זיינען עלטער געוואָרן און געוואָלט העלפן דער מאַמען מיט דער אַרבעט אין קיך, פלעגט זי זאָגן: „איך קען מיין שטעטל אַליין באַשטיין, דעם טאַטן העלפט קיינער ניט.״

* * *

נאָך סקול פלעגן זיך חברה אַרויסלאָזן איבער די גראָסעריס, לאָנדריס, בוטשער־שעפּער, און פון אונטער דער ערד האָט מען געפונען וואו צו פאַרדינען אַ פּאָר סענט און מיט פרייד ברייגנען דער מאַמען. איינמאָל, האָט אונזער סעמעלע געפונען אַ דזשאָב אין אַ קענדי־סטאָר, צו אַרבעטן נאָכן לערנען אין שול. אָפּגעאַרבעט אַ פּאָר טעג, קומט ער פון דער שול אַ קראַנקער און טוט זיך אַ וואָרף אין בעט. אָבער ווען ס׳איז געקומען די צייט פון גיין צו דער אַרבעט, האָט ער זיך געגעבן אַ הויב־אויף און געלאָזט צו דער טיר. האָט אים אָבער די מאַמע פאַרשטעלט דעם וועג. קומט אויף דעם אָן דער 12 יעריקער מעקסעלע, אַ פאַרפאַליעטער פון פאַנאַנדערטראָגן פּעקלעך פון אַ גראָסערי. דערהערט, אַז דאָס ברודערל איז אים קראַנק, מאַכט ער: „דו לייג זיך אין בעט, איך וועל גיין אויף דיין פּלאַץ״. די מאַמע האָט זיך געשטעלט אים אויך אין וועג: „ס׳הייסט? ער איז דאָך אַליין מיד״? אָבער מעקסעלע האָט דער מאַמען אָפּגעשטופּט פון דער טיר און איז אַרויס . . .

אָט אַזוי האָט ער אָנגעהאַלטן אַ פּאָר טעגביידע „שטעלעס״, ביז דאָס ברודערל איז אים געזונט געוואָרן. דאַכט זיך, אַזוי האָט מען זיך אָפּט צעשלאָגן ביז בלוט, אָבער ווען עס איז געקומען אַ צייט פון טאָן עפּעס איינער פאַר׳ן אַנדערן, איז מען תמיד געווען גרייט.

* * *

ביי אונז האָט זיך געפירט, אַז אַלע פאַרדינסטן פלעגט מען אָפּלייגן ביי דער מאַמען ווי אין אַ באַנק. האָט מען געדאַרפט אַן איבעריקן דאָלאַר, האָט זי אויסגעצאָלט, ניט פרעגנדיק אויף וואָס מען דאַרף דאָס געלט. נאָך אַ מעלה האָט מיינע געהאַט, זי האָט קיינמאָל ניט פאַרקלאָגט אַ קינד ניט פאַר׳ן טאַטן און ניט פאַר קיין פרעמדן מענטשן. האָט אַ קינד געזינדיגט, איז עס געבליבן אַ סוד ביי דער מאַמען . . . דערפאַר האָט זי מיר ניט

געקאָנט מוחל זיין, ווען איך בין קעגן איר באַגאַנגען אַן עוולה. איז ווי נאָר איך פלעג דערזען אַז עס קלייבט זיך אין איר דער כעס, אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן, פלעג איך זיך אַלע מאָל אַרויסדרייען מיט אַ תירוץ. איינמאָל האָט זי זיך געווענדט צו די קינדער: „גיט מיר אַן עצה, וואָס זאָל איך טאָן מיט אייער טאַטן, וואָס ווען איך דאַרף אים אָפּשפּילן ווי ס׳קומט אים, האָט ער תמיד אַן אויסרייד? אין דער פרי האָט ער מורא פאַר אַ שלעכטן פּאַטשאַטעק, ווען ער קומט פון דער אַרבעט, איז ער הונגעריק און נאָכ׳ן עסן — שלעפערדיק. זונטיק וויל ער זיך ניט אויס׳טענה׳ן, ווייל ער דאַרף רוען״ . . .

די קינדער האָבן זייער ליב געהאַט דער מאַמען. און ווער קען דען פיינט האָבן אַזאַ מאַמע? איר ריידן מיט אַ מענטשן, איר באַגיין זיך מיט דער וועלט. אַ חוץ דעם איז זי גלאַט געווען אַ שיינע מאַמע — אַ הויכע, אַ שטאַלטנע, מיט אַ צאַרטן ווייסן פּנים, שוואַרצע לאַנגע האָר, פאַרקאַמט מיט אַ הויכן קובליק. היינט דאָס אָנטאָן זיך אירס, ווי אַלץ האָט אויף איר געזונגען. און האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אַ מענטשן, האָט זי באַלד געוואוסט מיט וועמען זי גייט צום טיש. און ווען ס׳איז געקומען צו אַ שידוך אין דער משפּחה, האָט מען זיך אוודאי זייער גערעכנט מיט איר מיינונג.

אונזערע קינדער זיינען — ווער פריער, ווער שפּעטער — אַריינגע־וואַקסן אין לעבן, ווי אַנדערע פון אונזער גראַד: ביי־טאָג געאַרבעט, ביינאַכט געלערנט, זיך געדראַפּעט פון שטאַפּל צו שטאַפּל, ביז — מען האָט זיך צו־געשלאָגן צו שטיקלעך פּראָפעסיעס. געוואָרן לערערס, בוכהאַלטערס, דראַגיסטן. און אַז די צייט איז געקומען, האָט מען שידוכים געטאָן מיט לייטישע קינדער, און איינער נאָכ׳ן אַנדערן האָט פאַרלאָזט טאַטע־מאַמעס היים און גענומען בויען אַן אייגענע נעסט. אַ טאָג פאַר אונזער עלטסטער טאָכטער׳ס חתונה, איז מיינע געשטאַנען איבער אַ פאַסמע פאָדים און גע־פלאָכטן אַ גרויסע וואַקסענע ליכט. און פלעכטנדיק, האָט זי אַריינגעפלאָכטן אירע מאַמעשע ברכות: „פאַר מיין טאָכטער סילווי, גיב איר, גאָט, אַ גוטן מזל״. אויף מאָרגן, האָט זי דאָס ליכט אָנגעצונדן צו דער חופּה. פון דעמאָלט אָן צינדט זי אָן דאָס ליכט צו יעדער חתונה און ברית אין דער משפּחה. פונם גרויסן וואַקסענעם ליכט, איז שוין בלויז אַ קליין שטיקל געבליבן. איצט ווען מען צינדט עס אָן, ברינט עס שוין באַלד די פינגער...

צו אונזער מיזינקע׳ס חתונה, האָב איך געלאָזט מאַכן פאַר מיין פרוי אַ בראַסלעט פון ניין גאָלד־שטיקער וואָס איך האָב געקליבן דורך יאָרן. אויף איין גאָלד־שטיק געפינט זיך דאָס יאָר, ווען מיר האָבן חתונה געהאַט, און אויף יעדן פון די איבעריקע גאָלדענע מטבעות, ווערט איר געפינען דאָס יאָר, ווען יעדער פון אונזערע קינדער איז געבוירן געוואָרן. ווען איך

האָב דעם בראַסלעט אָנגעטאָן אויף איר האַנט, האָט זי מיך אַרומגענומען און געקושט. שוין זייער אַ לאַנגע צייט אַוועק זינט דעמאָלט, דאָך, פיל איך נאָך איצט אויף מיין באַק די וואַרעמקייט פון איר קוש.

* * *

ווען מען קומט זיך צוזאַמען אויף שמחות ביי משפחה, זיינען דאָ מער מענטשן ווי יום־כפור אין שול. וואָרום ביי אונז זיינען קיין ברוגז׳ע מחותנים נישטאָ. עס הייסט, פון איין איידעם האָבן מיר אפילו קיין גרויס נחת ניט געהאַט. זעלטן ווען ער איז געקומען צו אַ שמחה. און איז ער שוין יאָ געקומען, האָט ער זיך געהאַלטן פון אויבן — ווי אַ געדיכטע סמעטענע, אויף אַ פראָסטן באָרשטש. מיינע פלעגט גראָד מיט מיר איינ׳טענה׳ן: אַ דאגה דיר, נו. „אַ לייטיש קינד איז ער? אַ געלערנטער אויך? און אונזער טאָכטער האָט ביי אים אַ גוטע וועלט? האַלט ער ניט פון איר משפחה, איז קומט אים דערפאַר הייגעגן?״

אָבער ערגעץ אין אַ ווינקל פון מוח האָט מיר געבויערט אַ געדאַנק, אַז אויב מען האָט ליב דאָס ווייב, האָט מען ליב אויך איר משפחה. און טאַקע, ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער זיך גענומען דערנענטערן צו אונז, פאָרט אַן אייגענע משפחה . . .

שיין איז טאַקע צו זען, ווען מען קומט זיך ביי אונז צוזאַמען אויף אַ חתונה! מען האַלדזט זיך און מען קושט זיך און ס׳גריסן זיך מחותנים פון כלה׳ס צד און פון חתנ׳ס צד. די עלטערע זעצן זיך אויס אַרום די געדעקטע טישן. די כלי־זמר גיבן אַ שפיל און יונגוואַרג לאָזט זיך אַוועק אין אַ טאַנץ. טוליען זיך שוואַרצע צו בלאָנדע קעפּ, אויגן פינקלען, מען דרייט זיך ווי אין חלום, און טאַנצנדיק ווערן נייע שידוכים געשלאָסן.

* * *

אָט אַזוי האַלט זיך אונזער משפחה אין מערן . . . אָבער מיינט ניט, אַז ביי אונז קומט מען זיך צענויף אויף אַ שמחה נאָר צו עסן און צו טאַנצן. אונזערע קינדער לעבן ניט נאָר צוליב זיך אַליין. יעדע שמחה ווערט ביי זיי אויסגענוצט פאַר אַ גוטן צוועק. וואָרום אַז עס איז שלעכט ערגעץ אויף דער וועלט, טרעפט עס אונזערע קינדער גלייך אין האַרצן אַריין . . . איז אוודאי אַ נחת פאַר טאַטע־מאַמע אַזוינע קינדער. אָבער ווי גייט דאָס ווערטל: פון קיין גוטס לעבט מען נישט און פון קיין צרות שטאַרבט מען נישט. איך מיט מיינער, האָבן די לעצטע צייט זיך עפּעס גאָר, גאָר, אַראָפּ־געדרוקט.

אַנומעלטן רוף איך מיך אָן צו מיין אַלטער: „אסתר״, זאָג איך, — „איך דיינק אַז מיר׳ן שוין אינגיכן ביידע גיין אַ גאַנג״ . . . מאַכט זי צו מיר: איך בין מיט דיר ניט געקומען, און דאַרף מיט דיר ניט גיין״...

די מתנה

„איך זאָג אייך, אַז דאָס בוך איז אינטערעסאַנט, באַ־לערנדיק און איר וועט קיין חרטה ניט האָבן". — מיט אָט־די ווערטער איז צו מיר צוגעשטאַנען אַ שכן, אַז איך זאָל ביי אים קויפן אַ אידיש בוך, וואָס זיין פריינט האָט אַרויסגעגעבן.

— „אָבער אַז איך לייען ניט קיין ביכער!"

— „וואָס הייסט? ווי לייענט עס אַ מענטש ניט קיין בוך? ביכער גיבן אַ באַקאַנטשאַפט מיט דער וועלט, מיט מענטשן און עפענען פאַר אונז ברייטע האָריזאָנטן" . . .

האָב איך אים שוין געמוזט שווערן, אַז „איך זאָל אַזוי ריין זיין פון צער, ווי איך בין ריין פון ביכער". ערשט דאַן האָט ער מיך אָפּגעלאָזט. פונקט אַזוי האָט זיך מיינע צו מיר אַמאָל צוגעטשעפּעט, אַז איך זאָל איר קויפן אַ שאַפע מיט ביכער. „צו וואָס טויגן דיר ביכער?" האָב איך זי געפרעגט — „וועסט זיי דען לייענען?"

— ס'איז שיין, אַז אין אַ הויז זיינען דאָ ביכער. טאָמער קומט אַ פרעמדער מענטש".

— „אָבער פאַלשע אָנשטעלן האָב איך פיינט! וואָרום מיט וואָס בין איך באַוואָרנט, אַז נאָכדעם ווי דער פרעמדער מענטש דערזעט די ביכער נעמט ער אונז אויפן צימבל: צי האָבן מיר געלייענט ד ע ם שרייבער, י ע נ ע ם שרייבער, — איז וואָס פאַר אַ פנים וועלן מיר דאַן האָבן?".

זיינען מיר, הייסט עס, ווייט פון ביכער. און אונזערע קינדער, זאָלן לעבן, האָבן אויך ניט צו טאָן מיט קיין ביכער. זיי האָבן קוים מיט צרות געענדיקט פּאָבליק־סקול, גלייך פאַרוואָרפן די ביכלעך און זיך גענומען צו בעיס־באָל אויף וואָס די וועלט שטייט . . .

איך האָב זיך געטראַכט: „איר ווילט ניט זיין קיין לערנער, אפשר וועט איר ווערן שפּילער?" האָב איך געקויפט אַ פידל, נאָטן, אַ סטענדער, באַשטעלט אַ לערער, חי געלעבט! אָבער ווען ס'איז געקומען צום „פּראַק־טיסן", מאַכן די לעקציעס, האָט מען אָנגעשטעלט דעם זייגער, אָפּגעשפּילט דעם „דאָ־רע־מי" פינף מינוט, אָפּגערוט צען מינוט און ווידער אָפּגעשפּילט

דעם „פאַ־סאָ־לאַ־סי" און פאַרטיק. האָב איך ביי זי צוגענומען דעם פידל און — אויס קאַפּעליוש־מאַכער. אַז ס'קריכט זיי ניט אין קאָפּ...

און מיט ביכער איז אויך אַזוי. מיר זיינען ניט פון די מענטשן, וואָס לייענען ביכער. דאָך ווען איך דערמאָן זיך וויפיל איך האָב שוין אין מיין לעבן איבערגעטראָגן, דאַרף מען אָסור לייענען ביכער, וואָרום אין די ביכער וועט מען אַזוינס ניט געפינען.

ווען איך האָב חתונה געהאַט, בין איך געווען אַ בחור אַריבער שלושים. אמת, ניט קיין זייער מיאוס'ער, ניט קיין גרויסער נאַר, אַ גוטער פאַרדינער, אָבער פאַרט אַן איבערגעוואַקסענער. און זי, אַ „קע"־מיידעלע: אַ יונגינקע, אַ שיינינקע, אַ שטילינקע, מיט אויגן גרויסע, פאַרטראַכטע, פאַרטיפטע. און פאַרקאָכט בין איך געווען אין איר מיט דער נשמה און מיטן האַרץ, מיט לייב און לעבן. און זי האָט מיך, דאַכט זיך, אויך ניט פיינט געהאַט. און פאַרוואָס זאָל זי מיך פיינט האָבן? ס'איז מיר דען געווען עפּעס צו־שווער, אָדער צו־טייער פון איר'ט וועגן? זאָל זי געווען אַ זאָג טאָן אינמיטן נאַכט: „שמואליק, דערלאַנג מיר ס'טעלערל פון הימל", וואָלט איך דען ניט געלאָפן פייל און בויגן איר ברייננגען ס'טעלערל פון הימל!

אינדערפרי, ווען איך בין נאָך געשלאָפן, פלעגט זי אַראָפּ אויף די שפּיץ פינגער, פאַרקאַמען אירע שיינע שוואַרצע האָר, אַרומבינדן מיט אַ רויטער סטענגע, זיך אָנטאָן אַ געפּרעסט קליידל, וואָס איז געווען אויף איר ווי אויסגעגאָסן און געגרייט דעם טיש צו פרישטיק. דאַן פלעגט זי אַ זאָג טאָן: „שמואליק, קום עסן". האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אין די פאָר ווער־טער איז אויסגעגאָסן אַ ים מיט געטריישאַפט. קיינמאָל האָב איך זי ניט געזען קיין צעשויבערטע, קיין פאַרשלומפּערטע, קיין צעשוואָומענע ווי אַנ־דערע ווייבער, נאָר תמיד אַן אויסגעפּוצטע, אפילו ווען זי איז שוין געווען אַ מאַמע פון קליינע קינדער.

די צייט איז זיך געגאַנגען מיטן געוויינלעכן גאַנג. קינדער זיינען געוואַקסן שיין און געזונט, די הוצאה איז געוואָרן גרעסער, האָט זיך מיר געמאַכט אַ „דזשאַב" אין אַ צווייטער שטאָט, וואו איך האָב אָפּגעאַרבעט העכער אַ יאָר צייט און גוט פאַרדינט. יעדע וואָך פלעג איך שיקן געלט אַהיים און בין געווען זיכער, אַז מיינע שפּאָרט פון דאָס בויטיקסטע און לייגט געלט אין באַנק. וואָרום זי האָט געהאַט צוויי גאָלדענע הענט און געקאָנט מאַכן פון איין דאָלאַר צען. ווען ס'האָט זיך געענדיקט די אַרבעט, האָב איך זיך גענומען קלייבן אַהיים. און פאַרנדיק אין באַן האָב איך זיך פאַרגעשטעלט ווי מיין ווייב וועט מיך דערזען, ווי זי וועט עס מיר פאַלן אויפן האַלדז און איך וועל זי צודריקן צום האַרצן...אַ קלייניקייט, אַ יאָר צייט זיך ניט געזען! היינט די קינדערלעך. מיט די פינקלדיקע אויגעלעך,

קוקן אויפֿן טאַטן און עפּעס אַזאַ פֿרייד איז אויסגעגאָסן אויף זייערע פּנימ׳ער. און ס׳צעשפּילט זיך אין מיר מיין פֿאַנטאַזיע, אַז פֿאַרן געלט וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט וועל איך קויפֿן אַן אויטאָמאָביל, און זונטיק וועל איך נעמען מיין געזינדל אויף אַ שפּאַציר איבער גרינע פֿעלדער און וועלדער, ס׳ווייב אַן אויסגעפּוצטע, זיצט לעבן מיר, און מענטשן זיינען מיר מקנא. ניט אַזוי אויף דעם שיינעם אויטאָמאָביל, ווי אויף מיין שיין, יונג ווייבל...

אָט מיט אַזעלכע זיסע חלומות בין איך געקומען אַהיים און געפֿונען מיינע אינגאַנצן אַ פֿאַרביטענע. איר ליכטיק פּנים אויסגעלאָשן ווי די זון, וואָס האַלט זיך ביים זעצן; טיף טרויעריק זיינען געוועזן אירע שיינע אויגן; דאָס פּנים בלאַס, פֿאַר׳חלומ׳ט און פֿאַרביינקט האָט זי געקוקט אין פֿענצטער, ווען איך האָב גערעדט צו איר און אַלע ווילע האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ ווי פֿון אַ טיפֿן שלאָף.

האָב איך זי איינמאָל געפֿרעגט וויפֿיל זי האָט אָפּגעשפּאָרט פֿונעם געלט, וואָס איך האָב איר געשיקט. איז זי געוואָרן רויט און טויט. און מיט אַ ציטערדיקן קול אַרויסגערעדט: גאָר־ניט. פֿון די צוויי ווערטער האָט אַ שטורעם זיך אַ הויב געטאָן ביי מיר אין קאָפּ און אַ פֿייער אין האַרצן. און כ׳האָב אויסגעשריען, ווי ניט מיט מיין קול: „וואָס הייסט, גאָר ניט?!...״ אָבער די וואַנט ענטפֿערט? אַזוי האָט זי געענטפֿערט. און ס׳האָט מיך שוין ניט אַזוי געאַרט ס׳געלט, ווי דאָס וואָס פֿון אַלע מיינע זיסע חלומות האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. האָב איך גענומען נאָכשפּירן, זוכן, און אַז מען זוכט — געפֿינט מען...

אין דער צייט, וואָס איך בין אין דער היים ניט געווען, האָט זיך צו איר צוגעשאַרט אַ יאַנקעלע — אַ יונג, פֿול מיט לעבן. געזונט ווי אַ דעמב, מיט אַ פֿעטן קאַרק, וואָס קומט ניט פֿון אייגענער זאָרג און ניט פֿון פֿרעמ־דער, נאָר פֿון לאָזן זיך וואוילגיין אויף יענעמ׳ס חשבון.

אָט־די ניייעס איז מיר אַריין אין מוח און איך האָב דערפֿילט, ווי אַלע פֿעדים צווישן מיר און מיין ווייב ווערן אויף אייביק איבערגעריסן.

אַ צעבראָכענער בין איך אַוועק פֿון דער היים, און יאַנקעלע נאָך מיר... ס׳הייסט: אויסגענאַרט דעם אָנבייסן און ניטאָ מער. וויפֿיל מען האָט אים ניט געזוכט, האָט מען אים ניט געקאָנט געפֿינען. נאָך אַלעמען, איז דאָך אַ מענטש ניט קיין שפּילקע. עס האָט אויסגעזען, ווי די ערד וואָלט זיך געעפֿנט און אים איינגעשלונגען. איך האָב געאַרבעט, געצאָלט פֿאַר די קינדער און איינמאָל אין וואָך זיי גענומען צו זיך און פֿאַרבראַכט מיט זיי אויפֿן שענסטן אופֿן. די גאַנצע וואָך האָב איך אַרויסגעקוקט אויף דעם איינעם טאָג...

אָבער ביז דער מענטש הויכט אויס זיין זינדיקע נשמה, מוז ער, ווייזט־אויס, זי אפשר הונדערט מאָל אויסשפּייען. איינמאָל אין אָוונט, ווען איך בין געזעסן אין מיין צימער נאָך אַ שווערן טאָג אין שאַפּ, האָט זיך פּלוצלונג צעקלונגען דאָס טיר־גלעקל. די באַלעבאָסטע איז גראָד אין הויז ניט געווען, בין איך געגאַנגען עפענען. איך טו אַ קוק — ס'איז מיין ווייבל. איך האָב זי פאַרבעטן אין צימער אַריין, אָבער איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט קעגן איר, ווי צווישן אונז וואָלט געשטאַנען אַ צאַם מיט שטעכיקע דראָט. איז זי צוגעפאַלן צו מיר מיט אַ יאָמער, מיט אַ געוויין, אַז איך זאָל מיט איר צוריקגיין אַהיים צו די קינדער. און עס זיינען ניט געווען גלאָט טרערן, נאָר טרערן פון חרטה. אָבער — אַזוי שטאַרק ווי איך האָב זי פריער ליב געהאַט ס'חיות, אַזוי איז זי מיר איצט געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן. ווען זי האָט דאָס דערפילט, האָט זי זיך אויסגעגלייכט און איז געבליבן שטיין אַנטקעגן מיר עפּעס אַזאַ שטאָלצע און דאָס בלוט איז איר אַריין אין פנים. די ליפּן פאַרשלאָסן, נאָר די אויגן ווי שפּיזן האָבן דורכגעשטאָכן מיין האַרץ.

נאָך יענער נאַכט האָט זי פאַרזאָגט די קינדער זיך מער מיט מיר ניט טרעפן. איז ווי נאָר זיי פלעגן מיך דערזען פון דער ווייטן, זיינען זיי מיר אָפּגעטראָטן דעם וועג. אָט אַזוי האָט זי ביי מיר אַרויסגעריסן די נשמה. ניט מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז.

זונטיק פלעג איך זיך דעב' גאַנצן טאָג אַרומדרייען, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער, ניט געהאַט צו וועמען אַ וואָרט אויסריידן. עפּעס האָב איך זיך דערפילט געגליכן צו אַ בוים מיט אָראָפּגעהאַקטע צווייגן. און די יאָרן האָבן שנעל גענומען זיך אָנרוקן אויף מיר, ווי שוואַרצע כמאַרעס.

איינמאָל האָט מיך אפילו אַ כאַפּ געטאָן ס'האַרץ ביי דער אַרבעט, און מען האָט מיך געמוזט אַרויסטראָגן אויף אַ בעטל און אַוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל. אין שפּיטאָל בין איך אָפּגעלעגן אַ צייט און קיינער האָט מיך ניט באַזוכט. מיט קנאה פלעג איך קוקן אויף די אַנדערע קראַנקע, צו וועמען ס'זיינען געקומען אויסגעפּוצטע ווייבער.

אָבער גאָט'ס צאָרן איז פאָרט ניט אויף אייביק. איינמאָל, ווי איך ליג אַזוי אין געהאַקטע צרות, האָט זיך באַוויזן לעבן מיין בעט מיין עלטערע טאָכטער, אַ מיידעלע פון פערצן יאָר, אַ פאַרשוין. אינגאַנצן אין דער מאַמע געראָטן. איך האָב זי צוגעדריקט צום האַרצן און גענומען קושן. האָט זי זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן פון מיינע הענט, ווי אַ שלאַנג וואָלט זי אַ ביס געטאָן, און מיט אַ ווייס טיכעלע אָפּגעריבן די באַק, וואָס דער טאַטע האָט געקושט. נאָך דעם האָט זי גענומען דאָס פּעקעלע, וואָס זי האָט געהאַלטן אונטער'ן אָרעם און מיר דערלאַנגט מיט די ווערטער: „די מאַמע האָט דיר געשיקט אַ מתנה" . . . אָפּגעזאָגט און אַוועק אָן אַ זיי־געזונט.

בין איך געבליבן זיצן מיטן פעקעלע אין די הענט, און אין די אויערן האָט מיר ניט אויפגעהערט קלינגען ווי פון קבר אַרויס: „די מאַמע האָט דיר געשיקט אַ מתנה".

איך האָב געוואָלט טרעפן וואָס אַזוינס האָט איר מאַמע מיר געקענט שיקן. אוודאי אַ וואַרעם סוועדערל, אָדער אַ שאַליק, וואָס זי האָט מיט אירע גאָלדענע הענט אויסגעאַרבעט. זי מוז אוודאי דיינקען, אַז איצט ווען איך וועל זען איר געטריישאַפט, וויל איך זיך שוין לאָזן בויגן.

אַ קראַנקער, אַ צעבראָכענער, האָב איך שוין געוואָלט עפענען ס'פּעקל, אָבער זיך צוריקגעהאַלטן, ביז די קראַנקן־שוועסטער וועט צוקומען. זאָל זי זען, אַז מיך האָט אויך עמיצער אינזינען.

אָבער, ווען זי האָט אויפגעבונדן דאָס פּעקעלע, און איך האָב דערזען די מתנה, איז מיר מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן אין די אויגן און דאָס האַרץ האָט זיך ביי מיר אָפּגעשטעלט: אין אַ זיידענעם, שוואַרצן טוך, איז געלעגן איינגעוויקלט אַ נייער טלית . . .

די פּלייצע

שוין אַ פּאָר טעג ווי לאָליע גייט אַרום ווי אַ דערשלאָגענע. די אויגן אומעטיק, דאָס פּנים פאַרצויגן ווי מיט אַ שוואַרצן וואָלקן און פרעגט זי דער מאַן, צי זי איז קראַנק, גיט זי אַ ביטערן שמייכל און דרייט זיך אַוועק פון אים אָן אַן ענטפער.

לאָליע קאָן זיך ניט מוחל זיין, וואָס זי איז געווען אַזוי איינגעגלויבט אין איר מאָריס'ן, אַז ער איז אַן אויסנאַם פון אַלע מענער, וואָס קוקט אפילו ניט אויף קיין פרויען, נאָר זי איז די איינציקע, וואָס עקזיסטירט פאַר אים. אַ סימן האָט זי געהאַט, ער איז קיינמאָל קיין שוועל ניט אַריבערגעטראָטן אָן איר. היינט די בלומען וואָס ער פלעגט איר ברייינגען צום געבורטסטאָג, און ווי ער פלעגט זיך דאָט שפּיגלען אין איר, ווען זי האָט אָנגעטאָן אַ ניי קלייד. און ווען זיי זיינען געקומען פון אַ שמחה, האָט ער איר פאַרזיכערט, אַז זי איז דאָרט געווען די שענסטע. און איצט, נאָך 25 יאָר צוזאַמענלעבן, האָט ער זיך אַליין פאַרראַטן און ניטווילנדיק איר באַוויזן, אַז זי האָט געלעבט אין טעות. וואַרעמט זי און לאַסטעט דאָס ווערימל פון אייפערזוכט, טוליעט עס צום האַרצן, ס'ווערט שטאַרקער וואָס אַ טאָג און ווי אַ פּיאַווקע זויגט ער איר בלוט.

אין אירע געדאַנקען בלעטערט לאָליע דורך די בילדער פון איר לעבן: צו 18 יאָר, אַ קיילעכדיקע יתומה, קומט זי פון איר קליין שטעטעלע אין אוקראַינע קיין אַמעריקע. אַ לאַנדסמאַן האָט זי אַראָפּגענומען פון שיף און זי געבראַכט צו זיך אַהיים. זיין פרוי איז ערשט געווען דריי חדשים אין לאַנד און דאָך האָט זי שוין באַוויזן זיך צו אַמעריקאַניזירן. זי האָט שוין געקאָנט זאָגן: „אַבעטשע, שאַראַפּ, דער לענדלער"*) און זי האָט אויך געהאָלפן לאָליען זיך אויסגרינען . . .

— זעסטו, מיין קינד, — פלעגט זי אָנווייזן מיט אַ פינגער אויף דער סטעליע, — אָט־דאָס איז אויף אידיש אַ סילינג, און דאָס איז אַ ווינדע. זאָלסט ניט זאָגן פענצטער, מען וועט מיינען, אַז דו ביסט אַ גרינע...

---

*) דריי פאַרקריפּלטע אַנגליציזמען: „אַבעטשע" — אַלבעטיו (איך וועל דיר וועטן); „שאַראַפּ" (שווייג שטיל); „לענדלער־לענדלאָרד" (הויז־אייגנטימער).

נאָכדעם האָט דער לאַנדסמאַן אַריינגענומען לאָליען צו זיך אין שאַפּ, וואו זי האָט זיך אויסגעלערנט אַ פאַך און גוט פאַרדינט. נאָך אַ 60־שעה׳־דיקער אַרבעט־וואָך, פלעגט זי גיין שבת צו־נאַכטס אין אידישן טעאַטער, וואו זי האָט געזען גאָרדין׳ס פּיעסן און שפּעטער, אין שלאָף, פלעגן איר קומען צו חלום דער „מטורף“, ווי ער שיסט זיך, די „יתומה“, ווי זי מאַכט גוואַלדן ביים איינעמען סם, אָדער גאָר הערשעלע דובראָוונער, בעת ער הענגט זיך אויף אויף אַ פאַרבלוטיקטן טלית, צי קעני ליפּצין, ווי זי קוילעט דעם מאַן און שרייט „די שחיטה איז כשר!“

לאָליע פלעגט וויינען פון שלאָף און די צוויטע באָרדערקע ביים לאַנדסמאַן פלעגט זי וועקן: „לאָליטשקע, גאָט איז מיט דיר! עפן די אויגן און טו אַ קוק אין פענצטער“.

איינמאָל האָט לאָליע באַזוכט אַ לאַנדספרוי און דאָרט געטראָפן אַ באָרדער, אַ יונגן מאַן אין די פריע צוואַנציקער. אַ הויכער, אויסגעטריקנ־טער בחור מיט אַ פאַרגעלט פּנים און איינגעפאַלענע באַקן, אויף וועלכע ס׳האָט שוין געבליט די בלום פון שווינדזוכט. אַלע ווײלע פלעגט ער געבן אַ הוסט מיט אַ פריך און מיט אַ קוויטש און זיך כלומרשט אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער בוזים־קעשענע . . .

זיינע גרויסע, אומעטיקע, ברוינע אויגן האָבן געקוקט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. זיינע בלאָנדע האָר אויסגעלייגט געדיכט אין לאָקן, האָבן ניט געקענט פאַרהאַלטן איין לאָק, וואָס פלעגט זיך אַראָפּקייקלען אויף זיין ברייטן שטערן און זיך פאַרהאַלטן אין דער פענסנע, וואָס ער האָט געטראָגן אויף אַ שוואַרץ שנירל. זי. ליאָלע, איז געוועזן פונקט דער היפוך פונם בחור: אַ געזונטע, שוואַרץ־חנ׳עוודיקע מיידל פון מיטעלן וואוקס, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, אונטער לאַנגע שוואַרצע ווייעס און אויך אַזוינע שוואַרצע האָר, פאַרלייגט אין צוויי צעפּ איבערן קאָפּ ווי אַ קרוין. וואָס לאָליע האָט אין דעם בחור דערזען, האָט זי אַליין ניט געוואוסט, אָבער פון דער ערשטער באַגעגעניש האָט זי געפילט, אַז איר גורל איז שוין פאַרזיגלט.

לאָליע האָט אַנגעהויבן אָפט באַזוכן די לאַנדספרוי. און ווען נאָר זי איז אַהין געקומען, האָט זי געפונען דעם בחור פאַרטיפט אין אַ בוך אָדער צייטונג. „וואָס זייט איר תמיד אַזוי טרויעריק?“ האָט אים איינמאָל לאָליע פאַרטשעפּעט, „אייערע פאַבריקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט?“ „ער ליידט פון וועלט־שמערץ“ — האָט די לאַנדספרוי געענטפערט פאַר אים, מיט אַן אינ־טעליגענט וואָרט. ״אַזוי ווי איך ווייס ניט אין וואָס דער וועלט־שמערץ באַשטייט, וועט עס מיר ניט שאַדן״, האָט לאָליע געלאַכט און אירע פרישע ליפּן האָבן זיך געעפנט, באַווייזנדיק צוויי שורות ווייסע ציין.

אָבער פון דאַן אָן האָט דער בחור זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט לאָליען, ער פלעגט אפילו אַ שווייגנדיקער זי באַגלייטן אַהיים. און זי האָט אים דערפאַר באַדאַנקט מיט אַ שמייכל.

איינמאָל איז דער באַשיידענער בחור שטיין געבליבן לעבן לאָליע׳ס הויז, געקוקט אויף איר מיט דאַרשטיקע, פאַרשעמטע אויגן. קאָנטיק, אַז ער האָט עפּעס איר געוואָלט זאָגן און ניט געקאָנט, האָט זי זיך לייכט צוגעטוליעט צו אים. ער האָט זי צערטלעך צוגעדריקט צום האַרצן און אַ קוש געטאָן. אַ ווײַלע זײַנען זיי געשטאַנען אָן ווערטער.

דאַן האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ ציטערדיק קול: „לאָליע, פון היינט אָן רוף מיך מאָריס און ניט מיסטער". ליגט שוין לאָליע די נאַכט אויפן געלעגער מיט וואַכנדיקע אויגן און חלום׳ט פון ליבע און גליק.

לאָליע איז געווען די ערשטע פאַרצושלאָגן מאָריס׳ן, אַז זיי זאָלן נעמען אַ וואוינונג צוזאַמען, וואו זי וועט קאָנען אויפפּאַסן אויף זיין שוואַכן געזונט. אָבער מאָריס האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק פאַר אַ הונגער־לוין און איז תמיד געווען אין טויט־שרעק דעם דזשאָב צו פאַרלירן, האָט ער אפילו ניט געוואַגט צו חלום׳ען פון אַן אייגענער היים מיט לאָליען. קוקט ער אויף איר און אַ שטילער טרויער גיסט זיך פון זיין קרענקלעך פּנים. אָבער דער ליכטיקער שמייכל פון אירע שיינע אויגן פאַרזיסט אים דעם טרויער.

אַ וואָך שפּעטער איז לאָליע געקומען צו אים אַ גליקלעכע, מיט צע־פלאַמטע באַקן און אויסגעשריען: „מאָריס! איך האָב געדונגען דריי מעבלירטע צימערן, פול מיט לופט און זון, ווי אַ בעכער מיט וויין". און ניט לאַנג געטראַכט, האָט לאָליע גענומען איר בחור אונטער׳ן אָרעם און אים אַריינגעבראַכט אין אַ ליכטיקער, וואַרעמער היים, וואו ער האָט געפונען עסן צו דער זעט און גייסטיקע רו פאַר דער נשמה.

לאָליע האָט געוואַכט איבער מאָריס׳ן, ווי אַ מאַמע איבער איר איינציק קינד, און אים געגאָסן גאָלד אין האַלדז. האָט ער גיך פאַרלוירן דעם הוסט, זיינע איינגעפאַלענע באַקן זיינען פול געוואָרן, די אויגן האָבן גענומען שיינען און לאָליע האָט זיך אין אים געשפּיגלט ווי אין אַ גאָלדן פינגערל.

מאָריס האָט פרי פאַרלוירן זיין מאַמע, האָט ער קיינמאָל פריער ניט געוואוסט פון אַזאַ היים און פון אַזאַ פריינט ווי לאָליע. טויזנט מאָמעס איז זי אים געווען, האָט ער איר אָפּגעצאָלט מיט דער גאַנצער ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט פון אַ דאַנקבאַרער, ערלעכער נאַטור. לאָליע האָט אָבער ניט געקענט רוען, ביז זי האָט פאַר איר שווער־פאַרהאָרעוועט געלט געקויפט אַ שטיקל ביזנעס און באַפרייט מאָריס׳ן פון פאַבריק, וואו עס האָט אויף אים געלויערט די „פּראָלעטאַרישע קרענק"...

מאַן און ווייב האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין ביזנעס און מיט שווייס

און בלוט געיאָגט דאָס מזל אַרויף. זייער היים איז געווען אַן אמת׳ע אידיליע. אין זייער פרייער צייט פלעגט מאָריס לייענען פאַר לאַליע׳ן אַרטיקלען פון זייער צייטונג און זי באַקענט מיט אַלע פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן דעם אַרבעטער. זי האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין אידייען, געשעענישן, און רעאַגירן אויף זיי. זי איז געווען געבענטשט מיט אַ זיס קול צום זינגען, און האָט זי געהערט איינמאָל אַ ליד, האָט זי דאָס גלייך איבערגענומען און געטיילט מיטן מאַן די רייכע מתנה, וואָס גאָט האָט איר געשיינקט.

לאַליע איז געווען אַ געבוירענע מאַמע, מיט אַ ים צערטלעכקייט, אָבער קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט. איז ווי זי האָט נאָר געקאָנט אָפּרייסן אַ פרייע מינוט, פלעגט זי זיך אריינכאַפּן אין אַ שכנה׳שער קראַנקען־אינסטיטוציע, העלפן און ריידן צו די קראַנקע וואַרעמע מאַמע־רייד. ספּעציעל אין די מלחמה־יאָרן, ווען ס׳האָבן אויסגעפעלט אַרבעטער אין דער אינסטיטוציע, פלעגט לאַליע אַוועקגעבן שעה׳ן פון איר רו צו בייטן די בעטצייג פון די קריפּלס, אַז זיי זאָלן ניט ליגן אין נאַסקייט און אין שמוץ.

מען האָט קיינמאָל ניט געהערט, אַז לאַליע זאָל זיך אַמאָל באַקלאָגן וואָס זי האָט ניט געהאַט ס׳גליק פון מוטערשאַפט. אָבער דערפאַר איז זי תמיד געווען אַ מאַמע צו די, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ נויט. אָט אַזוי איז לאַליע׳ס לעבן געפלאָסן, ווי וואַסער פון אַ שטילן קוואַל.

איינמאָל, נאָך האַלבער נאַכט, האָט לאַליע אין שלאָף דערהערט ווי מאָריס דרייט זיך אויף זיין געלעגער אין דעם צווייטן בעט.

— מאָריס! דו שלאָפסט? — האָט זי געפרעגט איר מאַן.

— ניין! — איז געקומען אַ וואַכנדיקער ענטפער.

— פילסט ניט גוט?! — האָט לאַליע געפרעגט מיט שרעק און זיך אויפגעזעצט.

— ס׳איז גאָרניט, לאַליע, — האָט זי מאָריס באַרואיגט.

— איז פאַרוואָס שלאָפסטו ניט?

— איך וועל דיר דערציילן אַ שיינס, נאָר זאָלסט פון מיר ניט לאַכן — האָט זיך מאָריס געבעטן ווי אַ קינד. — היינט אינדערפרי, ווען איך בין אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס, איז לעבן אונזער הויז געשטאַנען אַ פרוי איבערגעבויגן איבער אַ קינדער־וועגעלע און גערעדט צום קינד. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ראָזעווע, געפרעסט קלייד און די פליצע אירע איז געווען אינגאַנצן נאַקעט. האָסטו געדאַרפט זען אַ פליצע, ווי אַלבאַסטער. איך האָב נאָך אין מיין לעבן ניט געזען אַזאַ שיין לייב!

לאַליע האָט געשוויגן. עס האָט איר באַלד אַ בליץ געטאָן אין מוח, אַז יענע פרוי איז אוודאי נאָך זייער אַ יונגע . . . און ער, איר מאָריס, זעט אויך אויס אַ סך אינגער ווי זיינע יאָרן אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט אים

תמיד געקעכלט און ניט צוגעלאָזט צו אים קיין זאָרג. און וואָס האָט זי געטאָן אויפצוהאַלטן איר יוגנטלעכן אויסזען? גאָר ניט! איז זי טאַקע פאַרוועלקט געוואָרן פאַר דער צייט. זי דערמאָנט זיך, אַז ווען אירע האָר האָבן אָנגעהויבן שיטער ווערן, האָט מאָריס איר געראָטן אַריינצוגיין צו אַ הויט־ספּעציאַליסט און שוין אין איין וועג אַ פרעג־טאָן, פאַרוואָס איר פּנים איז אַזוי געקאָרטשעט . . . אָבער זיינע רייד זיינען געפאַלן אויף טויבע אויערן. עס קומט איר אויך אויפן געדאַנק, ווי זי האָט זיך איינמאָל אָנגעטאָן אַ קלייד מיט אַן אָפענעם רוקן, האָט זיך מאָריס אָנגערופן:

— לאַליע, ס׳איז ניט שיין פאַר דיר צו טראָגן אַזאַ קלייד, ס׳פּאַסט פאַר אַ יונג מיידל.

„אָבער פאַר יענער פּאַסט יאָ", טראַכט לאַליע מיט ווייטיק. זי וויל זיך דערמאָנען, צי האָט מאָריס אַמאָל באַוואונדערט איר לייב? — ניין! זי געדיינקט ניט קיין איין וואָרט פון אים וועגן דעם. אפילו ניט אין די יונגע יאָרן. לעצטנס רעדט ער אינגאַנצן ניט. זי באַמערקט אָבער, ווי ער קוקט אויף די פּאַסן גרויע האָר אין אירע צעפּ, אויף דער גאָמבע, וואָס הענגט אַראָפּ פון איר קורצן האַלדז און אויף איר צעשוואָומענער פיגור. אפשר דערפאַר וויל ער מיט איר איצט אין ערגעץ ניט גיין? ער שעמט זיך אוודאי מיט איר . . .

ביי דעם געדאַנק דערפילט זי אַ שטאָך און ס׳הויבט זי פון בעט. — ער איז דאָך נאָך אַזוי שיין, איר מאָריס. הויך און גלייך ווי אַ סטרונע — טראַכט ווידער לאַליע. — אמת, זיינע לאָקן זיינען שוין אויך גרוי, כמעט ווייס, אָבער זיי מאַכן זיין ליכטיק פּנים נאָך ליכטיקער. לאַליע הערט ווי מאָריס דרייט זיך ווידער אויף זיין געלעגער, בייזערט זי זיך, ווי אַ מאַמע אויף איר קליין אינגל: „מאָריס! גענוג שוין טראַכטן פון דער פּלייצע, שלאָף, ס׳איז שוין באַלד טאָג!".

ביי איר גאַנצער פאַרשטעלטקייט, פילט מאָריס ווי פּיינלעך ס׳איז פאַר לאַליע׳ן זיין באַגייסטערונג פאַרן שיינעם לייב פון אַ פרעמדער פרוי. און דאָך נעמט זיך וועבן אין אים אַ וואונטש, זיך צו באַקענען מיט יענער פרוי. ער ווייסט נאָך ניט צוליב וואָס, אָבער עס איז אַ באַהאַלטענער פאַר־לאַנג, וואָס איז אַ סך, אַ סך שטאַרקער פון אים!

די פאַרזעסענע

בעטי איז געווען אַ מיידל אפילו אַ ביסל אַן איבערגע־וואַקסענע, דאָך ניט קיין מיאוס׳ע, נאָר אין אירע אויגן האָט זיך שטענדיק געטוקט אַ שטילער צער.

בעטי האָט געהאַט אַ סך פריינדינעס, מיט וועמען זי איז צוזאַמען אויסגעוואַקסן. זיי זיינען, דאַכט זיך, געווען ניט שענער און ניט קליגער פון איר, דאָך האָט יעדע פון זיי געפונען אַ חתן און פרי חתונה געהאַט. אַזוי, איינע נאָך דער אַנדערער, ביז בעטי איז געבליבן איינע אַליין, אַן איין פריינדינע. דאָס מיידל האָט געפילט צו אירע געוועזענע חבר׳טעס אַ ברענענדיקע קנאה, וואָס האָט זי געפייניקט און געגעסן ווי זשאַווער.

בעטי פלעגט זיך גראָד אָפט באַקענען מיט אַ יונגן מאַן. נאָר נאָכן ערשטן, אָדער צווייטן מאָל זיך טרעפן, פלעגן שוין אירע אויגן זיך צעפינקלען, און זי פלעגט מיט ציטער אין די הענט אים נעמען גלעטן און ריידן פון תכלית. און ווי נאָר דער בחור האָט דערהערט דאָס וואָרט „תכלית״, פלעגט ער אַנטלויפן וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט . . .

— זיי אַנטלויפן פון מיר, די בחורים, ווי איך וואָלט געהאַט סם אַרום זיך, — פלעגט בעטי זיך קלאָגן צו זיך אַליין.

אַן אַנטוישטע, מיט אַ שווער־אַנגעלאָדן האַרץ, פלעגט זי זיצן ביי דער מאַשין און האָט געפילט, ווי עפּעס וויינט אין איר. פלעגט זי איר וויטאָק אַריינשטעפּן אין די קליידער, וואָס זי האָט גענייט פאַר רייכע פרויען.

בעטי איז געווען זייער אַ גלויביקע. איז ווען מ׳האָט גערעדט וועגן מלאך־המות, עפּידעמיעס, אומגליקן, האָט זי צו אַלץ געהאַט איין ענטפער: „ס׳איז גאָט׳ס ווילן, און ער ווייסט געוויס וואָס ער טוט״. און כמעט פונקט אַזוי האָט זי געגלויבט אין אַ געוויסן „לינעמענט״. דאָס דאָזיקע מיטל האָט זי גענוצט צו אַלץ: צו קאָפּ־ווייטאָק, צו ציין־ווייטאָק און אפילו צו האַרץ־ווייטאָק. ווען נאָר זי איז אַנטוישט געוואָרן אין אַ בחור, און דער־פילט אַ ווייטאָק אין האַרצן, פלעגט זי זיך תיכף איינרייבן מיט דעם „לינע־מענט״ אונטער׳ן האַרצן. און אַז ס׳האָט גענומען ברענען דאָס לייב, האָט זי שוין ניט אַזוי געפילט דעם האַרץ־ווייטאָק . . .

אָבער איר לעצטע „ליבע" האָט איבערגעלאָזט אין בעטי'ן אַזאַ טיפע וואונד, אַז אפילו דער לינעמענט האָט שוין אויך ניט געקאָנט העלפן. טעג און נעכט איז זי געלעגן אין בעט, ניט געגעסן, ניט געשלאָפן, דאָס פּנים געל ווי פּאַרמעט און מיט שטאַרע אויגן געקוקט צו דער סטעליע. אין אַזעלכע מאָמענטן איז די אַלטע מאַמע געשטאַנען איבער דער טאָכטער און מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן, זי זאָל עפּעס נעמען אין מויל: „גוואַלד געשריען, ווי ליגט עס אַ מענטש גאַנצענע טעג מיט פאַרשמאַכטע ליפּן און האָט ניט קיין רחמנות אויף זיך אַליין?"

און ווען דער מאַמע'ס געבעט האָט ניט געהאָלפן, האָט די פאַרהייראַטע שוועסטער זיך גענומען צום מיידל: „גלויב מיר, שוועסטערקע", — האָט זי איינגעג'טענה'ט — „קיין מאַן אין דער וועלט האָט ניט די ווערט, אַז מ'זאָל צוליב אים פאַרלירן דעם שלאָף. דאַרפסט נאָך זיין צופרידן, וואָס ער האָט דיר ניט צוגעדעקט דעם קאָפּ און איבערגעלאָזט מיט אַ קינד אויף די הענט".

אָבער בעטי איז געלעגן פאַרטראַכט און אַ פאַרביטערטע געשוויגן, ווי אַלץ אין איר וואָלט געוועזן אויסגעלאָשן און די וועלט וואָלט אינגאַנצן אויסגעליידיקט געוואָרן.

האָט זיך שוין אַריינגעמישט דער ברודער און געבראַכט צו איר אַ דאָקטאָר. און ווען דער דאָקטאָר האָט געפרעגט דער קראַנקער וואָס איר איז און זי האָט ניט געענטפערט, האָט די שוועסטער דערקלערט: — ס'איז צוליב אַ בחור, וואָס איז ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אים, נעמט זי זיך ס'לעבן" . . .

— איך וועל זי נעמען צו מיר, — האָט דער ברודער זיך אָנגערופן — מיין פרוי איז אַ גוטע, אַ קלוגע, וועט זי וויסן ווי אַנצוגיין מיט איר...

ווי אַ געהאָרכזאַם קינד איז בעטי נאָכגעגאַנגען דעם ברודער, אָן אַ וואָרט אַרויסצוריידן.

די שוועגערין איז געווען אַ יונגע, אַ פריילעכע. זי האָט גראָד ליב געהאַט אַרויסגיין און פאַרברענגען, אָבער צוליב אירע קליינע קינדער, איז זי זעלטן אַרויס פון שטוב. איצט, אַז בעטי איז דאָ, האָט דאָס ווייבל אויפגעלעבט: כמעט יעדן אָוונט איז דער מאַן געבליבן מיט די קינדער אין הויז, און בעטי מיט דער שוועגערין זיינען געגאַנגען ערגעץ צו־גאַסט, אָדער צו אַ פאָרשטעלונג, אָדער גאָר צו אַ טאַנץ. און יעדן מאָל, וואָס בעטי האָט געטאַנצט מיט אַ יונגנמאַן, האָט זי ווי אויפגעלעבט. בעטי'ס ברודער האָט געוואוינט הינטער'ן שטאָט, אין אַ שיינער, פריוואַטער הויז, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גאָרטן מיט ביימער און בלומען. ס'איז גראָד געווען דער חודש מאַי, פלעגט בעטי פאַרברענגען גאַנצע טעג מיטן

ברודער׳ס קינדערלעך, צווישן צעבליטעביימער און געטונקען זיך אין אַ ים פון מאַיאָווע גרינסן.

מיט יעדן טאָג איז דאָס מיידל געוואָרן פרישער און געזינטער. אירע אויגן האָבן גענומען שיינען, די באַקן האָבן ווידער געקראָגן קאָליר און דער ברודער מיטן ווייב האָבן זיך געפרייט. זי האָט שוין אפילו גערעדט פון פאָרן אַהיים און גיין צוריק צו דער אַרבעט. אָבער דער ברודער איז באַשטאַנען, אַז זי זאָל פאַרבלייבן ביי אים איבער׳ן זומער.

איינמאָל, אין אַ זונטיק, איז די גאַנצע משפחה געקומען געוואָר־ווערן, וואָס בעטי מאַכט. האָט יעדערער איר אַריינגעקוקט אין פּנים און גע־פרעגט: „נו, וואָס מאַכסטו חולה? שוין פאַרגעסן דיינע נאַרישקייטן?...

די שוועגערן האָט אויפגענומען די פעטערס מיט די מומעס, די שווע־געריגס מיט זייערע מענער און קינדער, דערלאַנגט כּיבוד. מ׳האָט זיך צעשמועסט וועגן די לעבעדיקע און די טויטע אין דער משפּחה, ווי אויך וועגן די, וואָס האָבן ניט לאַנג צוריק חתונה געהאַט און גראָד צוגעטראָפן מיט די שידוכים. ביז מ׳האָט דערפירט דערויף, אַז אַ דערוואַקסענע מיידל דאַרף ניט זיין צו איבערקלייבעריש, אַניט קאָן זי פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ. „אָט נעמט טאַקע, בעטי׳ן פאַר אַ ביישפּיל״, — האָט זיך אָנגערופן אַ מומע מיט אַ דריי־גאָרנדיקן גוידער. — איך האָב איר גערעדט אַ טייערן שידוך, מיט אַ ביזנעס־מאַן, ס׳וואָלט איר ביי אים ניט געפעלט פון פויגל־מילך, האָט זי געזאָגט, אַז ער האָט אַ פּנים פון אַ זשאַבע, און האָט מיט אים אפילו ניט געוואָלט אַרויסגיין אין די מואווים״.

— „אַ מאַן דאַרף גאָר ניט זיין שיין״, — האָט אַ קוזינע צוגעלייגט אַ קנייטל. — אַ מאַן, אַז ער איז שענער פון אַ מאַלפּע, איז שוין גענוג. דער עיקר איז, ער זאָל קאָנען מאַכן אַ לעבן״. „יו סעד איט, — האָט אַ פעטער צוגעבאָמקעט. — האָט זי אָבער געוואָלט דווקא אַ ספּאָרט, וואָס דרייט זיך אויפן קאָרעק און ער האָט איר פאַרדרייט דעם קאָפּ״.

זייערע ווערטער זיינען געבליבן שטעקן אין בעטי׳ן ווי שפּיזן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

מיט אַמאָל, האָט זי זיך געגעבן אַ שטעל־אויף, און ניט קוקנדיק אויף קיינעם, זיך געלאָזט לויפן צו דער טיר. זי איז איצט געווען נאָך מער איינזאַם, איידער ווען עס איז פריער.

אַ חלום

ווען דער גביר פון שטעטל האָט געדאַרפט חתונה־מאַכן די מיזינקע, האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון אַ גרויסער שטאָט אַ טאַנץ־מייסטער, אַ פּאַנאָגראַף און רעקאָרדס פון טאַנץ־מוזיק. אַלע אָוונט פלעגט זיך צוזאַמענקומען די גרויסע משפחה צום גביר אין הויז, אויסגעפּוצט אין פּערל און אין ברילִיאַנטן. דער לאָמפּ האָט פריילעך געבליצט. די פענצטער וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין סאָד, זיינען געווען אָפן, ווייל ס'איז געווען זומער־צייט.

איך בין דאַן אַלט געווען 12 יאָר. אַ קיילעכדיקע יתומה, האָב איך זיך געהאָדעוועט ביי אַ מומע. מיין מומע'ס שטוב איז געווען ניט וויט פונם גביר'ס הויז. ווי נאָר איך האָב דערהערט מען שפּילט, האָב איך זיך אַריינגע'גנב'עט אין גביר'ס סאָד, אַרויפגעקלעטערט אויף אַ בוים און צו־געקוקט, ווי גרויס און קליין, יונג און אַלט, לערנען זיך טאַנצן. און וואָס איך האָב געזען אין אָוונט, האָב איך בייטאָג פּראַקטיצירט אויפן בוידעם.

איינמאָל האָב איך איינגעשטודירט אַ טאַנץ, וואו עס האָט זיך געפּאָ־דערט צוצוטופּען מיט די פיס. האָט מיין מומע זיך דערשראָקן און גענומען שרייען: „גוואַלד! גוואַלד! אַ גנב אויפן בוידעם" . . . דערהערט דער מומע'ס גוואַלדן, האָב איך זיך אַריבערגעכאַפּט אויף דער צווייטער זייט פון בוידעם פון דער שותפות'דיקער שטוב, אַראָפּ פון לייטער, און געהאָלפן דער מומע'ן שרייען גוואַלד.

צוויי מענער און מיין מומע זיינען אַרויף אויפן בוידעם מיט שטעקנס, און ניט געפינענדיק קיינעם, האָט די מומע איבערגעקוקט דאָס פּסח'דיקע געשיר, צי ס'פעלט דאָרט גאָרניט. פון דעמאָלט־אָן פלעג איך שוין מאַכן מיינע „רעפּעטיציעס" אין קעלער.

וואָכן־לאַנג האָבן אָנגעהאַלטן די לעקציעס, און איך האָב זיך אויס־געלערנט אַ סך טענץ, אויך סאָלאָ־טענץ. נאָכדעם איז פאָרגעקומען אַ חתונה אין אונזער משפחה. מיין מומע, וואָס האָט מיך ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד, האָט באַשטעלט פּאָר מיר אַ ראָזעווע קלייד. מיט אַ סטענגע האָט זי אַרומגעבונדן מיינע כוואַליעדיקע האָר, וואָס האָבן דאַן

געשיינט ווי קופּער אין דער זון. ווען איך בין שוין געווען אינגאַנצן אַן אויסגעפּוצטע, האָט די מומע מיך געקרוינט מיטן נאָמען „שיינע וועלט״.

אויף דער חתונה בין איך צוגעגאַנגען צו די קלעזמער, באַצאָלט פּופּצן קאָפּיקעס און זיך געהייסן שפּילן „פּאָ אוליצע מאָסטאָווי״. די קלעזמער האָבן ניט געוואוסט, וואָס איך וויל פון זיי, האָב איך געמוזט איבערזינגען אַ פּאָר מאָל די מוזיק. ווען די קאַפּעליע האָט אויפגעשפּילט דעם קלאַסישן טאַנץ, האָט מען געמאַכט פּאַר מיר אַ וואַרע, און איך האָב געטאַנצט אַזוי געשיקט, אַז ווען איך האָב געענדיקט, האָבן זיך דערהערט באַגייסטערטע אויסגעשרייען: „בראַוואָ! בראַוואָ!״. מיין מומע איז צוגע־לאָפן צו מיר און געפרעגט: „שיינע וועלט, וואו האָסטו זיך אויסגעלערנט טאַנצן?!״. — ״אויפן בוידעם״, האָב איך איר געענטפערט.

דעם גאַנצן אָוונט האָט מען מיך שוין ניט אָפּגעלאָזט. אַלע מאָל האָט זיך געפונען עמיצער, וואָס האָט פּאַר מיר באַשטעלט אַ טאַנץ, און איך בין גאָרניט מיד געוואָרן טאַנצנדיק. אויף מאָרגן איז דאָס שטעטל גע־גאַנגען כאָדאָראָם. איינער האָט דערציילט אַ צווייטן:

— איר האָט געדאַרפט זען רחל׳ע, די יתומה טאַנצן! נאָר אויף חידושים צו קוקן.

— ס׳איז דען געווען געטאַנצט? פונקען זיינען דאָך געפלויגן פון אונטער אירע פיס.

— און וואו האָט זי זיך אויסגעלערנט די קונץ, אַז סך־הכל האָדעוועט זי זיך ביי אַן אָרעמער מומע. אַן אלמנה נעבעך, מיט קליינע קינדער? איז טאַקע אַ גרויס חידוש. נאָכדעם, וואו ס׳איז געווען אַ חתונה אין שטעטל, פלעגט מען מיך פאַרבעטן צו באַשיינען די שמחה. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר, ביז — איך האָב געקראָגן אַ שיפסקאַרטע פון אַמעריקע. ביים געזעגענען זיך, האָט די מומע ביטער געוויינט, און אויף איר קוקנדיק — מיינע חבר׳טעס און אַזוי גוטע פריינט. נאָר איך איינע בין געווען מלא גדולה, וואָס איך פאָר קיין אַמעריקע. געווען זיכער, אַז דאָרט, אינם וואונדערלאַנד, וועל איך ערשט ווערן אַ גרויסע טענצערין.

פון שיף האָט מיך אַראָפּגענומען אַ פעטער און געבראַכט צו זיך אַהיים. זיין היים איז באַשטאַנען פון דריי פאַרשטיקטע צימערלעך, וואו ס׳האָבן זיך געפונען עלף נפשות. נאָכדעם ווי די מומע האָט מיר איינ־געגעבן ביטער־זאַלץ און איך האָב זיך „אויסגערינט״, האָט דער פעטער מיך אַראָפּגענומען אין אַ קלאָוק־שאַפּ, וואו מען האָט געאַרבעט פון באַגינען ביזן אָוונט און ניט געפרעגט ווי שפּעט עס איז . . . דער שאַפּ איז אויך געווען ווייט פון זון־ליכט, האָט מען געאַרבעט ביי גאַז־באַלויכטונג און ניט געוואוסט, צי ס׳איז טאָג אָדער נאַכט. און אַזוי ווי ס׳איז געווען

ווינטער־צייט, האָבן די אַרבעטער מורא געהאַט פאַר אַביסל פרישע לופט ווי פאַר פייער. זיינען די פענצטער געווען פאַרהאַקט און פאַרגראַטעוועט, ווי אין אַ תפיסה. פון די שוואַרצע ווענט האָבן זיך געשלענגלט ריטשקע־לעך וואַסער, וואָס איז געקומען פון דער פאַרע פון די פרעס־אייזנס. און האָט זיך דער באַלעבאָס צעקריגט מיט אַן אָפּערעיטאָר, האָט ער געשריען: „סקידו", „ביד איט!". און אים נאָכגעוואָרפן דאָס „קעפל" פון דער זינגער־מאַשין. דער אָפּערעיטאָר האָט גענומען דאָס קעפל אויף די פלייצעס, און געגאַנגען זוכן אַן אַנדער שאַפ . . .

„לאָנטש" האָבן די אָפּערעיטאָרס געגעסן ביי די מאַשינעס. אַ ביס און אַ שטעפ, אַ שטעפ און אַ ביס, און וואָס ס'איז געבליבן האָט מען געוואָרפן אונטער די מאַשינעס, האָבן זיך פליגן „באַזעצט" אין אָפּפאַל. ניט איינער האָט אין יענעם שאַפ זיך אָפּגעשפּאָרט די „פּראָלעטאַרישע קרענק", און איך בין ניט אָפּגעשטאַנען פון די אַנדערע. איך האָב גיך פאַרלוירן מיינע רויטע באַקן, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פונם קליינעם שטעטל, געקראָגן אַ געל פּנים ווי וואַקס און זיך אָפּגעשפּאָרט אַ טרוקע־נעם הוסט, עפּעס ווי פון אַ פּאַס אַרויס. דאָך האָט זיך אויף מיר געפונען אַ בעלן, און איך בין, אַ 17־יאָריקע, געגאַנגען אונטער דער חופּה. איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן אין דעם נייעם לאַנד, בין איך שוין געווען אַ מאַמע פון אַ פּאָר קינדערלעך. די קינדער זיינען געוואַקסן, און מיט זיי — די נויט, ווייל מיין מאַן איז געווען אַ שוואַכער מענטש און אַ קנאַפּער פאַרדינער.

אין פריען באַגינען פלעגט עס אים אַרויסיאָגן צו דער אַרבעט, און אומגעקערט האָט ער זיך אין אָוונט, אינגאַנצן אַן אויסגעשעפּטער. און אַלץ צוליב דעם שטיקל ברויט, וואָס איז אים אָנגעקומען מיט דער גרינער גאַל. האָב איך מיין פלייצע אונטערגעשפּאַרט, מיין האַלדז מיט זיינעם איינגעשפּאַנט, און אי'נאיינעם געשלעפּט דעם שווערן יאָך פון לעבן. אין די ווינטער־נעכט פלעג איך אַרבעטן אויף „באָנדלעך קלאָוקס", וואָס מיין מאַן האָט מיר געבראַכט פון דעם סוועט־שאַפּ, און כ'האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אין שלאָף. און דאָך האָט מיך די בענקשאַפט נאָך טאַנצן ניט אָפּגעלאָזט. ביינאַכט פלעגט זיך מיר חלומ'ען, ווי איך טאַנץ אויף אַ חתונה, מענטשן שטייען קאָפּ־אויף־קאָפּ און שרייען „בראַוואָ!". אינדערפרי איז דער חלום פאַרשוואונדן.

איינמאָל האָב איך איבערגעלאָזט מיין מאַן מיט די קינדער און בין אַוועק צו אַ באָל פון מיינע לאַנדסלייט. איך האָב דאָרט קיינעם ניט דער־קענט, און קיינער האָט מיך ניט דערקענט. בין איך געזעסן און צוגעקוקט, ווי יונגע פּאָרלעך טאַנצן דזשעז־טענץ; ווי עס טוליען זיך שוואַרצע צו

בלאַנדע קעפּ און דרייען זיך ווי אין אַ זיסן חלום, און מיר איז אויסגע־גאַנגען ס׳חיות צו טאַנצן. אָבער ניט נאָך אַ ט־ד י ט ע נ ץ האָב איך געביינקט . . .

אָן אַנטוישטע בין איך אַוועק פונם באַל און נאָך אַלץ געשפּינט אַ שיינעם חלום: אַז איך בין נאָך יונג, ס׳וועט קומען אַ בעסערע צייט, ווען איך וועל קאָנען באַזוכן אַ טאַנץ־שול און באַנייען אַט־דעם קונסט־געביט.

אין שעה׳ן, פרייע, האָב איך געלייענט ביכער, וואָס האָבן מיר דער־ציילט, אַז ערגעץ ווייט־ווייט, איז פאַראַן אַ גרויסע, שיינע וועלט, פול מיט ליכט און ברויזנדיקן לעבן. און אויך פון אַ ז אַ לעבן האָב איך גע׳חלום׳ט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז מיין מאַן ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט. ער איז פאַרבליבן אין בעט, פון וואַנען ער איז שוין ניט אויפגעשטאַנען . . . אַ שווערע קראַנקהייט האָט אים אַריינגענומען ווי אין אַ קלעם, און אויף מאָרגן איז אים שוין ניט געווען צו דערקענען. דער מלאך־המות האָט אויף מיר אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן, און פון יעדן ווינקל האָט געשלאָגן דער ריח פון טויט . . .

מיין מאַן האָט פאַרמאַכט די אויגן, אַוועק אין דער אייביקייט, מיט־נעמענדיק אַלע מיינע שיינע חלומות. איך האָב דערפילט, ווי אינעווייניק ביי מיר אין האַרצן האָט זיך עפּעס איינגעבראָכן. צעקלאַפּט און צעשלאָגן ווי אַ האַרבסטיק בלאַט פון ווינט, בין איך געבליבן שטיין איבער די חורבות פון מיין לעבן. אָן שוץ, אָן זיכערקייט, אַנטקעגן שטורעם פון וויסטע טעג האָב איך זיך מיט מיין מזל געראַנגלט. מיינע טעג זיינען געווען פול מיט פּיין, און די נעכט — פול מיט שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. די זאָרג האָבן מיר די האָר פון קאָפּ געריסן. ניט איינמאָל בין איך געקומען אַהיים נאָך אַ טאָג אַרבעט־זוכן און געפונען מיינע יתומים מיט פאַרשמאַכטע ליפּן, שלינגענדיק זייערע טרערן . . .

* * *

אַוועק זיינען לאַנג שוין יענע שרעקלעכע טעג, נאָר זייער מורא איז פאַרבליבן פריש אין מיין האַרצן. און ווי גייט ס׳לידל:

„יוגנט פאַרגייט; פון טעג ווערן יאָרן,
און איך בין פאַר דער צייט אַלט געוואָרן.״

אין איינעם אַן אָוונט קומט אַריין אַ שכנה און דערציילט מיר, אַז זי לערנט זיך טאַנצן אין אַ קלאַס. זי איז צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל זיך אויך פאַרשרייבן.

— אין מ י י נ ע י אָ ר ן? — זאָג איך. ניטאָ וועמער ס׳זאָל לאַכן.

— עס לערנען זיך איצט טאַנצן פיל עלטערע פון אייך — זאָגט זי — ס׳איז געוואָרן אַ מאָדע: הימל, ערד און טאַנצן. וואו מען קומט, טאַנצט

מען אויף וואָס די וועלט שטייט. זומער אין די האָטעלן, אין קעמפּס, ביי בר־מצוה „פּאַרטיס״, ביי געבורטסטאָג־שמחות. און טאָמער קענט איר ניט טאַנצן — זאָגט זי — זיצט איר און קוקט, ווי אַ בער אויף האָניק.

האָב איך מיך געלאָזט איבעררײדן און בין מיטגעגאַנגען. אַריין אין טאַנץ־זאַל, בין איך געבליבן שטיין פאַרגאַפט פונם גרויסן עולם טענצער. אַ סך פון זיי — שוין אפילו מיט גרייז־גרויע קעפּ, אָבער מיט יוגנט־פייער אין די אויגן, איז מען געשטאַנען אין אַ קאַראַהאַד, האַלטנדיק זיך ביי די הענט. די פאַרשיידענע קאָלירן פון די פרויען־קליידער האָבן גע־כאַפּט דעם אָנבליק פון אַ בלומען־גאָרטן. דער לערער, אַ יונגערמאַן אַן איידעלער, מיט אַ סימפּאַטישן פּנים, האָט ווי אויסגעזונגען: „איינס, צוויי, דריי — און דרייט זיך אויס, צוויי מאָל״. ער האָט אויך געהאַלטן אַן אויג אויף די טענצער און געלערנט שיינע זיטן ביים טאַנצן.

שוין אַ צייט, ווי איך באַזוך דעם טאַנץ־קלאַס. אָפטמאָל גיי איך אַריין אין דער ראָל, און ס׳טוט זיך אָפּ פון מיר די מידקייט פון אַ טאָג אַרבעט. איך פיל זיך אַ באַנייטע, און עס צעברענט זיך אין מיר דאָס טאַנצנדיקע פייערל פון גאָר אַמאָל, ווען מיינע פיס האָבן נאָך געטאַנצט פון זיך אַליין. איז אָבער די צרה: מיין „היוכער בלוט־דרוק״, מיין קורצער אָטעם... און וואונדער! שוין ביים פאַרגיין, האָט די זון מיר ווידער צוגעוואָרפן אַ שטראַל.

פאַראַן ביי מיר אַן אייניקל, אַ מיידעלע פון אַ יאָר עלף, אַ געבוירענע טענצערין, פאַר וועמען טאַטע־מאַמע האַלטן די בעסטע לערערס. אַנומלטן האָב איך זי געזען טאַנצן פאַר אַן עולם פון אַ פּאָר טויזנט מענטשן. דאָס איז ניט געווען גלאַט געטאַנצט. גרינג ווי אַ זומער־פייגעלע, האָט זי אַרומגעשוועבט אינדערלופטן, קוים באַרירנדיק די טאַנץ־בינע מיט די שפּיץ פינגער פון אירע קליינע פיסעלעך.

איך האָב געקוקט אויפן וואונדער־קינד און זיך געזען טאַנצן מיט אַזאַ מייסטערשאַפט, ווי ווען איך בין געווען אין אירע יאָרן. ווען זי האָט געענדיקט, האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. דאָס קינד האָט זיך אַ פּאָר מאָל פאַרנויגט פאַרן עולם און דאַן צוגעלאָפן צו דער באָבע׳ן. זי האָט מיך אַרומגענומען מיט אירע ווייכע הענטעלעך. איך האָב זי צוגעדריקט צום האַרצן און דערפילט, ווי אַ טיפע פרייער גייט־אויף אין מיר, אַז דאָס וואָס איך האָב פאַרשפּילט האָט מיין אייניקל געוואונען . . .

מיין פריינדינע דאָלאָרעס

איך און דאָלאָרעס זיינען געווען איבערגעגעבענע פריינדי־נעס, ניט־קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר זיינען געווען גאַנץ פאַרשיידן. זי איז געווען פון דער היים אַ גימנאַזיסטקע און געטראָגן פענסנע אויף געזונטע אויגן; איך — פון דער היים אַ מאָדיסטקע, אָן פענסנע — און שוואַכע אויגן. זי איז געווען אַ הויכע ווי אַ דראַגונער, איך — אַ קורץ־געוויקסיקע. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָקטאָר, איך — מיט אַ קאָנ־דוקטאָר. זי האָט געהאַלטן אַ קעכין, ווייל זי האָט געהאַסט דאָס קאָכן; איך בין געווען די קעכין און זיך געפרייט, ווען איך האָב געהאַט וואָס צו קאָכן.

דאָלאָרעס האָט געלייענט צו דריי ביכער אויף אַמאָל, מערסטנס טראַ־געדיעס, און איך האָב זיך אַלע מאָל אויסגעזוכט אַ ביכל צום לאַכן. דאָס ביכל האָב איך געלייענט אַזוי לאַנג, ביז איך האָב דאָס געדיינקט אויף אויסנווייניק. דאַן האָב איך אָפּגעוואָרט אַ צוויי וואָכן, און זיך ווידער גע־נומען צו אַ לאַכנדיק ביכל.

דאָלאָרעס האָט געטראָגן קליידער נאָך דער לעצטער מאָדע, און איך האָב געטראָגן אַ קלייד אַזוי לאַנג, ביז ס'איז אַרויס פון דער מאָדע און צוריק אַריין אין דער מאָדע. דעריבער, ווען מיין פריינדין פלעגט מיך אַמאָל דערזען אַן אויסגעפּוצטע, פלעגט זי אָנטאָן די פענסנע, מיך באַ־טראַכטן פון אַלע זייטן און אַרויסגעבן איר אורטייל: „דזשי, יור טעיסט איז טעריבל!" (האָסט אַ שרעקלעכן געשמאַק).

און ניט נאָר מיין געשמאַק אין קליידונג, אויך מיין זיווג איז דאָלאָ־רעס'ן ניט געפעלן. האָט זי מיך איינמאָל גענומען אויפן צימבל:

„ציפּע", האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ גיפטיקן שמייכעלע אין איין ווינקל פון מויל, „איך וואונדער זיך אָפּט. וואָס האָסטו אין דיין טשאַרלי'ן דערזען, וואָס דו האָסט מיט אים חתונה געהאַט. וואָס איז ער דאָס, דער גרויסער קראַסאַוועץ, דער געפערלעכער אינטעליגענט, צי דער גרויסער פאַרדינער? שניידסט דיך דאָך די פינגער פאַר יעדער פעני, וואָס דו גיבסט אים. און דאָך, בוקסטו זיך פאַר אים ווי פאַר אַ קיסר, און ער מיינט, אַז עס קומט אים טאַקע.

„אַט נעם מיין מאַן, ס'פעלט דאָך מיר ניט ביי אים פון קיין פויגל מילך. ס'איז דען דאָ אַ זאַך, וואָס זאָל זיין צו־טייער פאַר מיר? נו, לאָמיך

אים זאָגן אינמיטן אַ זומער־נאַכט, אַז איך וויל אַ געבראָטענס פון שניי — וועט ער ניט זאָגן ס׳אַנדערע וואָרט און וועט לויפן מיר ברייגגען אַ „גע־בראָטנס פון שניי״. און דאָך קייעט ער ביי מיר די ערד, ביז ער קריגט פון מיר אַ קוש, צי אַ גלעט״.

נאָך אַ מעלה האָט מיין פריינדין געהאַט. זי פלעגט מיך לויבן פאַר מענטשן, אַז איך האָב אַ שטאַרקן חוש פאַר הומאָר. אָבער ווען איך האָב איר דערציילט אַ שפּאַס, פלעגט זי מאַכן אַזאַ גרימאַסע, אַז ס׳איז געווען שווער צו זאָגן, צי זי וויל וויינען, אָדער לאַכן. צו דעם פלעגט זי נאָך צוגעבן: „אַלץ איז ביי דיר אַ חכמה!״

איינמאָל האָב איך אַמוזירט אַן אַרבעטער עולם מיט הומאָריסטישע פאָרלייענונגען. אויף מאָרגן האָט מען מיך איבערראַשט מיט אַ שיינער מתנה. איך בין געווען אַזוי גליקלעך מיט דער מתנה, אַז איך בין באַלד אַוועקגעלאָפן צו טיילן מיין פרייד מיט דאָלאָרעס׳ן. האָט זי ניט לאַנג גע־טראַכט און מיר געגעבן אַ קאַלטע וואַנע: „זיי ניט אַזוי צעפלאַטערט! וואָס ווייסן זיי דאָרט פון קונסט? דאָס איז דאָך ניט מער ווי אַ באַנטש „איגנאָראַמוסעס״.

דאָלאָרעס האָט זיך פלוצים צוגעכאַפּט צו פסיכאָאַנאַליז. זי איז אַזוי פאַרקאָכט געוואָרן אין דעם, אַז דאָס וואָרט „סאַיקאָאַנאַליסיס״ (אָדער פסיכאָ־אַנאַליז) איז איר ניט אַראָפּ פון אירע ליפּן. זי איז געוואָרן אַ גאַנצער עקספּערט. און אויף וועמען זאָל זי פּראַקטיצירן אויב ניט אויף מיר — אויף איר בעסטער פריינדין?

למשל: איך האָב איינמאָל געהאַלטן אין לייענען אַ ביכל מיטן נאָמען „יאָסעלע״. אין אָוונט, ווען דאָלאָרעס איז ביי אונז געווען צוגאַסט, האָב איך ביים אָוונט־ברויט אָנגערופן מיין מאַן יאָסעלע, אַנשטאָט טשאַרלי. ס׳האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט. „יאָסעלע״, האָב איך געזאָגט, „פאַרוואָס עסטו ניט?״

דאָלאָרעס האָט אויף מיר געוואָרפן אַ פאַרדעכטיקן בליק און זיך צעלאַכט מיט אַ דריבנעם געלעכטערל. מיין מאַן האָט דאָס באַמערקט און איך האָב זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט. דאָלאָרעס האָט באַלד דער־קלערט, אַז לויט דער לערע פון „סאַיקאָאַנאַליסיס״ איז אין מיין אונטער־באַוואוסטזיין פאַראַן אַ יאָסעלע . . .

אויך אויף אונזער דריי־יאָריקן אינגעלע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן וואונדערלעכע פייאיקייטן פאַר זיין עלטער, האָט דאָלאָרעס ניט פאַרפעלט צו פּראַקטיצירן. ווידער אַמאָל איז זי געווען ביי אונז צו־גאַסט, און ווען טאַטע־מאַמע האָבן איר דערציילט די וואונדער פון דעם קינד, האָט זי אַרויסגעגעבן איר אורטייל:

„איך מיין, אַזאַ קינד, ווי אייער משה׳לע, וואַקסט געווײנלעך אויס אַ גענבי, אָדער אַ גענגסטער".

נו־נו, מער האָט מיין מאַן ניט באַדאַרפט. ווי נאָר דאָס קינד האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט, האָט ער אים גענומען שלאָגן און פאַרגעסן אויפ־צוהערן. דערביי פלעגט ער נאָך שרייען: „דו מיינסט, איך וועל דיך לאָזן אויסוואַקסן אַ גענגסטער? דער׳הרג׳ענען וועל איך דיך פריער!"

דאָלאָרעס איז אויך געווען פאַרקאָכט אין קונסט מכל המינים. וואָס ס׳האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צו קונסט, האָט זי גערעדט דערפון. זי פלעגט זיך אויך באַרימען פאַר מיר, אַז זי באַזוכט אַלע קונסט־אויסשטעל־לונגען, קאָנצערטן און רעסאַיטלס. דעריבער האָט זי אַזוי געהאַסט די קבצנים און איגנאָראַמוסעס, וואָס לעבן אויס די יאָרן, און פרעג זיי בחרם וואָס קונסט איז.

איר פאַראַכטונג פאַר קבצנים איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו אין פּאַרק האָט זי נאָענט לעבן זיי ניט געוואָלט זיצן. „קום אַוועק פון די שלעפּערס", פלעגט זי מיר זאָגן מיט האַס. אָבער ווי אויף צו להכעיס, ווי נאָר מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט, פלעגט באַלד צוקומען עפּעס אַן „איגנאָ־ראַמוס", אָדער אַ „שלעפּער", און זיך געזעצט לעבן מיין פריינדין.

„ס׳איז זיך גאָר ניטאָ וואו אויסצובאַהאַלטן פון די מיזעראַבלע באַשעפענישן", — האָט זי זיך לאַנג ניט געקאָנט באַרואיקן.

איינמאָל, ווי מיר זיינען אַזוי געזעסן אין פּאַרק אויף אַ באַנק, איז צוגעקומען אַן אָרעם־געקליידטע פרוי מיט פיר קינדערלעך, וועלכע האָבן געגעסן ברויט מיט פּאַווידלע. דאָלאָרעס איז פאַרציטערט געוואָרן, ווען די פרוי האָט זיך גראָד געזעצט לעבן איר. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ פאָטאָגראַפ־טשיק. די פרוי האָט צוגעטראָגן אַ טיכל צום מויל, עס באַנעצט און געבעטן די קינדערלעך זיך לאָזן ארומוויִשן, ווען זי זיי נעמען אַ „פּיקטשור" און שיקן דער באָבע׳ן. דאָלאָרעס האָט דאָס ניט אויסגעהאַלטן און זיך אָנגערופן צו דער ווילד־פרעמדער פרוי:

„אַ גליק, וואָס איר ווילט נעמען פון די קינדער אַ פאָטאָגראַפיע, אַניט וואָלט איר זיי געלאָזט אַרומגיין שמוציק, ווי די רוחות".

די פרוי האָט אַ ווײלע באַטראַכט מיין פריינדין, ווי איינער רעדט: „וואָס איז ד אָ ס פאַר אַן אָנשיקעניש?". דערנאָך האָט זי געגעבן אַ שפּיי און איז אַוועק מיט אירע קינדערלעך אויף אַן אַנדער באַנק.

דאָלאָרעס האָט נאָכגעקוקט דער פרוי און שטיל ווי צו זיך אַליין גע־זאָגט: „שי איז עי ריעל קעיס פאַר סאַיקאָאַנאַליסיס". מען דאַרף, הייסט עס, זי נעמען צו אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער צו אונטערזוכן, צי זי איז ביים קלאָרן שכל . . .

„אַ באַשיידענער מענטש"...

די ערגסטע דריי באַשעפענישן אויף דער וועלט זיינען:
אַ חניפה׳ניק, אַ קאַרגער און אַ גדלן.

און לאָמיר זיך ניט נאַרן: וואָס איז דען גדלות? גדלות איז נאַריש־קייט. חניפה ווידער, איז אַ מיאוס׳ע טבע, וואָס יעדער אויפריכטיקער מענטש האָט פיינט און אַ קאַרגער — ניט דאָס לעבט אַליין און ניט דאָס לאָזט יענעם לעבן.

היינט שטעלט זיך פאָר, ווען איינער איז אי אַ חניפה׳ניק, אי אַ גדלן, אי אַ קאַרגער, און נאָך דערצו אַ באַרימער!...

אַנטקעגן וואָס זאָגט איר דאָס?

— איך זאָג דאָס אַנטקעגן אָט דעם נודניק, מיט די כיטרע אויגעלעך, מיטן חניפה־שמייכעלע, וואָס האָט ערשט גערעדט צו אייך...

איך האָב אייך אומיסטן אַוועקגערופן פון אים. אַניט וואָלט ער אייך געוועז פאַרנודיעט צום טויט מיט זיינע באַרימערייען. אַז איך וויס גאָר ניט פונוואַנען עס נעמט זיך ביי דעם מענטשן אַזוי פיל רייד. און נאָר פון זיך רעדט ער. ער מוז אייך אויסדערציילן אַלצדינג, מיט אַלע קליפּערלעך, ווי עס זאָל אייך גיין אין לעבן, ממש.

צוערשט שטעלט ער זיך פאָר אייך פאָר. שטאַמען שטאַמט ער, נאָ־טירלעך, פון דער בעסטער און שענסטער משפחה. ער אַליין האָט געהאַט דאָס בעסטע קעפּל צום לערנען, נאָך צו 15 יאָר ווערט ער אַ פייערדיקער רעוואָלוציאָנער, טראָגט זיך אַרום מיט באָמבעס אין די קעשענעס און גיט די פּראָוואָקאַטאָרס פּולווער שמעקן... און ווען מען זעצט אים אַריין אין חד־גדיא, דערוואַרגט ער דעם וועכטער און אַנטלויפט קיין אַמעריקע.

אָט אַזוי, באַקט ער אייך אָפּ איין מעשה נאָך דער אַנדערער און טוט אפילו ניט אַ פינטל מיט קיין אויג.

נאָר איך, זעט איר, דאַרף מיך ניט באַרימען. אַלע קאָנען מיך. איר זעט אָט די אַלע קנאַקערס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג? ז י י וועלן אייך זאָגן וואָס פאַר אַ ראָלע איך האָב געשפּילט אין 1905. איך פלעג ריידן צו טויזנטער אַרבעטער, אָרגאַניזירט סטרייקס אין פאַרשיידענע שטעט און געברענט אַ וועלט. און ניט ווייל איך וויל מיך באַרימען, לאָמיך נאָר אַ פּיפּס טאָן, אַז איך וויל אַן אמת אין וועלכער ניט איז יוניאָן אין אַמעריקע — זיינען דען ניט אָפן פאַר מיר אַלע טירן?

— טאָ פאַר וואָס נעמט איר ניט אָן קיין אמט?

— איך בין מיר אַ באַשיידענער מענטש און באַלד ווי איר ווערט

אַ פירער אין אַ יוניאָן, ווערט איר אַ קהל׳שער האַנטעך און ווער עס וויל ווישט זיך אָפּ די הענט אין אייך.

אַט קום איך אַריין נעכטן אין אַ נייעם שאַפּ. מאַכט צו מיר דער שאַפּ-טשערמאַן: „איך האָב אייך געהערט ריידן אויף אַ גרויסער פאַר־זאַמלונג״... זע איך דאָך שוין, אַז דאָס וויל ער מיר אויפזיינגען אַ לויב־געזאַנג. האָב איך זיך גלייך אַרויסגעדרייט מיט אַ תירוץ.

— פאַר וואָס מיט אַ תירוץ?

— דערפאַר, וואָס איך האָב פיינט לויבגעזאַנגען... איך האָב גענוג אין מיין ברענטש — נאָר איך וויל מער ניט ריידן פון זיך...

לאָמיר זיך בעסער אומקערן צום נודניק.

צו אַ ברענטש-מיטינג קומט ער דער ערשטער און זעצט זיך אַוועק מיט דער פאַרריסענער נאָר אויבנאָן. ער חלש׳ט צו זיין דער פאָרזיצער. איך, ווידער, קום שפּעטלעך, זעץ זיך אַוועק אין אַ ווינקל און קוק אַריין אין אַ צייטונג. דער אָרגאַנייזער האַלט שוין אָבער אויף מיר אַן אויג.

„פריינט סקימער!״ — רופט ער אויס מיין נאָמען — וואָס האָט איר זיך פאַרקוקט אין אַ ווינקל?

— מהמת — זאָגט ער — גאָלד שיינט פון דערוויטנס. אַלע אויגן זיינען געווענדט צו מיר, נאָר ער, דער נודניק, קוקט ניט אין מיין ווינקל. נאָר דער סוף איז, אַז איך בין פאָרזיצער ביי יעדן מיטינג...

און קומט אַ קאָנווענשאָן, צי מען דאַרף ריידן ביי אַ פאַרזאַמלונג אָדער באַגריסן ביי אַן אונטערנעמונג — ער איז דאָ! אָבער ו ו ע מ ע ן שיקט מען? מיך! ניט ווייל איך זוך כבוד, נאָר, אַז יענער שטופּט זיך — דאַרף מען אים ווייזן ווער עלטער איז...

איר מיינט, אַז איך זאָג זיי ניט: „שיקט אַן אַנדערן״... איז דער תירוץ: ו ו ע מ ע ן? און ס׳איז טאַקע ניטאָ ווער עס זאָל פאַרטרעטן דעם ברענטש. מען וועט דאָך ניט שיקן אַבי וועמען...

— וויפיל מיטגלידער האָט איר?

— אַריבער צוויי הונדערט! אָבער גרויסע עם הארצים!

— פאַר וואָס זעט איר ניט, אַז זיי זאָלן זיך אַנטוויקלען?

— קאַרג קנעל איך מיט זיי? נאָר דאָס זיינען קעפּ פול מיט קליאַטשע...

— זענט איר, הייסט עס, דער איינציקער רעדל-פירער?

— יאָ! דער רעדלפירער, דער וואָרט-זאָגער און דער טאָן-געבער... ס׳איז פשוט איבער מיינע כוחות...

— טאָ ווער צווינגט אייך?

— גרינג צו זאָגן, ווער צווינגט אייך! אַנו, לאָמיר נאָר איינמאָל ניט

קומען צו אַ מיטינג, שיקט מען מיר צו אַ קאָמיטע און מען בעט זיך ביי מיר, אַז איך זאָל ניט אַוועקשטיין . . . — אָן אָרגאַניזאַציע — טענה׳ן זיי — מוז האָבן אַ פירער, אַניט גייט די אָרגאַניזאַציע צו גרונט. טראָג איך טאַקע דעם ברענטש אויף מיינע פּלייצעס. דאָס וואָלט נאָך ניט געווען אַזוי געפערלעך, ווען ניט די באַנקעטן.

— וואָס פאַר באַנקעטן?

— אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק איז דער ברענטש מיך מכבד מיט אַ באַנקעט. וואָלט נאָך דאָס אויך ניט געווען געפערלעך, ווען זיי שטעלן כאָטש ניט אַריין מיין פּיקטשע אין פּעיפּער. ביים באַנקעט איז שוין גאָר ניט אויסצוהאַלטן פון די טאָוסטס, די בלומען, — די מתנות, וואָס מען גיט מיר. כאָטש זיי וויסן גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַן אָפּקומעניש ס׳איז פאַר מיר אַ רעדע, קאָן איך אָבער ניט זיין אַזוי גראָב און זאָגן ניין . . .

— ווי לאַנג נעמט ביי אייך צו האַלטן אַ רעדע?

— וואָס איז שייך ווי לאַנג? עס איז דען אַ רענדל אַ וואָרט? ביי אַ ווינטער־באַנקעט רייד איך ניט מער ווי אַ שעה און אַ האַלב; זומער, מאַך איך דאָס נאָך קירצער . . .

— צו לאַנג!

— צו לאַנג?! . . . אויב אַזוי, קאָנט איר ניט מיין ברענטש. ווען איך זאָל אפילו ריידן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, וואָלט זיי דען נמאס געוואָרן מיך צו הערן!

איר האָט געדאַרפט זען, ווען מיר פירן אין ברענטש אַ דיסקוסיע, ווי ער, דער באַרימער, מיט דער צעשויבערטער פּאַטלע און צעווילדעוועטע אויגן, היצט זיך. ער שפּריצט מיט פייער, שיט מיט ווערטער, וויל אונז פּאַרטומלען די געדאַנקען. די צונג אַרבעט ביי אים מער ווי דער קאָפּ. נאָר קוים נעם איך דאָס וואָרט, אַזוי ציען אַלע זייערע ווערטער צוריק, אַבי איך זאָל האָבן וואָס מער צייט . . . און איך רייד שטיל און באַשיידן און מאַך אים אויסצודרייען . . . בעת מעשה, קוק איך צו אים, צום באַרימער, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, ווי איינער רעדט: „דו שוטה„ וואָס היצסטו זיך? וואָס קאָנסטו מאַכן, אַז איך בין פאַרט געבענטשט מיט טאַלאַנט, און דו ניט? . . .

* * *

אָ, וויפיל דער זייגער איז שוין? וואָס איילט איר זיך אַזוי?! . . . באַטראַכט בעסער אָט דאָס זייגערל . . . איך וואָלט אייך געקענט דערציילן אַ שיינע מעשה ווי אַזוי מיין קלוב האָט אַרויפגעצוואונגען אָט די מתנה אויף מיר. נאָר, אַז איר שטייט אויף איין פוס, איז דאָך ניט שייך. דערמאָנט מיר ווען דעם אַ צווייטן מאָל . . . וועל איך אייך דערציילן.

מאַלע, וואָס אַ דאָקטאָר קאָן זאָגן!

איך האָב אַ שכנה, איז זי פאַרהייראַט 15 יאָר. געווײנט־לעך האָט זי אַלע יאָר אַ קינד. הײנטיקס יאָר איז עפּעס ניט געווען „אָר־דאַטשנע". אָנשטאָט אַ יאָר, האָט איר געדויערט פּופצן חדשים. דערפאַר אָבער האָט זי איצט געבוירן אַ פּאָרל.

איך קוק אויף דער קימפּעטאָרין. זי איז נאָך ניט אַזוי אַלט און איז שוין האַלב־גרוי, די באַקן אײנגעפאַלן, אָן אַ טראָפּן בלוט, ליגט זי ווי אַ פּרינצעסין אין בעט, צוגעדעקט מיט אַ רויטער וואַטאָווע־קאָלדרע פון וועלכער עס קוקן אַרויס פאַרגעלטע שטיקלעך וואַטע.

צופוסנס ליגט דאָס צווילינגל, אײנגעוויקלט אין שמאַטעס, צוזאַמענ־געבונדן אין אַ גרויסער קישן אָן אַ ציך. לעבן בעט שטײען די קינדער־לעך: אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, הונגעריקע און רײַסן פון דער מוטער די הויט:

— גיב עסן!

זי ענטפערט זײ:

— דער פּאַפּאַ וועט באַלד קומען, וועט ער אײַך געבן עסן.

איך גײ צו צום אײַז־באָקס, אויך דאָרט פײַפט דער דלות אויף אַ גאָר ברייטן שטײגער...

— מיסעס קאָהען, — זאָג איך צו דער קימפּעטאָרין, — לאָמיר האָפן, אַז אָנשטאָט אײן מוזיניקל וועט איר האָבן צוויי...

זי פאַרשטײט באַלד, וואָס איך מײן, און מאַכט אַזוי:

— נו, און אַז השם יתברך וועט מיר געבן נאָך, זאָל איך זיך אָפּזאָגן? מיר זײַנען אַזוינע מענטשן, וואָס וועלן ניט גײן אַנטקעגן גאָט... מײַן באָבע האָט געהאַט אײן־און־צוואַנציק קינדער, מײַן מוטער נײַנצן. זײ האָבן זיך אָבער בײַ איר ניט געהאַלטן, ניט פּאָר מיר געדאַכט. מײַן מוטער האָט פון נײַנצן קינדער קוים אויסגעווײנט פיר, איז פון די פיר אַ ברודער געשטאָרבן פון דער „טשעכאָטקע", צוויי שוועסטער פון שוואַכע הערצער, און איך בין געבליבן דאָס אײנציקע אויג אין קאָפּ בײַ מײַן מאַמע'ן. איז נאָך אָבער דער בעכער ניט פול. דער דאָקטאָר זאָגט צו מײַן מאַמען, אַז זי זאָל מיך היטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג! איך האָב ווײניק בלוט, זאָגט ער איר.

נו, נו, ווײנט זי און קלאָגט, די מאַמע. זאָג איך איר: מאַמע, מאַלע וואָס אַ דאָקטאָר זאָגט... מען זאָל זיך וועלן צוהערן צו די דאָקטוירים, וואָלט מען, כ'לעבן, געהאַט אַ שײן פּנים...

אַ ב י ל ד

„ווילדע חיה, ניי ווי אַ מענטש! אַרויסגיין זאָל פון דיר די פּאַרע, טאַטע זיסער. הער אויף לויפן, אַן אויטאָמאָביל וועט דיך נאָך איבערפאָרן! דער׳הרג׳עט זאָלסטו ווערן, גאָטעניו, וואַרט דו משומד! דער טאַטע וועט דיר באַצאָלן מיט פּראָצענט. וואָס לויפסטו? איך וויל דיך „קעטשן״, וועל איך דיך צערייבן אויף פּאָרעך״!

מיט אַזוינע ווערטער און קללות איז אַ יונגע פרוי געלאָפן איבער׳ן פּאַרק נאָך איר פיר־יאָריק אינגעלע. און וואָס מער זי האָט געקוויטשעט אַלץ איינגעשפּאַרטער איז דאָס קינד געוואָרן, און ניט אויפגעהערט צו לויפן, ביז זי איז געבליבן אָן כחות און אַ פּאַל געטאָן אויף אַ באַנק.

— גאָטעניו, — האָט זי שטיל געזאָגט, — איידער ער זאָל אַזוי אויסוואַקסן זאָל ער גאָר עלטער ניט ווערן . . . ביי די ווערטער האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט און זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד.

דאָס אינגעלע האָט זיך אומגעקערט און דערזען, אַז די מוטער זיצט אויף אַ באַנק, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָבער מורא געהאַט צוגיין.

אַ פרוי, וואָס האָט צוגעזען די סצענע, איז צוגעגאַנגען צום קינד און ריידנדיק צו אים צערטלעכע ווערטער, האָט זי אים אויפגעהויבן אויף די הענט. דאָס קינד האָט אויסגעשטרעקט די קליינע הענטעלעך און מיט ליבשאַפט אַרומגענומען דער פרוי׳ס האַלדז . . .

— גאָטעניו, — האָט די פרוי געזאָגט, — הלואי האָב איך אַזאַ קינד . . . און אַ טרער האָט זיך ביי איר אַרונטערגעקייקלט פון אויג און איז געפאַלן אויפן אינגעלע׳ס קוטשעראַווע קעפּעלע . . .

אַראָפּ פון זינען?

דריי טעג פאַר פּסח. דער טאַטע ליגט אויפן טויטן־בעט און די מאַמע טרעט ניט אָפּ פון אים. שוין עטלעכע טעג, אַז ער האָט אויפגעהערט ריידן. פריער פלעגט מען כאָטש הערן אַ הוסט מיט אַ כריפּ, און מיט אַ קוויטש! און איצט הערט מען בלויז אַ כריפּ אָן אַ הוסט און אָן אַ קוויטש. אײן אויג איז שוין ביי אים פאַרמאַכט, און דאָס אַנדערע חלש'ט זיך שוין אויך צוצומאַכן. אָבער די מאַמע לאָזט אַלע ווילע אַרויס אַזאַ: „אוי, אַ דונער האָט מיך דער'הרג'עט!", אַז דאָס איינע אויג נעמט אַזש ציטערן פאַר שרעק!

איך מיט מיין צווילינג־שוועסטער זיינען צוזאַמען אַלט 20 יאָר מיט 15 מינוט — שטייען מיר אין אַ ווינקל ווי פאַרגליווערטע און קוקן אויף אונזערע טאַטע־מאַמע . . .

עס קומט אַריין די רייכע מומע מיטן דריי־גאָרנדיקן גוידער, ברילליאַנ־טענע אוירינגלעך און גרויסע פּערל אויפן שוואַרצן האַלז. זי דערזעט ווי מיר שטייען מיט פאַרלייגטע הענט. עפנט זי איר מענה־לשון:

— זע נאָר — זאָגט זי — ווי זיי שטייען ווי די קלעצער, אַזוינע געזונטע מוידן! קראַנק זענט איר אַליין — זאָגט זי — אַריינפירן דעם פּסח, אַז דער טאַטע איז שלאַף? אַז פירן זאָל מען אייך צום טאַטער, ליבער גאָט! — זי גיט אַ קאָמאַנדעווע, אַז ס'ערשטע זאָלן מיר אָנגיסן די פּסח'־דיקע דייזשע מיט וואַסער און דאַן זיך נעמען צום כשר'ן.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געטראָגן וואַסער פון דער קרעניצע, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ היפּשן מהלך פון אונזער שטוב. שפּעט אין אָוונט, ווען מיר האָבן שוין דערלעבט צו זען דאָס וואַסער אַריבער דעם זאַיער — וואָס ס'באַטייט, אַז די דייזשע איז אַ פולע, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט דער מאַמע'ס האַרצרייסנדיקער געשריי:

— אוי, איך האָב פאַרשפּילט מיין וועלט!

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דעם טאַטנ'ס איינציק אויג האָט זיך שוין אויך פאַרמאַכט.

עס זיינען זיך גלייך צוזאַמענגעלאָפן אַלע שכנים, מומעס, שוועסטער־

קינדער און גלאַט ווייבער אָן אַ שיעור. יעדערע האָט געפּאָדערט פון מיין טאַטן, אַז ער זאָל דאָרט . . . בעטן פאַר איר.

איך הער זיך צו צו זייערע בקשות און קאָן ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ טויטער מענטש קאָן גיין בעטן. מען דאַרף דאָך האָבן כוח דערצו.

איבערהויפּט כאַפּט מיך אָן אַ געלעכטער, ווען אַ אידענע האָט טענות צו מיין טאַטן, פריער מיט גוטן און נאָכדעם מיט בייזן:

— יאָסל, — זאָגט זי — וואָס האָסטו געטאָן? אויף וועמען האָסטו איבערגעלאָזט דיין ווייב און קינדער? וואו וועלן זיי איצט נעמען פון וואַנען אַ טאָג איבערקומען? עס קומט דאָך זיי איצט אויס נאָר גיין מיט אַ טאָרבע איבער די הייזער!

פון דער אידענע׳ס רייד עפנט זיך אַ פרישער קוואַל פון טרערן ביי די ווייבער. מען רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. עס פעלן אויס נאָז־טיכלעך, ווישט מען זיך מיט וואָס עס לאָזט זיך. און איך בין שטאַרקער פון אייזן, אַז איך האַלט עס אויס און שמייכל ניט.

די רייכע מומע האַלט אויף מיר אַן אויג. און ווען זי זעט, אַז איך פאַרקרים זיך אפילו ניט צו לאָזן אַ טרער, גיט זי זיך אַ שטעל אַוועק פאַד־באָקום און מאַכט אַזוי:

— די גאַל קאָן פּלאַצן פון אָט דער מויד! דער טאַטע ליגט מיט די פיס צו דער טיר . . . און זי שטייט ווי אַ מחותנת׳טע אויף אַ פרעמדער חתונה! זאָג נאָר — מאַכט זי צו מיר און גיט מיך אַ קניפּ אין האַנט, — עס אַרט דיך גאָר ניט וואָס דו ביסט געבליבן אַ יתומה?

אַזוי ווי אָן איר וואָלט איך ניט געוואוסט, אַז אַ טאַטע שטאַרבט בלייבט מען אַ יתומה. דאָך וויל איך דער מומע׳ן צוליב טאָן און אויך וויינען ווי אַלע . . . אָבער ס׳איז מיר אוממעגלעך צו לאָזן אַ טרער, כאַטש צערייס זיך אויף שטיקער.

די באָבע האָט זיך פלוצלינג געכאַפּט, אַז דער מלאך המות, וואָס האָט ביי איר איינציק קינד אָפּגעשניטן זיינע יונגע יאָרן, האָט דעם חלף אָפּגע־וואַשן אין דער פסח׳דיקער דייזשע וואַסער, האָט זי באַפוילן דאָס וואַסער גלייך אויסגיסן.

דאָ האָב איך אַרויסגעלאָזט אַזאַ קוויטש, אַז אַלע ווייבער זיינען שטום געבליבן פאַר שרעק! זיי האָבן געמיינט אַז איך בין ניט אַנדערש, נאָר אַראָפּ פון זינען.

פאַרשפּעטיקטע חרטה

דערציילט מיר אַ מאַן:

זונטיק בין איך אַ גאַנצן טאָג געווען אויפן בית־עולם. אַרומגעשפּאַנט אַרום די מצבות פון פריינט, באַקאַנטע, שוין לאַנג פאַרגעסענע... אויך געקוקט אויף די שיינע גערטנדלעך מיט די שמעקעדיקע בלימעלעך און זיך געפרעגט, צו וואָס דאַרפן מתים גערטנדלעך?...

דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, אַ ליכטיקער. די זון האָט געשיינט און מילדע פרילינג־ווינטעלעך האָבן געגלעט, געלאַשטשעט און געוואַרעמט די נשמה־וואונדן...

יעדן זונטיק פרי קאָנט איר מיך זען אַן אויסגעפּוצטן אין סאָבוועי, מיט אַ בוקעט בלומען. מענטשן קוקן אויף מיר און מיינען אוודאי, אַז איך פאָר צו אַ שמחה אָדער צו אַ געליבטער. קיינעם וועט גאָרניט איינפאַלן, אַז אָט־דעם בוקעט בלומען וועל איך באַלד אַוועקלייגן אויף מיין ווייב׳ס קבר.

מיינע האָט זייער ליב געהאַט בלומען. אַליין אויך געווען ווי אַ צאַרטע בלום, וואָס האָט געוועלקט נאָך איידער זי האָט זיך צעבליט. איך האָב איר קיינמאָל ניט געקויפט קיין בלומען... זי האָט געלעכצט נאָך ליבע, צערטלעכקייט, אַ פריינטלעך וואָרט, אַ לאַסקע, און איך האָב אויף איר געשריגן, זיך געקריגט מיט איר, און זי געלאָזט אַליין אויף גאַנצע אָוונטן מיט די פיר ווענט. און ווי שפּעט איך בין ניט אַהיים־געקומען, בין איך געווען ביי איר אַ גאַסט. זי האָט געגרייט דעם טיש און סערווירט אַ געקעכץ, וואָס האָט פאַרשמעקט ס׳הויז. און געקוקט האָט זי אויף מיר מיט אַזאַ ליבער צערטלעכקייט, ווי אַ מאַמע אויף איר איינציק קינד. איך בין געווען איר קינד, ווייל קיין קינדער האָבן מיר ניט געהאַט, און זי האָט פאַרמאָגט אַ ים מיט ליבע, וואָס וואָלט געווען גענוג צו באַטיילן צען קינדער. האָט זי דאָס אַלץ מיר אַוועקגעגעבן. און וואָס מער זי האָט געציטערט און געפלאַטערט איבער מיר, אַלץ ווילדער בין איך געוואָרן, ווי אַ צעלאָזן קינד. מיר האָט דערעסן איר געטריישאַפט, איר מוטערלעכע איבערגעגעבנקייט. איך האָב ניט געקאָנט פאַרטראָגן איר אונטערטעניקייט, דאָס פאַדיען אַרום מיר.

יעדן טאָג האָט זי נייע פּאָטראַוועס פאַר מיר צוגעגרייט, און אויב איך האָב ניט געגעסן, האָט זי מיט אַ וויינענדיק קול געזאָגט: „ווי איז

מיר! פונוואַנען וועסטו נעמען כוח? וועסט דאָך אַוועקפאַלן״, כאָטש אַנטקעגן איר בין איך געווען אַ ריז.

איינמאָל, ווען איך האָב אויף שפּייז אפילו ניט געקאָנט קוקן, איז זי אַזוי צוגעשטאַנען צו מיר אַז איך זאָל עסן, ביז איך בין געוואָרן ווילד און איך האָב איבערגעקערט אויף איר דעם טיש מיט די טעלער. אַ גליק, וואָס זי איז אָפּגעשפּרונגען אין צייט, אַניט וואָלט דער שווערער טיש איר געווען איבערגעהאַקט די פיס...

אַ שווייגנדיקע, האָט זי זיך אָנגעבויגן, און אויפגעהויבן די צעבראָ־כענע טעלער. מיט אַ פאַרשטיקט קול האָט זי זיך אָנגערופן: „האָסט דאָך מיך געקאָנט געווען מאַכן פאַר אַ קאַליקע״... די ווערטער זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פול מיט גוטסקייט און מיט צער, אַז איך האָב מיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין...

מיינע פריינט פלעגן זיך פאַר מיר באַרימען, אַז זייערע ווייבער זיינען פירערינס אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. איינער האָט זיך געוויצלט: „מיין ווייב זינגט אין אַ כאָר, און איך עס וועטשערע אויף „נאָטן״. ס׳הייסט, ווען זי גייט אַוועק זינגען, לאָזט זי איבער פאַר מיר אַ „נאָוט״, אין וועלכן זי זאָגט מיר וואָס איך זאָל עסן.

האָב איך גע׳טענה׳ט מיט מיינער: „היינט איז אַן אַנדער צייט. פרויען פירן באַוועגונגען, לערנען זיך זינגען, שפּילן, טאַנצן, און באַ־שיינען שמחות. זיי לייענען ביכער, צייטונגען, און אַז זיי קומען צווישן מענטשן, ווייסן זיי וואָס צו ריידן. און דו — האָב איך איר פאַרגעוואָרפן, — ווען דו קומסט צווישן מענטשן, שווייגסטו ווי אַ פיש...״ פלעגט זי ענטפערן: — „אַז יעדערער וועט ריידן, טאָ ווער וועט הערן?״ און זי האָט זיך געטאָן אירס: טאָג און נאַכט געראַמט און געפּוצט ס׳הויז, אַז ס׳זאָל חלילה קיין שטויבעלע ניט זיין. ס׳איז שוין געווען אַזוי ריין, אַז ס׳האָט זיך אַזש געשפּירט אַן אומעט...

אַלע אינדערפרי איז זי אויפגעשטאַנען גלייך מיט מיר, צוגעגרייט פרישטיק און אַ פּעקעלע שפּייז פאַר מיר מיטצונעמען פאַר מיטאָג. נאָכדעם, אויסגעלייגט פאַר מיר ריינע וועש, אַ ווייס העמד און אַן אויס־געפּרעסטן אָנצוג. דאָס האָט זי געטאָן יעדן פרימאָרגן, אַפילו דאַן, ווען זי איז שוין געווען גוט קראַנק. און ווען זי האָט מיך געזען אַן אויסגעפּוצטן גיין צו מיין באַשעפטיקונג, האָט זי זיך אין מיר געשפּיגלט, ווי אין אַ גאָלדן פינגערל.

ווען איך האָב מיט איר חתונה געהאַט, איז זי נאָך געווען כמעט אַ קינד און שיין ווי אַ בלום, וואָס האַלט זיך ערשט אין צעבליען. אָבער אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה, האָט זי גענומען וועלקן... די האָר האַלב־

גרוי און דאָס פּנים ווי פון פּאַרמעט. דערצו נאָך איז זי געוואָרן אָפּגעלאָזן, געקליידט זיך ווי אַן אַלטמאָדישע פרוי. פלעג איך זיך ביי איר בעטן: „גיי אַמאָל אַריין אין אַ „ביוטי פּאַרלאָר“, ווי אַנדערע פרויען. קויף דיר אַ פּאָר שיינע קליידער. לאָמיך זיך ניט דאַרפן שעמען צו ווייזן מיט דיר צווישן מענטשן“... קיין געלט האָט איר ניט געפעלט, ווייל איך בין אַלעמאָל געווען אַ גוטער פּאַרדינער. זיינען מיינע רייד געפאַלן אויף טויבע אויערן... האָט עס מיך געקרענקט און איך בין כסדר געווען אויפגערעגט און צו איר קיין גלייך וואָרט ניט אויסגערעדט...

מיין באַנעמונג האָט ווי זשאַווער זי געגעסן. זי האָט אָנגעהויבן איינטריקענען פון טאָג צו טאָג. און מאָדנע: איך האָב זיך ניט געפילט שולדיק קעגן איר, נאָר געהאַט אויף איר רחמנות. דאָס רחמנות־געפיל איז געווען אַזוי שאַרף, אַז ס'האָט ווי אַ מעסער געשניטן מיין האַרץ.

זי האָט געצאַנקט, און איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט...

מיט איר אַוועקגיין פון דער וועלט, האָב איך דערפילט, ווי עפּעס איז אין מיר אָפּגעשטאָרבן. מיין לעבן האָט זיך איבערגעריסן און געבליבן שטיין אָן אַ ציל... די שטוב, וואו ס'האָט תמיד געבלאַנקט אין יעדן ווינקעלע, שטייט איצט פאַר'יתומ'ט, אָפּגעלאָזן, פול מיט שטויב...

צימערן זיינען דאָך ווי לעבעדיקע באַשעפענישן: מען מוז זיי האַלטן ריין... שוועבט נאָך איר לעבעדיקער אָטעם אין הויז, און ס'הויבן זיך מיר ניט די הענט צו ברענגען די דירה אין אָרדענונג. ס'וואָלט זיך מיר געדאַכט, ווי איך נעם מיט מיינע אייגענע הענט, און וויש־אַראָפּ די לעצטע שפּורן פון טרויער, וואָס האָט דאָ געהערשט די לעצטע עטלעכע חדשים...

קיינעם אַרט איצט ניט, צי איך עס, צי איך שלאָף. איך דריי זיך אַרום ווי אַ גר, הער זיך צו צו מיינע טריט און צום ווייטיק פון מיין פאַרוואונדעטן האַרץ...

* * *

גיי איך אַלע זונטיק אויף מיין ווייבס קבר און לייג־אַרויף אַ בוקעט בלומען אויף איר מצבה, וואָס קיינער באַזוכט ניט, אַ חוץ מיר... און ווען איך גיי אַוועק, פיל איך, ווי איינער וואָס איז שולדיק אַ גרויסן חוב און צאָלט־אויס צוביסלעך...

אין אַ גרויסן שפּיטאָל

(אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה)

מיין שטאָק אין דעם מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל איז איינער פון פיל שטאָקן. אָבער אויף דעם איינעם שטאָק אַליין איז די צעטיילונג אַ היפּשע. דריי וועלטן, קאָן מען זאָגן, דאָס זיינען: דריי וואָרדס — דער „סאַוט וואָרד", דער „איסט וואָרד" און דער „וועסט וואָרד".

דער „סאַוט וואָרד" דאַרף דאָך אייגנטלעך זיין די דרום־וואַנט. אָבער ניין: אין שפּיטאָל איז עס די מזרח־וואַנט. דאָרט ליגן די פּאַרמעגלעכערע און די יינגערע.

שוין באַלד אינדערפרי איז דער גרויסער צימער פול מיט זון־שיין, ווי אַ בעכער מיט וויין. דאָ ליגט די סמעטענע פון דער אַמעריקאַנער יוגנט: הויך־געבילדעטע, ניט קיין געפערלעך־קראַנקע — לייענט מען די בעסערע צייטונגען, זשורנאַלן און די גייעסטע ביכער און מען טוישט אויס מיינונגען וועגן די לעצטע וועלט־געשעענישן. אין דעם „סאַוט וואָרד" הערט מען תורה און חכמה.

צווישן אָט־דער יונגער חברה געפינט זיך אַ בחורל, וועלכער האָט געקראָגן אַ יידישע דערציאונג. ער האָט אפילו געענדיקט דעם יידישן לערן־אינסטיטוט. אויף זיין טישעלע געפינט מען שוין, ניט נאָר ענגלישע שריפטן, נאָך אויך יידישע: אַ באַנד פּרץ, בערגעלסאָן און די „משפחה מאַשבער" פון נסתר. דערצו ברענגט אים נאָך זיין מאַמע דעם זשורנאַל „יידישע קולטור". פּאַר אָט־די פּאַציענטן האָבן די דאָקטוירים און נוירסעס רעספּעקט ווי פאַר תלמידי־חכמים. זיי פירן־אויס אַלץ וואָס זיי פאַרלאַנגען. זיי קריגן אפילו איין מאָל אין וואָך — „פרענקפורטערס" (וואורשטלעך) מיט זויער־קרויט און סאָדע־וואַסער.

„איסט וואָרד"

אַהער, אין דעם „איסט־וואָרד" קומט ערשט די זון שפּעט נאָך מיטאָג. דאָ ליגן זקנים און וואַרטן ביז מען וועט געבן אַ רוף אַהין, וואו מען פרעגט ניט אויף קיין וויזע...

דאָס זיינען „באַנטשע שוייגס". זיי פאָדערן גאָרנישט. מיט זיי צערעמאָניעט מען זיך ניט. וואָס מען טוט מיט זיי, איז רעכט.

דאָס זיינען געוועזענע האָרעפּאַשניקעס: שוסטערס, שניידערס, סטאָ־ליערס, בלעכערס, וועלכע האָבן פון אַ לעבן־לאַנגער פּראַצע אָפּגעשפּאָרט — ווער אַ קאַנסער, ווער אַ שוואַך האַרץ, צוקער־קראַנקייט, הויכן בלוט־דרוק, געליימטע הענט און פיס און נאָך אַזוינע חולאתן.

צו די מאָלצייטן שטעלט מען אַוועק פאַר יעדן פון די קראַנקע אַ טאַץ מיט די בעסטע שפּייז. אָבער אַ סך פון זיי קאָנען אַליין ניט עסן. ביי איינעם ציטערן די הענט, אַן אַנדערער קאָן זיך שוין גלאַט ניט רירן... פאַראַן אויך אַזוינע, וועמען קיין עסן גייט שוין אינגאַנצן ניט אַן. שטייען די טאַצן אַזוי לאַנג ביז... מען נעמט זיי צו ניט קיין אָנגערירטע, און ווען די שפּיטאָל־אַרבעטער זעען ווי מען וואַרפט אין אָפּפאַל פיש, פליישׁ צי עוף, פלאַצט אין זיי די גאַל. די האַלב־טויטע גיט מען פון פייגל־מילך און זיי, די געזונטע, שווערע אַרבעטער, האָדעוועט מען ווי חזירים — מיט „טשאָקאָלאַד פּודינג". שיין איז צו זען, ווי איין אַלטיטשקער, וואָס קאָן נאָך פלאָנטערן מיט די פיס, פּויזעט צו צו אַן אַדער אַלטיטשקנס בעט און האָדעוועט אים, ווי אַ מאַמע האָדעוועט אַ קליין קינד: „נו, מר. קאָן, עפנט ס'מויל; כוח קריגט מען נאָר אין שיסל. פון וואָס וועט איר האָבן כוח, אַז איר עסט ווי אַ פייגעלע? מיט אַזאַ עסן קאָן מען שנעל קומען צו גאָט".

„איך קום שוין, ביסלעכווייז, צו גאָט סיי ווי", ענטפערט אים דער אַלטינקער.

אייניקע פון אַט־די זקנים פאָרן אַרום אויף אינוואַלידן־שטולן. קומט מען זיך צענויף אין עס־צימער און מען שפּילט אין קאָרטן, דאָמינאָ, מ'לייענט צייטונגען און מען רעדט פון פּאָליטיק. באַווייזט איין אַלטינקער מיטן גראָבן פינגער, אַז די מלחמה וועט נאָך דויערן אַמווייניגסטנס דריי יאָר. ענטפערט אַ צווייטער: „איר זאָלט מיר מוחל זיין, איר זייט אַ גרויסער שוטה! איר האָט אַזוי פיל פאַרשטאַנד וויפיל מיין מינדסטער פינגער. איך זאָג, אַז איצט, ווען רוזוועלט, טשוירטשיל און סטאַלין האָבן געמאַכט אַ בונד, וועט מען געבן היטלערן אַזאַ טערעבענץ, אַז די כאָלירע וועט אים כאַפּן!"

„אָמן!" — שרייען אויס די איבעריקע, און עס דוכט זיך אין דעם מאָמענט, אַז זיי ווערן אַלע יינגער.

„וועסט וואָרד"

אין דעם „וועסט וואָרד" קומט די זון כמעט אינגאַנצן ניט צו... בלויז פאַרן זעצן זיך, וואַרפט זי אַריין אַ שטראַל פון יוצא ווענן.

דאָ ליגן אומהיילבאַרע יידן. נאָך ניט קיין גאָר אַלטע, אָבער זיי האָבן שוין אָפּגעדאַנקט...

די מערסטע פון זיי זיינען געוועזענע קליינע ביזנעס־לייט, וואָס האָבן זיך אַזוי געיאָגט נאָך רייכטום, אַז זיי האָבן גאָר ניט געפילט ווי עס שטאַרבן ביי זיי אָפּ גאַנצע גלידער.

איינער קלאָגט, אַז ער האָט פאַרשפּילט זיין מאָגן: קיינמאָל ניט געגעסן אין צייט, נאָר געלאָפן, נאָר געיאָגט זיך, געוואָלט דעריאָגן די לבנה... ליגט ער איצט אין געהאַקטע וואונדן און קריגט זיך מיט דער איירישער נוירס, וועלכע פאַרשטייט אים ניט, און ער פאַרשטייט זי אויך ניט — רופט ער זי „מיין קליפּה" און שעלט זי, אַז עס זאָל איר אָפּנעמען כאָטש בלויז איין אבר...

עס באַווייזט זיך אַ „נוירסעס־העלפּער", אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן. ער רופט זי צו: „מיסעס, גיט מיר אַ הייס באַטל וואַסער, געבן זאָל אייך גאָט געזונט און לאַנגע יאָר". די פרוי ברענגט אים באַלד אַ הייסע פלאַש וואַסער און ער ווינטשט איר ווידער דאָס אייביקע לעבן.

„שאַ! — פרעגט ער פאַרוואונדערט. — וואָס פאַר דריי בלויע שטערענדלעך טראָגט איר אויף דער ברוסט?" ער דערוויסט זיך, אַז זי האָט דריי זין אין דער אַרמיי. פון דאַן אָן ווענדט ער זיך צו דער פרוי אין איין אָטעם: מיסעס, גאָט זאָל אייך ברענגען אייערע זין, זיגרייכע, געזונטע, פרישע — גיט מיר אַ הייס באַטל וואַסער".

אין דעם „וועסט וואָרד" שפּילן זיך אָפּ שטילע טראַגעדיעס. צו איין קראַנקן, אינגאַנצן אַ פּאַראַליזירטן, בלויז די צונג אַרבעט ביי אים, קומט איין מאָל אין וואָך זיין ווייב, אַן אויסגעפּוצטע, אַן אויפגעראַמטע און שטייט לעבן אים ווי אַ ווילד פרעמדע. ווי נאָר ער דערזעט זי, פאַרקרימט זיך ביי אים דאָס פּנים אין אַ געוויין. אָבער ער וויל איר ניט אָנטאָן דעם פאַרגעניגן, אַז זי זאָל זען זיינע טרערן... פאַרפירט ער מיט איר אַ קריג: „מלאך המות מיינער, ביסט שוין דאָ? — הויבט ער אָן, — נעם מיך אַהיים! זעסט דאָך, אַז איך בין אַ פאַרפאַלענער. שוין צוויי יאָר, אַז איך פויל דאָ און מען טוט גאָר ניט פאַר מיר".

זי שווייגט און ער רעדט ווייטער מיט גאַל אין זיין טאָן: „איך וועל איבערשרייבן די פּאָליסי אויף מיין שוועסטער'ס נאָמען און זי וועט מיך שוין אַרויסנעמען פון דעם גיהנום".

„און דיינע קינדער?" — פרעגט די פרוי מיט אַ טאָן פון פאַראַכטונג.

„מיינע קינדער אַרט עפּעס פאַר מיר? — זאָגט ער מיט ווייטיק, — זיי קומען דאָך אפילו ניט זען צי איך לעב... דאָס איז דיין אַרבעט" — דרייט ער אויס צו איר דעם קאָפּ, — אויף מיין שטייגער זאָלסטו נאָר

אַריבערקומען — שעלט ער זי. אָבער זי בלייבט אים אויך ניט שולדיק. מיט אַ קללה אויף די ליפּן פאַרלאָזט זי דעם שפּיטאָל... אויף דער צווייטער וואָך חזרט זיך איבער די זעלבע העסלעכע שפּיל.

ביי אַ צווייטער בעט זיצט אויך אַ פרוי לעבן איר קראַנקן מאַן: אַן איידעלע, אַ צאַרטע, מיט טיפן טרויער אין די אויגן. מיט איין האַנט גלעט זי דעם מאַנ׳ס שיינעם קאָפּ און מיט דער אַנדערער צערטלט זי זיין בלוטלאָזן פּנים. זי רעדט צו אים ליבע, ווייכע רייד און זיינע מידע אויגן שטראַלן פון גליק. מען זעט, אַז איר אָנוועזנהייט איז ווי אַ באַלזאַם פאַר זיין קראַנק האַרץ.

קומט זי אַלע אָוונט, אָט־די ליבע, שטילע פרוי און זיצט אַזוי לאַנג לעבן איר קראַנקן מאַן, ביז מען דערמאָנט איר, אַז ס׳איז צייט אויסלעשן די ליכט.

◈

שוין איינמאָל אַ דערציאונג!

ניין אַזייגער אין אָוונט. דער מאַן קומט אַהיים פון דער אַרבעט און געפינט זיין זעקס־יאָריק יינגעלע מיט אַ גרויסן בייל אויפן שטערן.

— ווער האָט דיך געשלאָגן? — פרעגט דער פאָטער מיט שרעק.

— די מאַמע האָט מיך אַ וואָרף געטאָן צום אויוון. און ווייסט פאַר־וואָס, דעדי? איך האָב איר געזאָגט: „וואַרט, איך וועל דערציילן מיין דעדין אַז דו האָסט מיך ווידער אַ ביס געטאָן, דערפאַר וואָס איך האָב ניט געוואָלט גיין שלאָפן...

אַן אָנגעצונדענער לויפט דער מאַן אַריין אין אַ צווייטן צימער. עס דערהערט זיך אַ הילכיקער פּאַטש, אַ קוויטש פון אַ פרוי, און עס ווערט שטיל...

ווען דער פאָטער קומט ווידער אַריין צום קינד, זעצט ער אים אויפן טיש און מיט אַ האַקמעסער דריקט ער צו דעם בייל צום יינגעלעס שטערן.

— אָט אַ שטיפמאַמע! — מורמלט דער מאַן, — זי וועט נאָך דאָס קינד מאַכן פאַר אַ קאַליקע.

עס קומט אַריין די פרוי פון דעם צווייטן צימער, איין באַק איז ביי

איר פאַרפלאָמט, די אויגן פאַרווייִנט. דאָך איז זי זייער שיין און יונג. זי זעט גיכער אויס ווי דער מאַנ׳ס אַ טאָכטער, איידער אַ ווייב.

זי איז אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל, און מיט אַ טשעמאָדאַן אין האַנט גייט זי צו דער טיר.

דער מאַן פאַרשטעלט איר דעם וועג. זיי ראַנגלען זיך אַ ווײַלע, אָן ווערטער. מיטאַמאָל שרייט זי אויס:

— לאָז מיך גיין! איך וועל דאָ מער ניט זיין! דו וועסט וואַגן צוליב אַט דעם אויסוואורף (ווייזט אויפן קינד) הויבן אַ האַנט אויף מיר?...

— דו ביסט נאָך געערעכט? נעמסט אַ קינד און מאַכסט אים ברוין און בלוי! ווי האָסטו ניט קיין גאָט אין האַרצן? וועסט דאָך אַליין באַלד זיין אַ מאַמע... — ביי די ווערטער פאַרקאַטשעט ער דעם אַרבל פון דעם קינד׳ס הענטל און רופט זיך אָן: זע, דו מרשעת! מען קאָן דאָך נאָך איבערציילן די ציין דיינע פונם ביס, וואָס דו האָסט אים געגעבן. זע ווי זיין האַנט איז פאַרזאָטן מיט בלוט!

דער פאָטער ברעכט צוזאַמען און פאַלט אויף אַ שטול.

די פרוי קוקט זיך ניט אום, לאָזט זיך גיין. ווען זי שטייט שוין ביים טיר, גיט דאָס קינד אַ האַרצרייסנדיקן געשריי:

— דאַנט גאָו! אַי וואָנט טעל דעדי נאָ מאָר. אַי סווער! (גיי ניט! איך וועל דעם טאַטן מער ניט דערציילן, איך שווער!) — ער גיט אַ קוש זיין מינדסט פינגערל און הויבט דאָס אויף אין דער לופטן...

די פרוי בלייבט שטיין ווי אַ פאַרגליווערטע און האָט ניט דעם מוט אַריבערצוטרעטן די שוועל.

דאָס קינד בויגט זיך אָן צום פאָטער, וועלכער האַלט דעם קאָפּ איןביידע הענט און זאָגט אים אין דער שטיל: „דעדי, דאָנט קראַי, שי עינט גאָאין!“... (וויין ניט, טאַטע. זי גייט ניט!...)